STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07315

# ROYM UN YERUSHOLAYIM

Moses Hess

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



משה העם

# רוים און ירושלים

איבערזעצונג און אפהאנדלונג וועגן

## משה העס, זיין לעבן, זיין ווירקונג
## און זיין פילאזאפיע

פון

ד״ר נחמן סירקין

פארלאג טביה גראהאר

פאריז, 1948.

מיינע קינדער, מרים און דוד רו־
דעצקי, פֿאַר געבן די מעגלעכקייט
אַרויסצוגעבן דאָס דאָזיקע בוך —
אַ האַרציקן ישר־כח.

טביה גראָהאַר

## דערקלערונג פון אַרויסגעבער:

דאָס בוך איז געוואָרן געזעצט פון דער ערשטער אויסגאַבע פון משה העס „רוים און ירושלים" אין דער איבערזעצונג פון ד"ר נ ח מ ן ס י ר ק י ן.

דער פאַרלאַג האָט זיך באַמיט, אין די ראַמען פון מעגלעכקייטן, צו באַזייטיקן די דייטשמעריזמען און אַרויסגעבן דאָס בוך אין דער נייער אָרטאָגראַפיע.

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער מלוכה, ווען ס'ערשטער פאַרויסזאָגער, נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק, עס איז געווען — מ ש ה ה ע ס.

טביה גראַהאַר

# אַנשטאָט אַ הקדמה

„רוים און ירושלים" און זיין מחבר האָבן נישט אויסגעמיטן דעם מזל פון אַלע ווערק און דענקער, וואָס האָבן זיך מקדים געווען לאַנג פאַר זייער דור און וואָס זיינען לאַנגע יאָרן געלעגן אין שטויב אויף די פּאָליצעס. די ביאָגראַפיע פון משה העס, ווי טעאָדאָר זלאָציסטי, נחום סאָקאָלאָוו און אַנדערע, האָבן שוין באַצייכנט דעם פּאַקט, אַז „רוים און ירושלים" האָט בעתן לעבן פון משה העס נישט געטראָפן כמעט קיין אָפּקלאַנג, און ער אַליין איז כל ימיו געבליבן איינזאַם, אָן תלמידים, אָן נאָכפאָלגער. ערשט ווען עס איז אויפגעקומען דער פּאָליטישער ציוניזם, האָט מען זיך אומגעקוקט אויף משה העס און זיין קליין ספרל. נישט פּינסקער, בעת ער האָט געשריבן זיין „אויטאָעמאַנציפּאַציע", און נישט הערצל, שאַפנדיק זיין „יודנשטאַאט", האָבן אַפילו נישט חושד געווען, אַז זיי האָבן געהאַט אַ פאָרלויפער, וואָס אַ סך פריער פון זיי, אַזש אין 1862, האָט ער שוין פאָרמולירט די גרונט־אידעען פון ציוניזם. ערשט אין 1898 פאַלט „רוים און ירושלים" אַריין צו הערצלען אין די הענט, אָבער ער דערלייענט אים נישט ביז צום סוף מחמת, ווי ער זאָגט אַליין, די איילעניש און דרענגעניש אין די דאָזיקע יאָרן האָבן אים נישט דערלויבט אינעם ספר זיך צו פאַרטיפן. און אַז ער קומט סוף כל סוף דערצו אין 1901, טראָגט ער אַריין דעם 2טן מאַי אין זיין טאָגבוך דעם גרעסטן לויב־געזאַנג, וואָס איז, ווי ווייט איך קען דאָס זען, ווען נישט איז פון אַ מאַן פון גרויסער טאַט געמאַכט געוואָרן צו אַ מאַן פון טיפן געדאַנק. „איך בין, שרייבט הערצל, נתפּעל און דערהויבן געוואָרן דורך „רוים און ירושלים". וואָס פאַראַ הויכער יידישער גייסט. אַלץ וואָס מיר האָבן פּרובירט, עקספּערימענטירט שטייט שוין ביי אים".

ער האָט דעם ציוניסטישן אַני־מאמין געגעבן אַזאַ קאָנצענטרירטע סינטעטישע פאָרמולירונג, ווי קיינעם פאַר אים און קיינעם נאָך אים איז דאָרט נישט געלונגען. איר טרעפט ביי אים אין אַ מאָדערנעם

נוסח דעם טראַדיציאָנעלן יידישן מאָטיוו פון שנאת עולם לעם עולם אַ לייט־מאָטיוו פון פינסקערס און הערצלס ציוניזם. אָבער נאָך בו־לטער האָט ער געבראַכט צום אויסדרוק אַ צווייטן אַלט־יידישן מאָטיוו, דער עם לבדד ישכון. נישט געקוקט אויף דעם צוויי טויזנט יאָריקן צוזאַמענלעבן מיט די איבעריקע פעלקער, און נישט געקוקט אויף אַלע אָנשטרענגונגען, האָבן יידן דאָך נישט געקענט אָרגאַניש צוזאַ־מענוואַקסן זיך מיט זיי (ערשטער בריוו). דערפון קומט אַרויס דער אומפאַרמיידלעכער אויספיר, וואָס הגם העס האָט עס געמאַכט בנוגע דייטשלאַנד, קאָן ער, פאַרשטייט זיך, אָנגעווענדעט ווערן אומעטום, אַז ווייבאַלד די יידישע אָפגעזונדערטקייט און במילא די שנאה צו יידן זיינען נאַציאָנאַלע פענאָמענען (ראַסישע אין זיין טערמינאָלאָ־גיע), וועלן נישט רעפאָרמעס, נישט שמד, נישט אויפקלערונג און נישט עמאַנציפּאַציע נישט עפענען ברייט די טויערן פון אַרומיקן סאָציאַלן לעבן פאַר דעם יידן (פערטער בריוו).

אַזוי אַרום באַגעגנט איר ביי העסן גלייכצייטיק מיט די קערנד־לעך פון פּאָליטישן ציוניזם, וואָס האָט געשעפּט זיין פּאַטאָס דער עיקר אין דער אָפּשטויסונג פונעם יידן מצד דער קריסטלעכער וועלט, אויך די ערשטע אָנזאָג־סמנים פונעם שפּעטערדיקן אחד העמיסטישן צ ו ג א נ ג צום ציוניזם ווי דעם איינציקן מיטל פאַרן יידישן פאָלק גייסטיק זיך צו רעאַליזירן אין אַן אייגענער, פרייער סביבה און אויף זיין אייגענעם היסטאָרישן באָדן. דער יידי־שער זשעני איז אין גלות געפּענטעט דורך פאַרשטיינערטע פאָרמעס און וועט זיך באַפרייען פון זייגע קייטן ערשט דורך דער נאַציאָנאַ־לער ווידערגעבורט פונעם יידישן פאָלק (פינפטער בריוו). פונדעסט־וועגן איז פאַראַן, נישט געקוקט אויפן שותפותדיקן צוגאַנג, אַ פונדאַ־מענטאַלער תוכיקער חילוק צווישן העס און אחד העם. העס איז גאָר נישט קיין משכיל און נישט בלויז פאַרמעסט ער זיך נישט צו צעטרייסלען די יידישע „מויערן" און אַפילו נישט די „צוימען" און די „צוימען אַרום די צוימען", נאָר אַדרבא, ער באַטראַכט פאַר צע־שטערעריש דורצוברעכן דעם פאַנצער, וואָס מיט אים האָבן יידישע חכמים און רבנים אַרומגעגאַרטלט די יידישקייט. יעדער פרווו אַריינ־צולאָזן ליכט פון דרויסן אין דער יידישער מחנה וואָלט געהייסן צעשטערן דעם סאַמע יסוד פון דער געשיכטלעכער נאַציאָנאַל־רעלי־גיעזער סטרוקטור פון אונזער פאָלק (דאָרט). איך קאָן נאָר אָנרופן איין נאָמען, שד״ל, וואָס האָט אין מערב־אייראָפּע, אין דער צייט

ווען די השכלה און אַסימילאַציע האָבן געבושעוועט, פּונקט אַזוי ווי זיאָנעריש ווי העס, דערבליקט דעם תהום פון אונטערגאַנג, וואָס אין אים וואָלט די „אויפקלערונג", ווען זי וואָלט איר ציל דער־גרייכט, אַריינגעשליידערט דאָס יידישע פאָלק.

בכן איז העס אויך געווען, אויב איר ווילט, דער פאָרויסזאָגער פונעם רעליגיעזן ציוניזם. פאַר אים איז דער ציוניזם אַ המשך פון דער טראַדיציאָנעלער יידישער בענקשאַפט נאָך ארץ־ישראל און פון דער רעליגיעזער געטריישאַפט דעם הייליקן לאַנד, וואָס יידן האָבן אָפּגעהיט אין משך פון גאַנצן גלות (פּערטער בריוו). קיין חידוש נישט, אַז העס, להיפוך צו פינסקער און הערצל, איז נישט דערגאַנגען צום ציוניזם דורכן טעריטאָריאַליזם און האָט לכתחילה אָנגעהויבן פון ציון. אָבער נישט בלויז צוליב טרייקייט צו טראַדיציע איז ער געווען אַ רעליגיעזער ציוניסט. אויך זיין צוקונפט־אידעאַל ווערט באַשיינט פון רעליגיעזן אָפּגלאַנץ. ציון, די ווידעראויפגעבויטע, זעט ער סאָציאַל געבויט על פי תורת משה (צוועלפטער בריוו).

און ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט אויסזען, איז דער אייגענער העס געווען דער פאָטער פון סאָציאַליסטישן ציוניזם. אַלע שפּעטערדיקע, נחום סירקין, בערל קאַצענעלסאָן ז"ל, האָבן געשעפּט פון זיינע קוואַלן. אין אַ פּאָר זאַצן האָט העס געגעבן די קווינט־עסענץ פון יידישן סאָציאַליזם, בעת ער האָט געזאָגט, אַז די יידישע נאַציאָנאַלע זעלבשטענדיקייט איז אַ תנאי קודם צו אונזער פּאָליטיש ־ סאָציאַלן פּראָגרעס, און אַז די יידישע פאָלקס־מאַסן וועלן נאָר דעמאָלסט זיך קאָנען באַטייליקן אין דער גרויסער געשיכטלעכער באַוועגונג פון דער מאָדערנער מענטשהייט, ווען זיי וועלן האָבן אַן אייגענע היים, אַ פאָטערלאַנד (צוועלפטער בריוו): פּונקט אַזוי שטאַמט פון העסן די גרונט־אידעע פונעם הייננטיקן סאָציאַליסטישן ציוניזם, וואָס זאָגט, אַז נישט גלאַט אַ יידישע היים ווילן מיר בויען, נייערט אַ פרייע יידישע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. דער חילוק איז נאָר, וואָס העס האָט געזען אין דער תורת משה און אין די נביאים דעם אויס־גאַנגס־פּונקט און די באַזע פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט.

ביז איצט איז דאָ געווען די רייד וועגן משה העס, ווי דעם אָנ־זאָגער פון ציוניזם, אין זיינע פאַרשידענע געשטאַלטן. אַ סך ווייני־קער אויפמערקזאַמקייט האָט ביי אונז געקראָגן די צווייטע זייט פון זיין לעבנס־ווערק. וואָרום מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז משה העס איז גלייכצייטיק געווען דער פאָרויסגייער פונעם מאָדערנעם יידישן

נאַציאָנאַלן געדאַנק אויפן ברייטן שטח פונעם יידישן גלות. ערשט אין די לעצטע יאָרן מאַכט דער דאָזיקער געדאַנק פּאַמעלעכע און פאַרזיכטיקע טריט, וואָס דערנענטערן אים צו די מוטיקע פאָרמו־לירונגען פון „רוים און ירושלים". אַ געזונטע פאָלקסטימלעכע אינ־טואיציע האָט אָפּגעהיטן העסן פון קוקן אויף די חסידים מיט די אויגן פון די משכילים. ער איז געווען דער איינציקער מערב־אייראָ־פּעאישער ייד אין זיין צייט, וואָס דער צדיקים־קולט און די הויף־מעשיות האָבן נישט פאַרשטעלט פאַר זיינע אויגן דעם טיף דעמאָקראַ־טישן כאַראַקטער פון חסידות, וואָס ער האָט אין איר געזען אַן אָנ־זאָג אויף אַ יידישן רענעסאַנס. אַקוראַט אַזוי האָט העס מיט אַ גאוו־נישן בליק דורכגעדרונגען די רעליגיעזע פאָרמעס פון יידישן לעבנס־שטייגער און אַנטפּלעקט זייער נאַציאָנאַלן קערן, עפּעס אַזוינס, וואָס נאָך היינט צו טאָג קאָנען אַ סך „וועלטלעכע" יידישע נאַציאָ־נאַליסטן נישט משיג זיין. דער פרומער ייד איז פאַר אים קודם כל אַ יידישער פּאַטריאָט. דער היינטמאָדישער ייד, וואָס פאַרלייקנט, כלומרשט אין נאָמען פון דער ריינער, אוניווערסאַלער, רעליגיעזער אידעע, דאָס יידישע פאָלקסטום, איז פאַר אים אַן אָפּטריניקער אין רעליגיעזן זינען און אַ בוגד אין נאַציאָנאַלן (פערטער בריוו). אין זיין צייט האָט מען באמת געדאַרפט זיין אַ וויזיאָנער, כדי צו באַנייען אין מאָדערנע טערמינען, דעם אַלטן באַגריף פון ישראל ואוריתא, וואָס נישט בלויז משכילים און רעפאָרמערס האָבן פאַרלייקנט, נאָר אויך פרומע יידן האָבן אָנגעהויבן צו פאַרלערנען.

אָט די טיפע פאַרשטענדעניש פאַרן הייליקן בונד צווישן פאָלק און תורה האָט געבראַכט העסן צו אַ קאַטעגאָרישער פאַרניינונג פון דער רעפאָרם, וואָס האָט געוואָלט אַרויסוואַרפן דעם נאַציאָנאַלן קערן פון יידישן דת און איבערלאָזן אויף אַ סגולה בלויז אַ פאָר אַבסטראַקטע אידעען אָן אַחיזה אין לעבן און אָן השפעה אויף אים. פאַר העסן איז שוין דעמאָלסט קלאָר געווען, אַז דאָס מיינט מאַכן פון יידישקייט אַ שלעכטע קאָפּיע פונעם קריסטנטום, ראַציאָנאַליסטיש צוגעשניטן (זיבעטער בריוו). ער ווייסט בלויז פון איין שטאַרקער יידי־שער געמיינשאַפט, דעם אַלטן בית המדרש, וואָס צום גליק, זאָגט ער, עקזיסטירט ער נאָך און וועט עקזיסטירן ביז עס וועט מקוים ווערן די נאַציאָנאַלע ווידערגעבורט פונעם יידישן פאָלק (דאָרט), וואָס פאַר אים מיינט דאָס ווידערקערן פונעם פאָלק אין זיין היסטאָ־רישער היים, ווו יידישקייט וועט זיך קאָנען פריי אַנטוויקלען. דאָרט

וועט דער בית המדרש האָבן מער לופט צום אָטעמען און במילא זיך קאָנען פרייער אויסלעבן, נישט זייענדיק געבונדן דורך פאַר־האַרטעוועטע פאָרמעס, וואָס זיינען אומפאַרמיידלעך און נויטווענדיק כל־זמן מיר זיצן אין גלות.

קיין חידוש נישט, אַז העס, דער טיפער מאמין אין אָרגאַנישער געשיכטלעכער יידישקייט, העס, וואָס איז צו דער יידישער באַפריי־אונגס־וויזיע געקומען פון אינעווייניקסטע אימפּולסן און נישט פון אויסערלעכן שטויס, קיין וווּנדער נישט, אַז ער, איינער פון די געציילטע מערב־יידן פון זיין דור, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דינען דער עמאַנציפּאַציע ווי צו אַן אָפּגאָט און מקריב צו זיין אויפן מזבח פון גלייכבאַרעכטיקונג יידישקייט און יידישן כבוד. „אויב, זאָגט ער, עס זאָל זיין אמת, אַז די עמאַנציפּאַציע פון יידן אין גלות לאָזט זיך נישט פאָרן מיט דעם יידישן פאָלקסטום (נאַציאָנאַליטעט), דע־מאָלסט וואָלט דער ייד געדאַרפט מקריב זיין די ערשטע צוליב דעם צווייטן" (פערטער בריוו). די דאָזיקע קאָנדיציאָנעלע פאָרם באַקומט ביי אים אין אַן אַנדער אָרט אַ קלאָרן אויסדרוק, וואָס לאָזט נישט איבער קיין ספק, ווי סקעפּטיש ער באַציט זיך צו דער מעגלעכקייט פון אַ פולער עמאַנציפּאַציע אין גלות. אין דעם אייגענעם בריוו זאָגט העס: „...צו וואָס זאָלן מיר זיך נאַרן, די איראָפּעאישע פעלקער האָבן קיינמאָל נישט געקוקט אויף דער עקזיסטענץ פון די יידן צווישן זיי אַנדערש ווי אויף אַן אַנאָמאַליע. מיר וועלן תמיד בלייבן פרעמדע צווישן די נאַציעס, וואָס זיי עמאַנציפּירן אונז צוליב הו־מאַניטעט און גערעכטיקייט, אָבער זיי וועלן אונז קיינמאָל נישט אַכטן, כל־זמן מיר וועלן דעם שפּרוך „אובי בענע איבי פּאַטריאַ" (דאָרט, וווּ איינעם איז גוט דאָרט, איז זיין פאָטערלאַנד) שטעלן פאָרויס ווי אַן עיקר פון אונזער אַני מאמין און אַוועקרוקן הינטער־ווײַלעכץ אונזערע אייגענע גרויסע נאַציאָנאַלע זכרונות (פינפטער בריוו). העס, וואָס ציטירט אָפּט זשאַן־זשאַק רוסאָ, וואָלט דאָ געקאָנט דערמאָנען די עצה, וואָס דער לעצטער האָט געגעבן די פּאָלאַקן איבערצודרייען די קלאַסישע פאָרמולע און צו זאָגן „אובי פּאַטריאַ איבי בענע" (דאָרט, וווּ עס איז דאָס פאָטערלאַנד, דאָרט איז גוט). אָבער ווי ווייט איז דער „אויפגעקלערטער" דור פון העסן פון אַזאַ „חוצפּה".

„רוים און ירושלים", געדרוקט מיט 85 יאָר צוריק, איז, ווי מיר האָבן דאָך געקענט זען פון די געבראַכטע כאַראַקטעריסטישע שטע־

לעס, אַ מאָדערן בוך. אמת, עס איז גאָרנישט לייכט צו קלאַסיפיצירן העסן אין די הײַנט אָנגענומענע רובריקעס. אין דעם זינען וואָלט דער טערם מאָדערן אים נישט געקליידט. פרוווט אדרבא, אויף בע־לנות געפינען פאַר אים אַ הײַנטיקן פאַרטיי־צעטל, פאַר אים, וואָס איז גלײַכצײַטיק געווען אַ פּאָליטישער און גײַסטיקער ציוניסט, אַ וועלט־לעכער מענטש און אַ פרומער ייד, אַ טרייער אָפּהיטער פון שולחן ערוך און אַ סאָציאַליסט פון ערשטן ראַנג. נאָר אויב מען קאָן אים נישט רובריצירן, נעמט זיך עס דערפון, וואָס זיין אָדלער־אויג האָט געוואָרפן זײַנע בליקן העט־העט ווייטער פון עפּעמערע טעאָריעס און טאָג־פּלוגתות. דורך אים האָט גערעדט די שטים פון יידישער איי־ביקייט. ער איז געווען דער וואָרט־זאָגער פון לאַנגע יידישע דורות. ער האָט אויסגעדריקט זייערע בענקעניש, זייערע לעבנס־אידעאַלן און געזען זייערע צוקונפט־וויזיעס. און ווער עס רעדט די שפּראַך פון פערמאַנענטער יידישקייט, דער וועט זיין פאַרשטענדלעך, מאָ־דערן אין אַלע צייטן, פאַר אַלע דורות, אַפילו פאַר אונזער צערודערטן דור הפלגה.

י. עפּרויקין

# פ אַ ר ר ע ד ע

דאָס באַרימטע ווערק פון משה העס „רוים און ירושלים" ווערט דאָ איבערגעזעצט צום ערשטן מאָל אין יידיש. די איבערזעצונג איז אַ פולשטענדיקע און נעמט אַריין די בריוו, דעם עפּילאָג, די נאָטן און די באַמערקונגען. נאָר פון דער נאָטע 7 זיינען אַרויסגעלאָזט געוואָרן די אייניקע זייטן, וועלכע באַציִען זיך צו ביאָלאָגישע און כעמישע אונטערזוכונגען.

אין מיין איינלייטונג „מאָזעס העס, זיין לעבן, ווירקונג און פילאָזאָפיע", ווערט געגעבן די ביאָגראַפיע פון מאָזעס העס און די קריטישע פעסטשטעלונג פון זיין פילאָזאָפיע בכלל און זיין אויפפאַסונג פון יידנטום בפרט. דעם ביאָגראַפישן מאַטעריאַל וועגן מאָזעס העס האָט צום ערשטן מאָל צוזאַמענגעשטעלט ט ע אָ ד אָ ר ז ל אָ־צ י ס ט י אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן מאָזעס העס (בערלין 1905). די ביאָגראַפיע איז דערגענצט געוואָרן דורך נייע טאַטזאַכן פון מאַרקס בריוו־אויסטויש מיט ענגעלסן און פון באַריכטן פון אינטערנאַציאָנאַל, אין וועלכע העס ווערט דערמאָנט. די פאָרשונג וועגן מאָזעס העס ביאָגראַפיע קען מען נאָך אָבער נישט באַטראַכטן אַלס אָפּגעשלאָסן. דער פרווו פעסטצושטעלן מאָזעס העס אַלס דעם ערשטן סאָציאַליסט־ציוניסט און אַלס דעם באַגרינדער פון דער סאָציאַליסטישער אויפפאַסונג פון יידנטום, איז דאָ צום ערשטן מאָל אונטערגענומען געוואָרן.

**ד"ר נחמן סירקין**

# מאָזעס העס

## זיין לעבן, זיין ווירקונג און זיין פילאָזאָפיע

1.

עס איז קיינמאָל אפשר נישט געווען אַזוי נויטיק אויפצולעבן דאָס בילד פון מאָזעס העס, דעם גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסט, דעם געניאַלן יידישן געשיכטע - פילאָזאָף און דעם אָנזאָגער פון דער יידישער נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט, ווי אין דער איצטיקער צייט. מאָזעס העס און זיין ווערק איז דורכאויס נאָך נישט געוואָרן אַ היסטאָרישער עפּיזאָד, אַ דערשיינונג פון דער פאַרגאַנגענהייט אַ ליטעראַרישע דערינערונג. די נאַציאָנאַלע און ליטעראַרישע שאַפונג פון מאָזעס העס שטייט אין טיפער און אינערלעכער שייכות מיט אונזער קעגנוואַרט און אירע פּראָבלעמען, מיט די פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם, פון יידנטום און יידישן פאָלק.

מאָזעס העס איז געווען איינער פון די באַדייטנדיקסטע אינטערנאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע פיגורן אין פאָריקן יאָרהונדערט, אָבער ער איז זיכער געווען דער ערשטער און גרעסטער רעוואָלוציאָנערער דענקער און פּאָליטיקער פון יידישן פאָלק אין דער מאָדערנער צייט. זיין פילאָזאָפיע און באַזונדערס זיין געשיכטע־פילאָזאָפיע, וועלכע איז דער יסוד פון זיין סאָציאַליזם, איז נישט פאַראַלטערט און נישט פאַרגעסן געוואָרן, נאָר איז אפשר קיינמאָל נישט דערקענט און פאַרשטאַנען געוואָרן אין איר גאַנצער ברייטקייט און טיפקייט. זיין סיסטעמאַטיש פילאָזאָפיש ווערק האָט העס נישט אָפּגעשלאָסן, פיל ווייניקער איידער מאַרקס זיין סיסטעמאַטיש עקאָנאָמיש ווערק. ער האָט אָבער באַפרוכפּערט דעם סאָציאַליזם מיט אַ טיפן קולטורעל־גייסטיקן אינהאַלט און האָט באַרייכערט זיין אינווענדיקן מאָראַלישן ווערט. די געשיכטע־פילאָזאָפיע, אויף וועלכער

דער סאָציאַליזם ווערט אויפגעבויט, איז פון משה העס פאַרשטאַנען געוואָרן אין ענגסטן צוזאַמענהאַנג מיט דער גאַנצער אַנטוויקלונג פון דער וועלט, בשעת דער עקאָנאָמיש־מאַטעריאַליסטישער סאָציאַליזם וויל שטעלן וואָס ענגער די גרענעצן פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק.

שעפעריש און אָריגינעל איז געווען העס אויף דעם געביט פון יידנטום. זיין פילאָזאָפיע פון יידנטום הייבט ערשט איצט אָן פאַרשטאַנען און אַנערקענט צו ווערן, און זיין ציוניסטישע נבואה איז פיל רייכער אין איר העראָאישן און אוניווערסאַלן תוכן, איידער די ציוניסטישע ליטעראַטור און באַוועגונג. דאָס יידנטום אַלס אַ קולטור־אידעע, אַלס אַ באַזונדערע פאַרשטעלונג פון גאָט, וועלט, געשיכטע און לעבן, איז ווידער אויפגעוואַכט אין דעם באַוווסטזיין פון אונזער דור און זוכט זיך אַנצוטאָן אין די בגדי מלכות פון די פילאָזאָפישע באַגריפן און היסטאָרישע באַגערונגען. דער אויפגעלעבטער נאַציאָנאַל־פאָליטישער ווילן פון יידישן פאָלק איז דורכגעוועבט און דורכגעפלאָכטן מיט יענע אַלע פילאָזאָפישע, רעליגיעזע און קולטורעלע אידעען און שטימונגען, וועלכע זיינען באַהאַלטן און פאַרבאָרגן אין דעם גייסטיקן אוצר פון יידנטום. יידישע סאָציאַליסטן־פילאָזאָפן דערהויבן דעם אמת פון יידנטום מיט מאַיעסטעטישער אויסשליסלעכקייט צו דעם באַהאַלטענעם סוד פון דער אמתער פילאָזאָפיע און די מאָראַל־נבואה פון יידנטום צו דעם קולטור־יסוד פון דער צוקונפטיקער סאָציאַליסטישער מענטשהייט. דער אמת פון יידנטום ווערט איצט דערקענט אַלס די טענדענץ צו אַ נייער סאָציאַלער מאָראַל און לעבנס־פליכט, צו היסטאָרישער דערלייזונג און היסטאָרישן העראָאיזם, צו מענטשהייטס־ווילן און צוקונפט־האָפענונג. אין דעם יידישן נאַציאָנאַל־פאָליטישן רענעסאַנס, אין סאָציאַליסטישן ציוניזם, וויל לעבעדיק ווערן אַ ניי קולטור־יידנטום, וואָס ראַנגלט זיך פאַר זיינע היסטאָרישע פאָרמען.

איז דאָס יידנטום באמת דער לייכטנדער מאָרגנשטערן, וועלכער שטייט פאַר דעם טאָג־אָנקום פון דער סאָציאַליסטישער מענטשהייט? קען דאָס יידנטום ווערן די צוקונפטיקע רעליגיע פון סאָציאַליזם? דאָס איז דאָס פראָבלעם פון אונזער צייט, וואָס דערפון הענגט אָפּ די צוקונפט פון יידנטום און דערמיט אויך די צוקונפט

פון יידישן פאָלק. איידער דער מאָדערנער יידישער געדאַנק וועט זיך אָננעמען גבורה צו זוכן די תשובה אויף דעם פּראָבלעם און אָפילו גאָר שטעלן דאָס פּראָבלעם אין זיין גאַנצער ערנסטקייט, אין זיין גאַנצער גרויסקייט, מוז ווידער אויפגעלעבט ווערן דאָס בילד פון מאָזעס העס. וואָרום העס האָט דער ערשטער אַנטדעקט דעם באַ־האַלטענעם תוכן פון יידנטום, דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דער יידי־שער תורה־נבואה און דעם שעפערישן גייסט פון מענטשלעכער געשיכטע בכלל. וואָרום מאָזעס העס איז נישט נאָר דער באַגרינדער פון ציוניזם, נאָר ער איז דער אַנטדעקער פון דעם סאָציאַליסטישן אינהאַלט פון יידנטום, דער אויפלעבער פון דער יידישער רעוואָלו־ציאָנערער דערלייזונגס־אידעע, וואָס איר פּראַקטישע קאָנסעקווענץ איז דער פּאָליטישער ווידערגעבורט פון דעם יידישן עם־הפלאות. דאָס ווערק פון מאָזעס העס „רוים און ירושלים” וועלכעס איז גע־שריבן געוואָרן מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט פריער, איז נישט געווען דער אויסדרוק פון יענער צייט, נאָר עס איז דער נבואהדיקער אַנזאָג פון אונזער קעגנוואַרט און אירע פּראָבלעמען.

אָבער נאָך אַ גאַנץ באַזונדערן ווערט און אינטערעס באַקומט מאָזעס העס און זיין ווערק אין דעם איצטיקן היסטאָרישן מאָמענט, אין דער איבערגאַנגס־עפּאָכע פון דער צייט, אין דער חבלי לידה פון דער נייער וועלט. אַזוי ווי העס וואָלט פאָרויסגעזען די וועלט־קאַטאַסטראָפע, דעם וועלט־קריג, וועלכער איז דער שרעקלעכער פּראָלאָג פון דער וועלט־רעוואָלוציע. שרעקלעך פלאַקערט איצט דער בלוט־רויטער פייער־פלאַם פון יידישן גלות אויף דער גאַנצער ערד, און דאָס אייביקע פאָלק שטייט איצט אפשר פאַר זיין לעצטער היסטאָרישער אַנטשיידונג. אָבער צום ערשטן מאָל איז דער פרייער רצון פון יידישן פאָלק געוואָרן דער אַנטשיידנדיקער כח איבער זיין שיקזאַל און צוקונפט. די גאַנצע וועלט שטייט פאַר דער עפּאָכע פון איבערבוי און באַנייאונג, די היסטאָריש־אונטערדריקטע פעלקער הייבן זיך אויף פון זייער שטויב צו נייעם נאַציאָנאַלן לעבן, די וועלט־מאַכט ווערט פאַנאַנדערגעטיילט צווישן די פעלקער אויף אַן אַנדער אופן, אין דעם אָריענט און ארץ־ישראל גייט אויף די זון פון היסטאָרישן ווידערגעבורט. די דעמאָקראַטישע און סאָציאַל־רע־וואָלוציאָנערע כחות פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט דער־

וואַכן צום גרויסן אַנטשיידענעם קאַמף מיט די רעאַקציאָנערע קרעפ־טן פון דער אַלטער אָרדענונג. אויך פאַר דעם יידישן פאָלק שלאָגט די אַנטשידענע היסטאָרישע שעה פון דערוואַכונג און ווידערגעבורט: אין דער אויפלעבונג פון מאָזעס העס בילד, אין זיין פילאָזאָפיע, זיין אויפפאַסונג פון יידנטום און זיין בשורה צו דעם יידישן פאָלק, וועט אונזער צייט שעפּן נייעם מוט און נייעם גלויבן און זיך דערהויבן צו גרעסערער קראַפט און טיפער זעלבסטדערקענטעניש.

.2

ווי זעלבסטשטענדיק און אָריגינעל מאָזעס העס איז געווען, איז ער דאָך געווען אַ קינד פון זיין צייט, אַ פּראָדוקט פון זיין סביבה, אָבוואָל ער האָט פאָרויס געאיילט פאַר זיין צייט און איז גע־שטאַנען אין העפטיקן קאַמף מיט זיין יידישער סביבה. כדי צו פאַר־שטיין העסן, מוזן מיר פאַרשטיין די יידישע סביבה, דאָס דייטשע יידנטום אין דער צייט פון מאָזעס העס.

דאָס דייטשע יידנטום אין דער ערשטער העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט האָט שוין געהאַט אַ גאַנץ אנדערן אויסזען, איידער דאָס יידנטום פון מיטלאַלטער און אַפילו אין אַכצנטן יאָרהונדערט. עס איז געוואָרן שטאַרק סאָציאַל און עקאָנאָמיש און האָט זיך אָנגע־שלאָסן אָן דער דייטשער קולטור. אויך פּאָליטיש זיינען יידן געוואָרן פאַקטיש גלייכבאַרעכטיקט און פריי, אָבוואָל דאָס געזעץ האָט זיי די גלייכבאַרעכטיקונג נאָך נישט באַוויליקט. אין מענדעלסאָנס צייַ־טן האָבן יידן אין דייטשלאַנד נאָך נישט געהאַט קיין ווינרעכט אין גאַנצן לאַנד, זיינען געווען סאָציאַל אונטערגעדריקט און האָבן אויך עקאָנאָמיש געלעבט נאָך אין אָרעמע פאַרהעלטנישן. אַלס אַ פאָלק פון האַנדל און פאַרמיטלונג זיינען די מערב־איראָפּעאישע יידן אין אַכצנטן יאָרהונדערט, אַזוי ווי אין גאַנצן מיטלאַלטער, געווען אַפילו אַן עקאָנאָמיש העכער שטייענדיקער קלאַס־פאָלק, אָבער צו גרויסן עקאָנאָמישן רייכטום און סאָציאַלער מאַכט האָבן זיי זיך נאָך נישט געקענט אויפהייבן.

אַנדערש איז עס געוואָרן אין אָנהייב פון דעם ניינצנטן יאָר־הונדערט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די אינדוסטריעל־קאַפּיטאַ־

ליסטישע אַנטוויקלונג אין דייטשלאַנד און די פראַנצויזישע רעוואָלו־ציע און די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות האָבן אַפילו אין דייטשלאַנד אונ־טערגעגראָבן שוין די יסודות פון דער מיטלאַלטערלעכער אָרדע־נונג. די נייע צייט האָט געבראַכט די יידן אין דייטשלאַנד רייכטום, אַ העכערע סאָציאַלע שטעלונג און האָט זיי געעפנט די טויערן פון דער דייטשער קולטור. די פּרינציפּן פון ליבעראַליזם, די מענטשן־רעכט, וועלכע די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט פּראָקלאַמירט און וועלכע די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות האָבן פּאַקטיש פאַרווירקלעכט אין מערב־איראָפּע, האָבן קיינעם נישט געבראַכט אַזאַ נוצן ווי דעם יידישן האַנדלס־פאָלק.

די ראַדיקאַלע קאָנסטיטוציע פון 1793 אין פראַנקרייך האָט דערקלערט, דאָס די מענטשן־רעכט זיינען: גלייכהייט, פרייהייט, זיכערהייט, אייגנטום. אונטער פרייהייט איז פאַרשטאַנען געוואָרן די פרייהייט פאַר דעם איינצלנעם אַלץ צו טאָן, וואָס קען דעם אַנ־דערן נישט שאַדן און אַז יעדער מענטש האָט רעכט אויף פּריוואַט־אייגנטום און אויף אויסנוצונג פון פּריוואַט־אייגנטום. אונטער גלייכ־הייט איז פאַרשטאַנען געוואָרן די גלייכהייט פון אַלע מענטשן אין זייער אינדיווידועלער אויסנוצונג פון זייער אייגנטום. דאָס רעכט אויף זיכערהייט האָט ווידער געמיינט די זיכערהייט פון יעדן איינ־צלנעם אויף דער באַשיצונג פון זיין פּערזאָן, זיין פרייהייט און זיין אייגנטום. פאַר קיין עלעמענט פון דער געזעלשאַפט זיינען די פּרינ־ציפּן פון דער רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע נישט געווען אַזוי באַנגט, ווי פאַר יידן, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין פרייהייט פון באַוועגונג, פון ווינרעכט, קיין גלייכהייט פאַר דעם געזעץ, וואָס זייער אייגנטום איז געשטאַנען שטענדיק אין געפאַר און וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געקענט רואיק געניסן די זיכערהייט פון זייער איי־גנטום.

די מאָדערנע צייט האָט גלייך אויפגעהויבן זייער הויך דעם עקאָנאָמישן צושטאַנד פון די יידן אין מערב־איראָפּע און באַזונדערס אין דייטשלאַנד. נאָך איידער זיי האָבן באַקומען די פאָרמעלע פּאָ־ליטישע גלייכבאַרעכטיקונג, זיינען זיי שוין איבערגעגאַנגען אין גרעסטן טייל אין די רייען פון דער בורזשואַזיע. די צאָל פון די

האַנטוועקער, הויזירער און קליינע הענדלער, וועלכע איז פריער געווען אַ גאַנץ באַדייטנדיקע, האָט אָנגעהויבן צו זינקען און יידן זיינען באַלד אַרויפגעשטיגן צו אַלע העכערע סאָציאַלע פּאָזיציעס. אין דער בילדונג, וועלכע זיי האָבן אויפגענומען מיט אַ ברענענדיקן באַגער, האָבן זיי געפינען אַ ווייטערן וואפן פאַר זייער עקאָנאָמישן און סאָציאַלן אויפשטייג. באַלד זיינען די פאַרפאָלגטע און פאַראַכ־טעטע יידן פון מיטלאַלטער געוואָרן אַ טייל פון דער הערשנדיקער בורזשואַזיע אין דייטשאַלנד, וועלכע איז געגאַנגען אַלץ ווייטער פאָרווערטס אויפן וועג צו סאָציאַלער מאַכט און בילדונג.

צוזאַמען מיטן סאָציאַלן און קולטורעלן אויפשטייג פון די יידן אין דייטשלאַנד, האָט זיך אויך אָנגעהויבן די אינערלעכע גייסטיקע איבערקערעניש אין זייער לעבן. די נאַציאָנאַל־רעליגיעזע יידישקייט, וועלכע איז געווען נישט נאָר אַ רעליגיע, נאָר אַ באַזונדערע לעבנס־פירונג, אַ נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך געהאַלטן אָפּ־געזונדערט פון דער קריסטלעכער סביבה און האָט אויך געהאַט אייגענע פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע צוקונפט־חלומות, — די דאָזיקע יידישקייט האָט נישט געקענט אויסהאַלטן דעם דראַנג פון דער נייער צייט. די ראַציאָנאַליסטישע פילאָזאָפיע פון דער צייט, האָט זיך געשטעלט אין ווידערשפּרוך צו דער יידישער רעליגיע. מענ־דעלסאָנס פּרווו צו מאַכן שלום צווישן דעם יידנטום און דעם גייסט פון דער נייער פילאָזאָפיע האָט, ווי אַלע אַזעלכע שכלדיקע פּרווון, מער אויפגעדעקט דעם קעגנזאַץ צווישן דעם יידנטום און דער דאַמאָלסדיקער פילאָזאָפיע, איידער אויפגעבויט אַ בריק צווישן זיי. דאָס יידנטום האָט אויסגעזען אין די אויגן פון דעם נייעם אויפ־געקלערטן דור, ווי אַן אומגליקלעכער, משונהדיקער איבערבלייבעכץ פון די אַמאָליקע צייטן, וואָס איז פאַראורטיילט צום טויט פון דעם גייסט פון דער נייער צייט.

אויב די יידישקייט האָט פאַרלוירן אונטער דעם דראַנג פון דער צייט איר רעליגיעזן ווערט, איז זי דאָך שוין אַריינגעפאַלן אין אַ פול־שטענדיקער סתירה מיט די נייע סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וועלכע זיינען באַשאַפן געוואָרן פאַר יידן. דער טריאומף פון ליבע־ראַליזם און די אידעען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט געעפנט פאַר יידן ווייט און ברייט די טויערן פון סאָציאַלן אויפשטייג.

די פּאַרענדערטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע לאַגע פון די מערב־אייראָפּעאישע יידן און באַזונדערס פון די דייטשע יידן האָט געבראַכט אין ווידערשפּרוך מיט זייער נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר יידישקייט. אַזוי לאַנג ווי די יידן זיינען געווען פּאָליטיש אונטערגעדריקט, אויסגעשלאָסן פון דער געזעלשאַפט און האָבן געלעבט אין באַשיידענע אומשטענדן צווישן די מויערן פון געטאָ, איז זייער נאַציאָנאַל אָפּגעזונדערטע לעבנס־פירונג, זייער האָפענונג אויף ציון און משיח, זייער מיסטיש־רעליגיעזער בליק צו ירושלים געווען נאַטירלעך און נישט נאָר באַרעכטיקט, נאָר נויטווענדיק און אַ טייל פון זייער גאַנצער באַזונדערער לעבנספירונג און קולטור. ווי באַלד אָבער די טויערן פון געטאָ האָבן אָנגעהויבן איינצופאַלן, און די סאָציאַל און קולטורעל אויפשטייגנדיקע יידן האָבן אויך אָנגעהויבן צו פאָדערן פּאָליטישע און בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג אין דער געזעלשאַפט, איז שוין די נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע פון יידנטום געוואָרן אַ שטערונג צו די עמאַנציפּאַציע־שטרעבונגען פון די יידן.

אין דער דיסקוסיע, וועלכע האָט זיך זייט דעם סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט אָנגעהויבן אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך וועגן דער בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע פון יידן, איז פון דער פיינטלעכער קריסטלעכער זייט אויך פאַראייַנוועגס פאָרגעוואָרפן געוואָרן די יידן, אַז זיי טראַכטן גאָר זיך אומצוקערן צוריק קיין ארץ־ישראל. פון פאַרשידענע זייטן איז אויפגעוויזן געוואָרן, דאָס די יידישע רעליגיע מיט אירע מצוות און פאַרבאָטן שטייט אין ווידערשפּרוך מיט די בירגערלעכע געזעצן פון לאַנד. די קריסטלעכע וועלט האָט עס די יידן געשטעלט אַלס אַן אָפענעם באַדינג פאַר דער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג, דאָס זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייער נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט, אַפילו אין זייערע געדאַנקען און האָפענונגען און דאָס זיי זאָלן צופּאַסן די יידישע רעליגיע צו די וועלטלעכע געזעצן פון לאַנד. נאַפּאָלעאָן, וועלכער האָט צונויפגערופן אַ סנהדרין פון די פאַרטרעטער פון יידנטום, אין יאָר 1807 אין פּאַריז, האָט אייגנטלעך אויסגעדריקט די שטימונג פון דער דאַמאָלסטיקער קריסטלעכער וועלט בנוגע צו דער פראַגע פון דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. ווי קענען יידן פאַרלאַנגען פולשטענדיקע בירגערלעכע גלייכבאַרעכ־

טיקונג, ווען זייער תורה אַנטהאַלט אין זיך אַנדערע בירגערלעכע געזעצן, און ווען זיי פילן זיך אַלס אַ באַזונדערע נאַציע, מיט באַזונדערע אידעאַלן, אינערהאַלב פון דעם פראַנצויזישן פאָלק? די דאָזיקע סתירה האָט דער יידישער סנהדרין געדאַרפט באַפרידיקנדיק פאַרענטפערן, איידער דאָס יידישע פאָלק האָט געקענט באַקומען זיין רעכט אויף גלייכבאַרעכטיקונג.

אַזוי ווי דער מאָדערנער גייסט האָט זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער, איידער די צערעמאָניאַלע רעליגיעזע יידישקייט, אַזוי האָבן אויך די סאָציאַלע און פאָליטישע אינטערעסן פון די אויפגעקומענע יידן דערדריקט די נאַציאָנאַלע בענקשאַפט, די משיח־חלומות און דעם גאַנצן נאַציאָנאַל־פּאָעטישן צויבער, וועלכער האָט געשוועבט איבער דעם געטאָ־יידנטום.. דאָס יידנטום אין מערב־איראָפּע האָט זיך אָנגעהויבן אויפצולעזן. דאָס יידנטום האָט פאַרלוירן זיין אינהאַלט, ווי באַלד נאָר דער ייד האָט געפונען זיין אָנשלוס צו דער אַרומיקער געזעלשאַפט און קולטור. עס האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די מערב־איראָפּעאישע יידן, און באַזונדערס צווישן די דייטשע יידן, די צייט פון פאַרצווייפלונג, מאַסן־שמד און אָפענע אַסימילאַציע. די קינדער און תלמידים פון מענדעלסאָן זיינען שוין כמעט אַלע איבערגעגאַנגען צום קריסטנטום און אין אָנהויב פון נייַנצנטן יאָרהונדערט זיינען די מאַסן־טויפונגען געוואָרן אַ געוויינלעכע דערשיינונג. די אַסימילאַציע איז געוואָרן די מאָדע און דער אידעאַל פון דער צייט און די דאָזיקע אַסימילאַציע האָט געזוכט איר נאַטירלעכע פאַרענדיקונג אין דער טויפונג, וועלכע האָט אין דער געשטאַלט פון דעם טויפצעטל געגעבן דעם ייד דעם איינטריטסבילעט אין דער איראָפּעאישער קולטור, ווי היינע האָט זיך גייסטרייך אויסגעדריקט.

די אַסימילאַציע איז אָבער געווען נאָר איין געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג, וועלכע איז אויפגעטרעטן אין יענער איבערגאַנגסעפּאָכע פון יידישן מיטלאַלטער צו אַ מאָדערנער צייט. זי איז געווען די גייסטיקע אָפּשפּיגלונג פון דעם מאַטעריאַליזם און דעם אייגננוצן פון דער יידישער בורזשואַזיע, וועלכע האָט זיך דאַמאָלסט אָנגעהויבן מעכטיק אַנטוויקלען און האָט געוואָלט פאַרבייטן איר

נאַציאָנאַלע יידישקייט און היסטאָרישע אייגנטימלעכקייט, אויף פּאָליטישער גלייכבאַרעכטיקונג און דעם נוצן פֿון דער הערשנדיקער קולטור. די אַסימילאַציע האָט אָבער דאָך נישט פֿאַרמאָגט די פֿעאיקייט אויסצוזאַפּן דעם לעבנס־זאַפּט פֿון דער יידישער נאַציע. דער פֿאָלקס־אָרגאַניזם האָט זיך דאָך געראַנגלט קעגן דעם דאָזיקן מאַטעריאַליסטישן גיפֿט, וועלכן דער אויפשטייגנדיקער יידישער קאַפּיטאַליזם האָט פֿון זיך פֿאַרשפּרייט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינעווייניקסטער קאַמף צווישן די יידן, אַזוי ערנסט, ווי אין סוף פֿון בית שני, דער קאַמף צווישן די דאַמאָלדיקע מאַטעריאַליסטישע אַסימילאַטאָרן, די העלעניסטן און די נאַציאָנאַליסטן, וועלכע האָבן געהאַלטן טייער דעם גייסטיק־מאָראַלישן אינהאַלט פֿון יידנטום. אויך אין דעם אָנהויב פֿון נײַנצנטן יאָרהונדערט דערוועקן זיך אין דעם דײַטשן יידנטום טיפֿע נאַציאָנאַלע און מאָראַלישע קרעפֿטן, וועלכע זאָגן שוין אָן די היסטאָרישע און קולטורעלע דערוואַכונג פֿון יידישן פֿאָלק.

אין דער זעלביקער צײַט פֿון דער פֿאַנאַנדערבליִונג פֿון דער יידישער בורזשואַזיע און דער אַסימילאַציע, טרעטן אַרויס פֿון שויס פֿון דעם דײַטשן יידנטום די גרויסע סאָציאַלע רעוואָלוציאָנערן און קריטיקער פֿון דער בירגערלעכער וועלט. הײַנע, בערנע, יאַקאָבי, מאַרקס, העס, לאַסאַל זײַנען קינדער פֿון יענער עפּאָכע. זיי זײַנען די גרויסע רעוואָלוציאָנערן פֿון דער צײַט: הײַנע, בערנע, יאַקאָבי — דעמאָקראַטישע רעוואָלוציאָנערן, מאַרקס, העס, לאַסאַל — סאָציאַלע רעוואָלוציאָנערן. די דאָזיקע גרויסע יידישע רעוואָלוציאָנערן האָבן אָבער אויך אַ גאַנץ מערקווירדיקע און אייגנאַרטיקע שטעלונג צום יידנטום, וועלכע אונטערשיידט זיך פֿולשטענדיק פֿון דער פּאַטריאָטיש־בורזשואַזער, דערשראָקענער און פֿאַרעטערישער אַסימילאַציע. די יידן האָבן דאָס רעכט אויף באַפֿרייאונג און עמאַנציפּאַציע, נישט דורך דער דערנידעריקונג פֿון אַסימילאַציע, נאָר דורך דעם כּח פֿון דער רעוואָלוציע — דאָס איז דער נײַער רוף, וועלכער קלינגט אין דעם דערוואַכטן און ווידערשפּעניק געוואָרענעם יידנטום.. בײַ די וועלט־היסטאָרישע יידן דערוועקן זיך שוין יידישע נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערע שטימונגען; עס פֿאַרשטייט זיך, נאָך אין

אַ גאַנץ אומבאַשטימטער און אומזיכערער געשטאַלט. הײנע במשך פון זײן גאַנצן לעבן און לאַסאַל אין זײן פריער יוגנט, װײניגסטנס, זײנען פול מיט באַװונדערונג און סימפּאַטיע צום יידישן פאָלק און זײן מערקװירדיקער דערשײנונג אין דער געשיכ־טע, אָבוואָל בײדע זײנען ביטערע קריטיקער און אָפּשפּעטער פון דעם טראַדיציאָנעלן קאַפּיטאַליסטישן יידנטום, װעלכעס איז אַרײנ־געװאַקסן און אױפגעװאַקסן אין דער מאָדערנער צײט. ביז צום הײנטיקן טאָג קלינגט נאָך די געװאַלדיקע אָנקלאַגע און קריטיק פון מאַרקס קעגן די יידן פון זײן צײט, װעלכע ער האָט אונטער דעם אײנפלוס פון פײערבאַכס רעליגיע־קריטיק און פּראָזעאָלאָגיע, צונױפגעמישט מיט דעם באַגריף און דער אידעע פון יידנטום בכלל. װען מאַרקס זאָגט, אַז די נשמה פון יידנטום איז דאָס געלט, און אַז די עמאַנציפּאַציע פון יידנטום איז די עמאַנציפּאַציע פון דער װעלט פון יידנטום, האָט ער אין אױג אײגנטלעך די יידישע בור־זשואַזיע פון דײטשלאַנד פון זײן צײט, װאָס די מאַטעריאַליסטיש־פאַרדעטערישע אַסימילאַציע איז געװאָרן איר אידעאָלאָגיע.

אַז די יידן זײנען געװאָרן אַ קאַפּיטאַליסטיש־הערשנדיקער קלאַס און זײנען אין זײער מאַטעריאַליזם און אַסימילאַציע טיף געפאַלן, אױף דעם קלאָגן זיך די דאַמאָלסדיקע יידישע פּאַטריאָטן. דער באַגרינדער פון דער װיסנשאַפט פון יידנטום, דער דאַמאָלסט נאָך ייִנגער צונץ שרײבט אין יאָר 1827: „די יידן און דאָס יידנ־טום, װעלכן מיר װילן איבערבױען, איז צעריסן און איז געװאָרן דער רױב פון באַרבאַרן, נאַראָנים, געלט־װעקסלער, אידיאָטן און פּרנסים... די אײגענע װיסנשאַפט איז בײ די דײטשע יידן אָפּגע־שטאָרבן און פאַר דער אײראָפּעאישער װיסנשאַפט האָבן זײ נישט קײן פאַרשטענדעניש, װאָרום זײ זײנען געװאָרן אומטרײ צו זיך זעלבסט, פאַרפרעמדט צו דער אידעע און שקלאַפן פון עגאָאיזם״. עדואַר גאַנז, אײנער פון די יידישע קעמפער פון יענער צײט, װעלכער האָט, װי פיל אַנדערע, שפּעטער פאַרביטן די יידישע פאָן אױף דעם קריסטלעכן קרײץ, רעדט אױך מיט גרױס פאַרביטערונג קעגן דער הערשאַפט פון געלט בײ יידן, קעגן דער יידישער געלט־אַריסטאָקראַטיע, װעלכע מאַכט אַלץ אַזױ נידעריק.

די ייִדישע בורזשואַזיע האָט פאַראַטן דאָס ייִדישע פאָלק דורך אַסימילאַציע און מאַטעריאַליסטישן עגאָאיזם און די ייִדישע געניאַלע רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך אָפּגעקערט מיט פאַרדרוס און עקל פון דעם געלט ־ ייִדנטום און האָבן זיך אויסערהאַלב פון ייִדנטום אויפגעבויט זייער טעמפּל פון אומשטערבלעכקייט. באַלד איז שוין דאָס ייִדישע פאָלק פון דייטשלאַנד געשטאַנען האַרט ביים ברעג פון פאַנאַנדערפאַלונג און אונטערגאַנג. די רייכע און די אינטעליגענץ האָבן געמאַכט דעם לעצטן שריט פון דער אַסימילאַציע און האָבן אָנגעהויבן מאַסנווייז איבערגיין צום קריסטנטום. אין יאָר 1823 האָבן זיך אַ העלפט פון דער ייִדישער געמיינדע אין בערלין געטויפט. אומזיסט האָט די אָרטאָדאָקסיע געשטורעמט און געדונערט, זי איז נישט אומשטאַנד געווען איינצוהאַלטן דעם פאַרניכטנדיקן שטראָם. דאָס דייטשע ייִדנטום האָט ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט דער אייראָפּעאישער קולטור פאַרלוירן זיין ווידערשטאַנדס־קראַפט און איז פון די ערשטע שטראַלן פון דער פרייהייטס־זון געבלענדעט און פאַרבלענדעט געוואָרן ביז צו אומבאַוווסטזיניקייט.

אין דער טיפסטער טיפעניש פון ייִדישן פאָלק איז אָבער דאָך נישט אויסגעלאָשן געוואָרן דער לעבנס־פלאַם. די פאָלקס־נשמה האָט דאָך געפונען אַן אינהאַלט, דורך וועלכן זי האָט זיך געקענט ראַטעווען אין יענער קריטישער איבערגאַנגס־צייט פון אויפלעזונג און אונטערגאַנג. אויב דאָס ייִדישע פאָלק האָט נישט קיין צוקונפט און האָט פאַרלוירן זיין פעסטן גלייכגעוויכט אין דער קעגנוואַרט, האָט עס דאָך געהאַט אַ גרויסע און גלאָררייכע געשיכטע, וועלכע האָט געווירקט אויף דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט און וועלכע לעבט נאָך אין דער ייִדישער קעגנוואַרט אין פאַרשידענע אופנים. אין דער העברעאישער שפּראַך, אין דער ייִדישער געשיכטע, פּאָעזיע, ליטעראַטור, פילאָזאָפיע, רעליגיע־פילאָזאָפיע, אין די גייסטיק־מאָראַלישע אייגנשאַפטן פון ייִדישן לעבן און פאַמיליען־לעבן פון דער קעגנוואַרט איז געפונען געוואָרן אַ זין און אינהאַלט פאַר דעם ייִדנטום. אין יענער קריטישער איבערגאַנגסצייט, האָט אָנגעהויבן באַשאַפן צו ווערן די אַזוי גערופענע וויסנשאַפט פון ייִדנטום, וואָס אימאַנועל וואָלף האָט אַזוי מערק־

ווירדיק טיף און רייך באַשטימט איר זין און אינהאַלט אין דער צייטשריפט פון קולטור־פאַריין אין 1823. יאָסט, צונץ, לע־וויסאָן זײַנען אויפגעטרעטן מיט זייערע ערשטע פאָרשונגען און פּאָעזיעס, און באַלד האָבן זיך שוין דערזען די אויפגייענדיקע שטערנס פון גרעץ, גייגער, קראָכמאַל, ראַפּאָפּאָרט און פיל אַנדערע פאָרשער און שעפער אויף דעם פּילזייטיקן פעלד פון דער וויסנשאַפט פון יידנטום. עס האָט זיך אָנגעהויבן דערוועקן אין יענער צייט פון געפאַלנקייט דורך די דאָזיקע יידישע פאָרשונ־גען דער זעלבסטגעפיל און די אַכטונג צו דער אייגענער מערק־ווירדיקער נאַציע ביי דער בעסערער יידישער אינטעליגענץ. באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן ציען פון דער נייער וויסנשאַפט פון יידנטום שטראַלען פון גייסטיקער און נאַציאָנאַלער ענערגיע, וועל־כע האָבן צווישן יידן פון דער גאַנצער וועלט געוועקט און גערופן דעם פאַרצווייפלטן אָדער פאַרגליווערטן יידישן גייסט.

אָט אין יענער מערקווירדיקער צייט פון דער אַסימילאַציע פון דער בורזשואַזיע, פון דער רעוואָלוציאָנערער קריטיק פון די יידישע סאָציאַליסטן, פון דעם בלינדן קאַמף פון די אָרטאָדאָקסן און די ערשטע שפּראָצונגען פון דער וויסנשאַפט פון יידנטום איז אויפגעטרעטן מאָזעס העס.

צום גליק האָט ער אין זיין נשמה פאַרייניקט די רעוואָלוציאָנע־רע אומרואיקייט פון מאַרקס און לאַסאַל און די ראָמאַנטיש־יידישע שטימונג פון היינע און גרעץ, וועלכע האָבן געפונען אַ פרוכטבאַרן באָדן אין זיינע יידישע ידיעות און זיינע שיינע פרום־אָרטאָדאָקסי־שע פאַמיליען־טראַדיציעס. אַן אוניווערסאַלער רעוואָלוציאָנער און פילאָזאָף און אַ יידישער נאַציאָנאַליסט און קעמפער פאַר דער ווידעראויפלעבונג פון יידן און יידנטום, — דאָס איז געווען אין יענער צייט אַ נייע און זעלטענע דערשיינונג, וועלכע מען האָט שלעכט פאַרשטאַנען און נאָך ערגער אָפּגעשאַצט. ערשט אונזער צייט איז עס אויסגעקומען צו פאַרשטיין און ווירדיקן מאָזעס העס נאָך זיין גאַנצן היסטאָרישן ווערט.

.3

מאָזעס העס איז געבוירן געוואָרן אין באָן, אין דייטשלאַנד, דעם 21 יאַנואַר 1812. זיינע עלטערן זיינען געווען פרומע, אָרטאָ־דאָקסישע יידן, פון סוחרישן שטאַנד, וועלכע האָבן געגעבן דעם יינגן מאָריץ אַ גוטע יידישע דערציאונג. דאָס זיינען געווען יידן פון דעם אַלטן שטייגער, וועלכע זיינען געווען שטאָלץ מיט זייער יחוס פון רבנים און תלמידי חכמים און וואָס אין זייער הויז האָט געשוועבט אַ פרומער, ערלעכער, יידישער גייסט.

אַלס יינג קינד האָט ער זיך דערצויגן אין באָן, אין הויז פון זיין זיידן, וועלכער האָט געהערט צו יענע טיפּן פון כאַראַקטער־פעסטע, שטאַרק־גלויביקע סוחרים־למדנים, מיט וועלכע דאָס אַמאָליקע יידישע לעבן איז געווען אַזוי רייך. דער דאָזיקער פרומער, געלערנ־טער און אומאָפּהענגיקער מאַן האָט געהאַט אויף דעם קליינעם מאָריץ די שטאַרקסטע ווירקונג. זיין פרומקייט, זיין ווירדע, זיין געלערנטקייט, זיין גלויבן און זיין ליבע צום יידישן פאָלק האָבן איבערגעלאָזן די טיפסטע שפּורן אין דער נשמה פון דעם גע־פילפולן און אויפגעוועקטן קינד.

אין יאָר 1830 טרעט העס אַריין, אַלס סטודענט, אין באָנער אוניווערזיטעט, אָבער ער האָט וואַרשיינלעך קיינמאָל דעם אוניווער־זיטעט נישט געענדיקט און נישט באַקומען קיין געלערנטן־טיטול. אַלס סטודענט האָט ער זיך שוין אַריינגעוואָרפן אין דער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג פון יענער צייט, וועלכע איז געווען אַן אומבאַשטימטער געמיש פון אַנאַרכיזם, קאָמוניזם און סאָציאַליזם. געצויגן האָט דעם יינגן העס צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע קו־דם כל זיין יידישער טעמפּעראַמענט, זיין יידיש־נאַציאָנאַלער געפיל, די איידלקייט און ריינקייט פון זיין אינערלעכער נאַטור.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער יידיש־בעל־בתישער פאָ־טער האָט נישט געהאַט קיין פרייד פון דעם אומרואיקן זון און באַלד איז געוואָרן אַן אָפענע קריגערייַ צווישן דעם פאָטער און דעם נישט געראָטענעם זון, וועלכער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דער יינגער העס האָט פאַרלאָזן

די היים, איז געפֿאָרן קיין ענגלאַנד, האָט געפּרוּווט זיין גליק אין פּאַריז און איז צום סוף געקומען צוריק צופוס קיין דייטשלאַנד און אין אַ דאָרף נעבן מעץ געווען אַ צייט לאַנג אַ לערער. דער פֿאָטער האָט ווידער געמאַכט שלום מיט דעם יינגן העס און האָט אים אַריינ־גענומען אין זיין געשעפט אין קעלן. אָבער העס האָט זיך אָפּנים נישט געפּאַסט פֿאַר אַ סוחר. ער האָט זיך באַלד ווידער צעקריגט מיט זיין פֿאָטער און האָט אויף שטענדיק שוין פֿאַרביטן די געשעפֿט־ביכער אויף די פֿילאָזאָפֿישע ספרים פֿון העגעל און ספּינאָזאַ. ער האָט זייט יענער צייט געלעבט אין אויסערלעכער נויט און אָרעמ־קייט, אָבער ער האָט געפֿונען אין זיינע פֿילאָזאָפֿישע פֿאָרשונגען און שטודיען די אמתע באַרויִקונג און צופֿרידנקייט פֿון גייסט. ווען ער האָט אָבער אין יאָר 1840 חתונה געהאַט מיט אַ קריסטלעך מיידל, מיט סיבילע פּריטש, וועלכע ער האָט אַרויסגענומען פֿון אַן עפֿנטלעך הויז, איז ער זיך שוין אויף אייביק פֿאַנאַנדערגעגאַנגען מיט זיין פֿאָטער און האָט אים קיינמאָל מער נישט געזען. אין דער געוועזענער פּראָסטיטוטקע האָט העס געפֿונען אַ טרייע פֿריינדין, מיטקעמפֿערין און העלפֿערין אויף דעם גאַנצן לעבן. קינדער האָט אָבער העס נאָך זיך נישט איבערגעלאָזט. ער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך זיין לעבן און זיינע ווערק.

שוין אין די ערשטע יאָרן פֿון זיין לערנען, האָט זיך העס באַ־גייסטערט פֿאַר ספּינאָזאַ, דעם גרויסן יידישן פֿילאָזאָף, קעמפֿער און דולדער און איז אים געבליבן טריי זיין גאַנץ לעבן. פֿון ספּינאָזאַן לערנט ער די מאָניסטישע וועלט־אָנשויאונג און די העראָאישע לעבנס־פֿירונג, וואָס די וואָרצלען פֿון דער דאָזיקער לערע שטאַמען פֿון דעם נבואה־יידנטום. ספּינאָזאַס פֿילאָזאָפֿיע האָט געפֿונען דעם טיפֿסטן אָפּקלאַנג אין העס נשמה.

זיין ערשט גרעסער ווערק, וועלכעס העס האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1837 טראָגט דעם נאָמען: „די הייליקע געשיכטע פֿון דער מענטשהייט, פֿון אַ תלמיד שפּינאָזאַס״. דאָס איז דאָס ווערק פֿון אַ 25 יאָריקן שרייבער וועגן דער פֿילאָזאָפֿיע פֿון דער געשיכטע: עס איז ווייניק סיסטעמאַטיש, שטורעמדיק און דורכגעדרונגען פֿון דעם זעלבסטגעפֿיל פֿון אַ מענטשן, וועלכער טראָגט אין זיין איי־

גענעם איך דעם מאַסשטאַב פאַר זיין אמת. די מענטשלעכע געשיכ־טע איז הייליק, אירע פּאַסירונגען זיינען נישט צופעליק, נאָר זיינען פאָרויסגעזען לכתחילה, זיינען די פרייע ווערק פון גאָט, פון „דעם הייליקן גייסט". העס פּרוווט אויסגעפינען דעם אינעווייניקסטן פּלאַן, נאָך וועלכן די מענטשלעכע געשיכטע איז אויפגעבויט, אָבער ער מוז, פאַרשטייט זיך, צופּאַסן די היסטאָרישע פּאַסירונגען און פאַקטן צו זיין פּלאַן. כאַראַקטעריסטיש איז אָבער, אין וואָס העס זעט דעם אינעווייניקסטן זין פון דאָזיקן געטלעך־הייליקן פּלאַן פון דער געשיכטע. אין דער ערשטער עפּאָכע פון דער מענטשלעכער געשיכטע, וועלכע ציט זיך פון אדם הראשון ביז קריסטוס, האָט זיך דער פּאַסיווער כח פון גייסט, די מענטשלעכע פאַנטאַזיע, דער כח הדמיון אַנטוויקלט ביז צום העכסטן פּונקט און איז אַלץ רייכער געוואָרן דורך דער אויפנאַמע פון די אויסער־לעכע בילדער פון דער וועלט. מיט קריסטוסן הויבט זיך אָן דאָס אַקטיווע גייסטיקע לעבן און דער מענטש מאַכט דעם שריט צום סינטעז פון גייסט און נאַטור. ערשט ספּינאָזאַ פאַראייניקט גאָט און די וועלט, נאַטור און גייסט. ספּינאָזאַ האָט דערקענט גאָט נישט נאָר מיט זיין געמיט, נאָר שוין מיטן ליכטיקן שכל. די גאַנצע וועלט־גע־שיכטע איז נאָר די שטייגנדיקע דערקענטעניש פון גאָט, וועלכע וועט מוזן פירן צו דער וועלט־רעליגיע פון דער צוקונפט, וואָס איר גאַנצער אינהאַלט וועט זיין די ליבע. אַנשטאָט דעם געזעץ און דעם דין, וועט אין דער צוקונפט הערשן די ה י י ל י ק ע אָרדענונג, וואָ־רום אַלע וועלן האָבן דערקענט גאָט. אין דעם יידישן פאָלק האָט פון שטענדיק אָן געלעבט דער גייסט פון הייליקייט, וועלכער לעבט איצט ווידער אויף און וועט אין דער צוקונפט באַהערשן די גאַנצע מענטשהייט מיט אַ נייער תורה. מיט די דאָזיקע געדאַנקען שליסט העס זיין ערשטע יוגנט־שריפט פון 1837, אין וועלכער מיר דער־קענען שוין גאָר פיל שטימונגען, וועלכע האָבן פינף און צוואַנציק יאָר שפּעטער געפינען זייער אויסדרוק אין „רוים און ירושלים".

אין דער ערשטער שריפט איז שוין מאָזעס העס אַן אויסגע־שפּראָכענער סאָציאַליסט, אָדער בעסער געזאָגט, קאָמוניסט. אין דער וועלט זאָלן הערשן גליק און ליבע, און פרייהייט און גלייכ־

הייט איז דער וועג דערצו. דאָס רייכטום דאַרף גלייך צעטיילט ווערן צווישן די בירגער און דער שטאַאַט מוז באַזיצן און קאָנ־טראָלירן דאָס רייכטום פון דער געזעלשאַפט. העס זעט דאָס קומען פון דעם סאָציאַליזם דורך דער פאַרשאַרפונג פון די סאָציאַלע קעגנ־זאַצן: דער מיטלשטאַנד מוז אין דער קאָנקורענץ פאַרשווינדן, דער גרויס־קאַפּיטאַל מוז זיך אַלץ מער און מער קאָנצענטרירן, און די העכסטע סאָציאַלע ווידערשפּרוכן מוזן פירן צו דער נייער געזעל־שאַפטלעכער אָרדענונג. העס זעט דאָ כמעט פאָרויס די שפּעטער־דיקע פאַרעלענדונגס־טעאָריע פון קאַרל מאַרקס.

עס גייען אַריבער נאָך פיר יאָר און אין יאָר 1841 טרעט העס אַרויס מיט אַ נייעם באַדייטנדיקן ווערק: „די אייראָפּעאישע טריאַר־כיע״. עס איז אַ ווערק וועגן דער פּאָליטיק פון דער צייט, אָבער עס איז געשריבן פון אַן אַלגעמיינעם פילאָזאָפישן שטאַנדפּונקט. ער אַנטוויקלט די אידעע פון אַ פאַרייניקטן שטאַאַט פון אייראָפּע, וועלכער זאָל באַשטיין פון פראַנקרייך, דייטשלאַנד און ענגלאַנד. דער דאָזיקער שטאַאַט זאָל זיין אַן אידעאַלער שטאַאַט, וועלכער זאָל פאַרווירקלעכן די העכסטע פרייהייט און דעם אייביקן שלום. דער פאַראייניקטער שטאַאַט וועט קומען נאָך אַ האַרטן קאַמף, אָבער ער מוז קומען. מכח דעם דאָזיקן שטאַטן־בונד שרייבט העס די פאָל־גנדיקע ווערטער, וועלכע קלינגען ממש ווי אַ נבואה אין יאָר 1841: „מעגלעך, דאָס פראַנקרייך און דייטשלאַנד וועלן זיך אויסקעמפן די פרינציפּ־שטרייטן ערשט אויף די שלאַכט־פעלדער ביים ריין, אָבער עס איז זיכער, דאָס אין דער צוקונפט וועט פאַרווירקלעכט ווערן דאָס שענסטע פאַרהעלטניש צווישן פראַנקרייך און דייטשלאַנד, וועל־כעס וועט דויערן יאָרהונדערטער... דערווייל וועט זיך אפשר פראַנק־רייך פאַרבינדן מיט רוסלאַנד. עס וועט מאַכן הנחות צו די רוסן, וועלכע וועלן עס דערנידעריקן, עס וועט זיך אונטערוואַרפן דעם ווילן פון אַ מאַכט, וואָס וועט שטענדיק דראָען מיט אָפּפאַלן... וואָ־רום קיין זאַך וועט נישט שטערן רוסלאַנד צו שליסן אין אַ גינסטיקן מאָמענט אַ „פרינציפּן־אַליאַנס״ מיט דייטשלאַנד און אויף אַזאַ אופן אונז, אייראָפּעער, ווען מיר וועלן בלייבן צעריסן, צו רוסיפיצירן אַזוי־לאַנג גייסטיק און מאַטעריעל, ביז מיר וועלן אַריינפאַלן דעמאָראַלי־זירט און מאַכטלאָז אין רשות פון שקלאַפן־אימפּעראַטאָר״.

העס האָט אַלזאָ שוין דאַמאָלסט געזען די גרעסטע סכנה פון דער וועלט אין דער צערייסונג צווישן דייטשלאַנד און פראַנקרייך, וועלכע וועט געבן רוסלאַנד די מעגלעכקייט זיך צו פאַרייניקן מיט פראַנקרייך און עס דערנידעריקן און דערנאָך אפשר זיך פאַריי־ניקן מיט דייטשלאַנד, וואָס וועט פירן צו אַ פאַרשקלאַפונג פון גאַנץ אייראָפּע. אויך מארקס האָט דרייסיק יאָר שפּעטער, נאָך דעם דייטש־פראַנצויזישן קריג, אַרויסגעזאָגט די זעלביקע געדאַנקען, בשעת דייטשלאַנד און פראַנקרייך האָבן זיך צעשפּאָלטן און האָבן אויף אַזאַ אופן געמאַכט, אַז רוסלאַנד זאָל האַלטן די וואָגשאָל פון דער וועלט־לאַגע אין אירע הענט.

אין דער דאָזיקער מערקווירדיקער שריפט וועגן דער אייראָ־פּעאישער פּאָליטיק, זיינען פאַראַן אויך אַנדערע געדאַנקען וועגן יידן און יידנטום, וועלכע זיינען אָבער ערשט שפּעטער אין „רוים און ירושלים" אַנטוויקלט געוואָרן ביז צו זייער העכסטן גלאַנץ.

4.

אין די פערציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט הייבט זיך אָן אין מערב־אייראָפּע די גרויסע רעוואָלוציאָנערע אומרואיקייט, וועלכע האָט זיך געענדיקט מיט דער רעוואָלוציע פון 1848 און האָט געגעבן דעם שטויס צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון די מאַסן. אין די פערציקער יאָרן הויבט זיך אָן שטאַרק צו אַנטוויקלען די אינדוסטריע אין ענגלאַנד, פראַנקרייך און דרום־דייטשלאַנד. דער וווקס פון קאַפּיטאַל און די אַנטשטייאונג פון די גרויסע אינ־דוסטריעלע אונטערנעמונגען רופן אַרויס אויף דער אַנדערער זייט די פאַרמערונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין די גרויסע שטעט און זיין פאַרעלענדונג און פאַראָרעמונג. דער אַרבעטער־קלאַס האָט נאָך נישט געקענט קעמפן דאַמאָלסט סיסטעמאַטיש קעגן דעם אויפשטיי־גנדיקן קאַפּיטאַליזם. צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט הויבט אָן באַ־שאַפן צו ווערן אַן אומרואיקער, דראָענדיקער קעגנזאַץ, וועלכער ווערט נישט איינגעשטילט דורך אָרגאַניזאַציעס און רעפאָרמען, נאָר וועלכער וואַקסט אַלץ מער צו אַן אָפענעם צוזאַמענשטויס. אין ענג־לאַנד שטורעמט די טשאַרטיסטן־באַוועגונג, וועלכע איז אַפילו נאָך

אומקלאָר אין אירע צילן און פאָדערונגען, אָבער טראָגט אין זיך אַ טיפן סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן גייסט. אין פראַנקרייך זיינען שוין אויפגעטראָטן די ערשטע סאָציאַליסטן, ווי פוריע, קאָבע, פּרודאָן, וועלכע זיינען געווען שטאַרק און שאַרף אין זייער געזעלשאַפטלעכער קריטיק און אין דער אויפפאַסונג פון דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון דער געזעלשאַפט, כאָטש נאָך זייער פאַנטאַסטיש און אומקלאָר אין זייערע וועגן און מעטאָדן צום סאָציאַליזם. אין דייטשלאַנד טרעטן אויף אין די פערציקער יאָרן מאַרקס, ענגעלס, רוגע, גרין, ווייטלינג, אַ חוץ די ראַדיקאַלע פילאָזאָפן פון דער לינקער העגעלשער שול, וועלכע קעמפן קעגן דער מאָנאַרכיע און דער קירכע און חלומען וועגן דער איבעראַנדערשונג און באַנייאונג פון דער וועלט.

דער צענטער פון דער ראַדיקאַלער און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין דייטשלאַנד איז געווען זיד־דייטשלאַנד, באַזונדערס די ריין־פּראָווינצן, וווּ די אינדוסטריע איז געווען שטאַרק אַנטוויקלט און וווּ עס האָט געהערשט מער דער פראַנצויזישער פרייהייטלעכער גייסט, איידער אין פּרייסן אָדער אַנדערע טיילן פון דייטשלאַנד. אין יאָר 1842 הויבט זיך אָן אַ באַדייטנדיקע ראַדיקאַל־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין דרום־דייטשלאַנד און די שטאָט קעלן ווערט דער מיטלפּונקט פון דער דאָזיקער באַוועגונג. אָפּאָזיציאָנעלע ליבעראַלן, ראַדיקאַלע פילאָזאָפן, וועלכע טראָגן דעם נאָמען יינג־העגעליאַנער, רעפּובליקאַנער, יינגע סאָציאַליסטן, קאַרל מאַרקס, מאַקס שטירנער, ברונאָ בויער, פאַרייניקן זיך אַלע אַרום דער ערשטער ראַדיקאַלער קאַמפּס־צייטונג, „די ריינישע צייטונג״, וועלכע הויבט אָן צו דערשיינען אין אָנהויב 1843 און וועלכער עס איז אויסגעקומען צו שפּילן אַ היסטאָרישע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער דייטשער פרייהייטס־באַוועגונג. צוזאַמען מיט מאַרקס, שטירנער, ברונאָ בויער און אַנדערע ווערט אויך מאָזעס העס טעטיק אין דער דאָזיקער צייטונג אַלס מיטאַרבעטער. די „ריינישע צייטונג״ האָט זיך אָבער נישט לאַנג געקענט האַלטן אונטער די דאַמאָלסדיקע באַדינגונגען פון דער דייטשער צענזור. זי איז, פאַר אירע סאָציאַליסטישע און פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערע אַרטיקלען, וועלכע זיינען געשריבן געווען אַפילו אין אַ ריין טעאָרעטישן טאָן,

פולשטענדיק צוגעמאַכט געוואָרן נאָך אָנדערטהאַלבן יאָר עקזיס־טענץ. אָבער פריער שוין איז העס אָפּגעפאָרן קיין פּאַריז, אַלס קאָ־רעספּאָנדענט פון דער צייטונג, ווו ער איז געשטאַנען אין פאַרבינ־דונג מיט די פאַרשידענע געהיימע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפטן, פון וועלכע די באַדייטנדיקסטע איז געווען דער באַקאַנטער „בונד פון די גערעכטע". אין פּאַריז איז העס געקומען אין באַרירונג און פאַרבינ־דונג מיט אַלע באַרימטע פרייהייטס־קעמפער און רעוואָלוציאָנערן פון יענער צייט, פון וועלכע אָבער נישט אַלע זיינען געבליבן אַזוי טריי דעם סאָציאַליזם זייער גאַנץ לעבן, ווי מאָזעס העס.

נאָכדעם ווי די „ריינישע צייטונג" איז פאַרבאָטן גע־וואָרן, האָבן די דאַמאָלסדיקע דייטשע רעוואָלוציאָנערן געפּרווט גרינדן נייע צייטונגען, וועלכע זיינען שטענדיק דאָס ערשטע וואָפן פון דער רעוואָלוציע. אָבער אַלע די דאָזיקע פאַרשידענע צייטונג־פּלענער און אונטערנעמונגען, אין וועלכע העס איז געווען שטאַרק באַטייליקט, האָבן, ווי געווינלעך, נישט געהאַט קיין דערפאָלג. באַלד אָבער איז דערשינען אין דער שווייץ אַ סאָציאַליסטיש זאַמלבוך אונטערן מערקווירדיקן נאָמען: „איינאונצוואַנציק בויגן פון דער שווייץ", ווייל אַ בוך פון מער ווי צוואַנציק בויגנס איז אין דייטשלאַנד געווען פריי פון צענזור. אין דעם דאָזיקן זאַמלבוך זיינען געווען אָפּגעדרוקט צוויי גרעסערע אַרטיקלען פון העסן: „סאָציאַליזם און קאָמוניזם" און „די פילאָזאָפיע דער טאַט".

דורכן אַרטיקל: „די פילאָזאָפיע דער טאַט", איז העס באַזונדערס באַרימט געוואָרן. דעם דאָזיקן אַרטיקל האָט העס צו פאַרדאַנקען זיין נאָמען אַלס דעם באַגרינדער פון דייטשן אַנאַרכיזם, וועלכן ער האָט באַקומען אין דער געשיכטע פון אַנאַרכיזם. מאַרקס האָט ביטער אויסגעשפּאָטן אין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" דעם דאָזיקן אַנאַר־כיסטיש־קאָמוניסטישן אַרטיקל פון העסן. העס שטייט דאָ פון איין זייט אונטער דער ווירקונג פון ספּינאָזאַ און די יינג־העגעליאַנער, באַזונדערס אונטער דער ווירקונג פון דעם ראַדיקאַלן פילאָזאָף פּיי־ערבאַך, פון דער אַנדערער זייט האָט פּרודאָנס באַרימטע שריפט: וואָס איז אייגנטום? און פּרודאָנס תשובה, דאָס אייגנטום איז גנבה, געמאַכט אויף העסן אַ טיפן רושם. אַן אמת און אַ ווערט האָט אין לעבן און אין געשיכטע נאָר דער טעטיקער, שעפערישער, פריי־

ער אינדיווידואום. דאָ איז שוין העס ארויפגעטרעטן אויפן וועג פון פילאָזאָפישן אַנאַרכיזם. אָבער העס איז שוין אַנאַרכיסט אויך פּאָליטיש און סאָציאַל. ער פאַרניינט יעדע הערשאַפט אין גייסטיקן און סאָציאַלן לעבן און פאָלגלעך אויך דעם שטאַאַט און די קירכע, ווי גוט און צוועקמעסיק זיי זאָלן אפילו נישט זיין אָרגאַניזירט. דער שטאַאַט איז דער היפּוך פון דעם אינדיווידואום. העס פאַרניינט אויך דאָס אייגנטום, וואָרום זי באַשרענקט שוין די פרייע טאַט. דער אי־דעאַל איז די אַבסאָלוטע פרייהייט, דאָס הייסט, אַז דער מענטש זאָל זיך פריי באַשטימען און נישט באַשטימט ווערן פון אַן אויסער־לעכן דרוק. דער מענטש זאָל זיך אויסקלייבן פריי, נאָך זיין אייגענעם פאַרלאַנג זיין טעטיקייט, אַזוי, אַז די אַרבעט זאָל אויפהערן צו זיין אַ לאַסט, נאָר זאָל ווערן אַ געניס, ווייל זי איז פריי. דאָס זיינען גע־דאַנקען, פון וועלכע פּרודאָן ווייס נאָך נישט, אָבער ביי פוריע זיינען שוין פאַראַן אָנדייטונגען דערפון, ווען ער רעדט פון דער האַרמאָניע צווישן אַרבעט און געניס. אַרויסגייענדיק פון דעם אַב־סאָלוטן ווערט פון דעם אינדיווידואום, זעט העס דאַמאָלסט אין דער ראַסע און נאַציע אַ באַשרענקונג פון אינדיווידואום. נאָר דאָס האָט אַ ווערט, וואָס איז אַלגעמיין־מענטשלעך — דאָס איז דאַמאָלסט גע־ווען העס אויפפאַסונג, גאַנץ אין איינקלאַנג מיט אַנדערע סאָציאַליסטן פון יענער צייט, ווי צום ביישפּיל וויטלינג, וועלכער לאַכט פון דער פאַרשידנקייט פון מענטשלעכע שפּראַכן, פון די „זשאַרגאָנען", וואָס טיילן און זונדערן פאַנאַנדער די מענטשן. ס'איז געווען די צייט, אין וועלכער דער מענטש בכלל האָט ערשט געמוזט דערהויבן און אינער־לעך באַפרייט ווערן.

די „פילאָזאָפיע דער טאַט" פון העס, האָט אויף אַ גלענצנדיקן אופן אָפּגעשפּיגלט די גייסטיקע און רעוואָלוציאָנערע אומרואיקייט און זוכענישן פון די ערשטע סאָציאַליסטן אין דייטשלאַנד. בשעת מאַרקס האָט מיט זיין „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" געזוכט אַריינצו־טראָגן קלאָרקייט אין דעם דאַמאָלסדיקן סאָציאַליזם, האָט ער געמאַכט דעם פילאָזאָפיש־אַנאַרכיסטישן העס פאַר דעם ציל־ברעט פון זיינע פּאָלעמישע פיילן.

דערווייל זיינען דערשינען אין יאָר 1844 די באַרימטע „דייטש־פראַנצויזישע יאָר־ביכער" פון קאַרל מאַרקס, יענע ערשטע ליטע־

ראַדישע אויסגאַבע, אין וועלכער די דייטשע רעוואָלוציאָנערן פֿון די פערציקער יאָרן האָבן געפֿונען זייער טריבונע. אין די דאָזיקע יאָר־ביכער האָבן זיך באַטייליקט היינע, מאַרקס מיט זיינע באַרימטע געוואָרענע אַרטיקלען: „צו דער קריטיק פֿון דער העגעלשער רעכטס פֿילאָזאָפֿיע" און „צו דער יידן־פֿראַגע", ענגעלס און פֿיל אַנדערע, אויך פֿון העס זיינען דאָרט דערשינען פֿיר בריוו פֿון פּאַריז, אין וועלכע ער קריטיקירט דעם דאַמאָלסדיקן פּאָליטישן צושטאַנד אין פֿראַנקרייך פֿון אַ העכערן פֿילאָזאָפֿיש־רעוואָלוציאָנערן שטאַנדפּונקט. אין די דאָזיקע בריוו איז העס דער הייסער פּאַרטיידיקער פֿון דער מענטשלעכער גלייכהייט, אַלס דעם ערשטן באַדינג פֿון מענטשלעכער פֿרייהייט, און גלייכהייט איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך — סאָציאַלע גלייכהייט, די סאָציאַליסטישע אָרדענונג.

נאָכדעם ווי די „דייטש־פֿראַנצויזישע יאָרביכער" זיינען אונטער־געגאַנגען, צוליב דער אייביקער, זייער פּראָזאַאישער אורזאַך, פֿון וועלכער אַלע רעוואָלוציאָנערע אויסגאַבן אין אַלע לענדער און אין אַלע שפּראַכן גייען געווייִנלעך אונטער, איז נאָך אין יאָר 1844 אַ קנאַפּע צייט דערשינען אין פּאַריז דער „פֿאָרווערטס". אָבער באַלד זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פֿון פּאַריז אַלע דייטשע רעוואָלוציאָנערן און מאַרקס איז אָפּגעפֿאָרן אין בריסעל. העס האָט אָבער פֿריער נאָך פֿאַרלאָזט פּאַריז און איז געקומען אין קעלן, וווּ ער האָט ווייטער מיטגעאַרבעט אין פֿאַרשידענע ראַדיקאַלע אויסגאַבן, וועלכע האָבן אַלע נישט געהאַט קיין לאַנגע יאָרן. אין יאָר 1845 גיט העס, צוזאַמען מיט ענגעלסן, וועלכער איז דאַמאָלסט אויך געווען אין דייטשלאַנד, אַרויס אַ צייטשריפֿט אונטערן נאָמען: „דער געזעלשאַפֿט־שפּיגל", וועלכע האָט זיך געדרוקט אין עלבערפֿעלד. די צייטשריפֿט האָט זיך געשטעלט פֿאַר איר אויפֿגאַבע אויפֿצודעקן די נויט און די עלנט פֿון דער געזעלשאַפֿט, צו באַשרייבן די אָרעמקייט, הונגער, פּראָסטיטוציע, קראַנקייט, זעלבסטמאָרד פֿון פֿאַרצווייפֿלונג אאַ"וו. דער „געזעלשאַפֿטס־שפּיגל" איז דורכגעדרונגען פֿון העס אינער־לעכער אידעאַליסטישער איבערצייגונג, אַז סוף כּל סוף איז דער מענטש גוט און ריין און, אַז די צייט וועט קומען, ווען די מענטשהייט וועט ווערן אַנטוויקלט, געבילדעט און פֿאַרפֿולקאָמט. באַלד אָבער הערט אויף „דער געזעלשאַפֿטלעכער שפּיגל" אויף אַ „קורצע צייט"

צו דערשיינען, ווי די רעדאַקציאָנעלע נאָטיץ לויטעט, און העס גרינדעט אין יאָר 1845 אַ וויסנשאַפטלעכע פּערטל־יאָר שריפט: „ריינישע יאָרביכער צו געזעלשאַפטלעכער רעפאָרם״. אין די דאָזי־קע יאָרביכער, אַזוי ווי אין דייטשן „בירגערבוך״ פון דעם זעלביקן פאַרלאַג, דערשיינען די וויכטיקע סאָציאַליסטישע און רעוואָלו־ציאָנערע אַרטיקלען פון העסן, פון וועלכע עס פאַרדינט באַזונדערס דערמאָנט צו ווערן זיין אַרטיקל: „איבער דעם געלט־וועזן״. די דאָזי־קע סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע אַרטיקלען זיינען אָבער פאַר־קליידעט, ווי אומעטום ביי העסן, אין אַבסטראַקט־פילאָזאָפישע ווער־טער און באַגריפן, וועלכע פאַרוואַנדלען די האַרטע, מיט קאַמף־אָנגעפילטע ווירקלעכקייט, אין לופטיקע, אין די הימלען־שוועבנדע אַבסטראַקציעס.

אין יענער צייט הויבט זיך אָן דער אינערלעכער קאַמף אין די קרייזן פון די דאַמאָלסדיקע רעוואָלוציאָנערן, אַ קאַמף, אין וועלכן העס האָט געשפּילט אַ פירנדיקע ראָל. דער ראַדיקאַלער פילאָזאָף אַרנאָלד רוגע, וועלכער איז לכתחילה געגאַנגען דעם זעלביקן וועג פון מאַרקס, ענגעלס און העס, אָבוואָל אין האַרצן האָט אין אים נאָך אַלץ געלעבט דער דייטש־קריסטלעכער קאָנסערוואַטאָר. אַרנאָלד רו־גע איז אַרויסגעטרעטן קעגן די קאָמוניסטן און באַזונדערס קעגן מאָזעס העס. אין זיינע „שטודיען און דערינערונגען״ פון 1845 לאַכט ער פון מאַרקסן און נאָך מער פון העסן, וועלכן ער רופט „דער קאָמוניסטן־ראַבי״, — אַ נאָמען, וועלכער איז פאַרבליבן אויף העסן אויף זיין גאַנץ לעבן. רוגעס אָנפאַלן אויף דעם קאָמוניזם, אויף מאַרקסן און העסן, איז אויך אָנגעפילט מיט אַ היפש ביסל שנאה צו יידן. רוגע האָט געענדיקט זיין קאַריערע אַלס טרייער ליטעראַרישער קנעכט פון ביסמאַרקן. מיט דעם דאָזיקן רוגע פירט העס דעם ליטע־ראַרישן פעדער־קאַמף אין דער „דייטשער בריסעלער ציימונג״ פון יענער צייט.

אָבער באַלד ווערט העס אַריינגעצויגן אין אַ פיל ערנסטערער פּאָלעמיק. אין יאָר 1845 טרעט אויף מ אַ ק ס ש ט י ר נ ע ר מיט זיין אַנאַרכיסטיש־עגאָאיסטישן ווערק: „דער איינציקער און זיין אייגנטום״. שטירנער האָט געמאַכט אַ ווייטערע קאָנסעקווענץ פון דער פייערבאַכישער פילאָזאָפיע. פייערבאַך איז פון גאָט דורך

דער קלוגשאַפט געקומען צום מענטשן. דער מענטש איז דער שעפער פון אַלע אייביקע, רעליגיעזע און פילאָזאָפישע אמתן, וועלכע הויבן זיך אויף מיט אַ האָפערדיקער זעלבסטשטענדיקייט איבער דעם מענטשן. שטירנער גייט אַ שריט ווייטער, נישט דער מענטש, דער אַלגעמיינער מענטש, נאָר דער אייגענער מענטש, דער „איך" איז דער מאַסשטאַב פון אמת און דער ציל פון לעבן. דער איינציקער איז זיך זעלבסט אַ באַשטימער און אַ האַר, ער דאַרף זיין פריי פון גאָט, מאָראַל, שטאַאַט, טראַדיציע, רעכט, פון אַלץ, וואָס וויל זיך שטעלן ווי אַן איבערנאַטירלעכע און איבערמענטשלעכע אויסטראַכטעניש איבער אים. נישט די געשיכטע און נישט די געזעלשאַפט, נאָר דער איינצלנער אַטאָם פון דער געזעלשאַפט האָט דעם אמתן, אַבסאָלוטן ווערט. כדי אָבער דער דאָזיקער סאָציאַלער אַטאָם, דער איך, דער עגאָאיסט, זאָל קענען האָבן אַ קיום אין לעבן, קלערט שטירנער צוריק אויס דעם מיטל „דער בונד פון די עגאָאיסטן". אַזוי בויט שטירנער ווידער אויף יענע כחות, וועלכע שטייען מחוץ פון דעם איינצלנעם און וועלכע ער האָט אַזוי אומבאַרמהערציק פאַרניכטעט, בשעת ער האָט אַרויסגעשיילט, אין געדאַנקען, דעם איינציקן פון דער געזעלשאַפט און דער געשיכטע.

נישט קוקנדיק אויף די דאָזיקע ווידערשפּרוכן פון שטירנערס פילאָזאָפיע און אויף דער אומקלאָרקייט פון דעם גאַנצן גאַנג פון זיין געדאַנק, האָט דאָס בוך אַריינגעבראַכט אַ מהומה אין די קעפּ. העס פילט זיך מחויב אַרויסצוטרעטן מיט זיין גאַנצער פּאָלעמישער שאַרפקייט קעגן שטירנערן, וואָרום שטירנער איז איינער פון דעם אייגענעם קרייז און זיין קאַמף קעגן דעם שטאַאַט האָט ער איבער־גענומען פון העסן זעלבסט. העס לאָזט דערשיינען אין יאָר 1845 אַ קליין ביכל: „די לעצטע פילאָזאָפן" קעגן שטירנערן. שטירנערס איינצלנער מענטש־עגאָאיסט ווידערשפּרעכט העס סאָציאַליסטישער נשמה. דער מענטש איז עטוואָס נאָר אין דער געזעלשאַפט און דורך דער געזעלשאַפט, דער „בונד פון עגאָאיסטן" איז נישט קיין נייעס, דאָס האָט עקזיסטירט אין דעם גאַנצן משך פון דער מענטשלעכער געשיכטע. אַזוי פּאָלעמיזירט העס קעגן שטירנערס עגאָאיסטישן איך, קעגן דעם איינציקן און אייגענעם, וועלכער איז אפשר אַן אַנדער אויסדרוק פאַר דעם העסישן מענטש, אָבער וועלכער קען,

לויט שטירנערס אומבאַשטימטקייט און אומזיכערקייט אין דער דעפיניציע און געדאַנקען, אויך אויסגעפילט ווערן מיט אַן אַנטי־סאָציאַלן תוכן. דעם סאָציאַליסטישן אַנאַרכיסט העס איז געווען נישט צום האַרצן די אַרגומענטאַציע און די פאָרם פון דעם אינדיווידואַ־ליסטישן אַנאַרכיסט שטירנער, וועלכער שטייט שוין אויף דער גע־פערלעכער גרענעץ פון אינדיווידואַליזם בכלל. העס האָט אויך זיך באַטייליקט אין דער שריפט פון מאַרקסן קעגן שטירנערן, וועל־כע טראָגט דעם נאָמען „סאַנקט מאַקס״.

העס איז אין יענער צייט אָבער נישט נאָר אַ סאָציאַליסטי־שער ליטעראַט, נאָר אויך אַ סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר, אויף וויפיל עס האָט געקאָנט דאַמאָלסט זיין אַ רייד פון סאָציאַליסטי־שער אַגיטאַציע אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט. צוזאַמען מיט ענ־געלסן פירט ער אַן אַגיטאַציע, האַלט פאָרטראַגן אין באַרמען און עלבערפעלד און פרעדיקט דעם קאָמוניזם. פון יענע פאַרזאַמלונגען שרייבט ענגעלס אַזוי באַגייסטערט צו מאַרקסן, אַז אויף זיי זיי־נען געווען אַלע קלאַסן פאַרטרעטן, פון דער געלט־אַריסטאָקראַ־טיע ביז צו דעם גראָסערי־מאַן, אַ חוץ, נאַטירלעך, דעם פראָלע־טאַריאַט. אין די „ריינישע יאָרביכער״ זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן די צוויי רעדעס פון העסן אויף יענע פאַרזאַמלונגען, אין וועלכע העס דערקלערט דעם קאָמוניזם נאָך אַלץ הויפּטזעכלעך פון פי־לאָזאָפיש־מאָראַלישן שטאַנדפּונקט. אַ דריטע רעדע איז נישט אויס־געקומען העסן צו האַלטן, וואָרום באַלד איז די פּאָליציי אַרויסגע־טרעטן און געמאַכט אַ סוף צו דער באַוועגונג.

פון דעם מינדלעכן אַגיטאַטאָר ווערט העס ווידער אַ שריפט־לעכער אַגיטאַטאָר, דער קעמפער מיט דער פען. אין יאָר 1846 דערשיינט ווידער אַן אַרטיקל פון העסן אין דעם צווייטן באַנד פון די „ריינישע יאָרביכער״, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן צו דרוּ־קן אין דער שווייץ. אין דאָזיקן אַרטיקל זאָגט העס אַרויס דעם דאַמאָלסט זיכער זייער אָריגינעלן געדאַנק, אַז די סאָציאַלע רע־וואָלוציע קען נישט קומען דורך קיין אַנדערן קלאַס, ווי דורך דעם פּראָלעטאַריאַט. זיין פריערדיקער פילאָזאָפישער סאָציאַליזם, דער סאָציאַליזם, וועלכער באַשטייט אין דעם דיאַלעקטישן קאַמף־שפּיל פון מאָראַלישע און היסטאָרישע באַגריפן, מאַכט שוין דאָ פּלאַץ

פאַר אַ קלאָרער, רעאַלער אויפפאַסונג פון סאָציאַליזם, אַלס דעם קאַמף פון קלאַסן, פאַר דער באַהערשונג און אומגעשטאַלטונג פון דער געזעלשאַפט. העס איז שוין זיכער דאַמאָלסט געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון דעם אויפשטייגנדיקן מאַרקס.

.5

צווישן די סאָציאַליסטן פון יענער צייט, וועלכע האָבן געשטאַמט פון אַלע לענדער און האָבן גערעדט אויף אַלע פילאָזאָפישע, מיסטישע, רעליגיעזע און פאַנטאַסטישע לשונות, איז דער יינגער מאַרקס געווען דער קלאָרסטער קאָפ און דער שטאַרקסטער גייסט. די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן, פוריע, קאָבע, פרודאָן האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אַז דער סאָציאַליזם קען פאַרווירקלעכט ווערן דורך אַן אויסגעטראַכן סאָציאַליסטישן פלאַן, דורך אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט אין אַ קלייניקן מאַסשטאַב, דורך פוריעס פאַלאַנסטערע, אָדער דורך אַן אויסטויש־באַנק, לויט פרודאָנס פלאַן. די דאָזיקע פראַנצויזישע סאָציאַליסטן האָבן ווירקלעך געזען די סאָציאַלע קלאַסן־קעגנזאַצן און האָבן געפילט די גאַנצע פאַרדאָרבנקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. עס האָט זיי אָבער געפעלט יעדע פאַרשטענדעניש פאַר דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג און יעדע ווירקלעכע קענטעניש פון דער סאָציאַלער עקאָנאָמיע און אירע טרייבנדע קרעפטן. די נויטווענדיקייט פון סאָציאַליזם האָבן זיי אַרויסגעדרונגען פון דער אידעע פון מאָראַל און גערעכטיקייט און זיין פראַקטישע דורכפירבאַרקייט האָבן זיי געזען אין זייערע אינדיווידועלע פאַנטאַסטישע פלענער. די אייביקייט און היסטאָרישקייט פון סאָציאַליזם, אָדער בעסער געזאָגט, פון קאָמוניזם, האָבן זיי געזען אין אור־קריסטנטום, וועלכעס איז געווען אָרגאַניזירט לכתחילה אויף דעם קאָמוניזם פון באַזיץ, און זיי האָבן אַלע געשריבן אָפּהאַנדלונגען וועגן דעם אמתן קריסטנטום. בשעת אָבער די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן האָבן געזען יעדנפאַלס די קלאַסן־קעגנזאַצן און האָבן קריטיקירט דעם סאָציאַלן און פּאָליטישן בוי פון דער געזעלשאַפט, האָבן די דייטשע סאָציאַליסטן נישט געהאַט אַפילו אויף אַזוי ווייט רעוואָלוציאָנערן זין און פּאָליטישע קלאָר־

קייט. זיי האָבן אין דעם סאָציאַליזם געזען דעם ענדגילטיקן דיאַ־לעקטישן נצחון פון אַבסטראַקטע פילאָזאָפישע באַגריפן און אידעען. זיי אַלע, ברונאָ בויער, גרין, וויטלינג, שטירנער, העס, זיינען ווי מאַרקס און ענגעלס זעלבסט, געקומען צום סאָציאַליזם פון דער דייטשער קלאַסישער פילאָזאָפיע און אירע דאַמאָלסדיקע העכסטע און לעצטע פאַרטרעטער: העגעל און פייערבאַך. העגעלס „אידעע״ און פייערבאַכס „מענטש״ זיינען געווען די לעצטע אידעאַלן פון דער געשיכטע, צו וועלכע די דיאַלעקטישע שפיל פון באַגריפן פירט. אַזוי ווי אין אַכצנטן יאָרהונדערט האָט דער דייטשער פילאָזאָף קאַנט געמאַכט פון דעם פראַנצויזישן רעוואָלוציאָנער ראָבעספיער אַ טעאָרעטישן באַגריף, אַזוי האָבן אויך די דייטשע סאָציאַליסטן פון די פערציקער יאָרן אַריבערגעטראָגן דעם פראַנצויזישן סאָציאַליזם פון דער ערד אין די לופטיקע הימלען פון אַבסטראַקטע באַגריפן. צום דאָזיקן פילאָזאָפישן און ריינעם סאָציאַליזם האָבן די דייטשע סאָציאַליסטן נאָך צוגעמישט אַ היפּשע מאָס רעליגיעזע מיסטיק און אור־קריסטנטום, ווי באַזונדערס וויטלינג.

דער גייסטרייכער און טיפזיניקער מאַרקס האָט שוין אין די ערשטע יאָרן פון זיין סאָציאַליזם געזען דעם טעאָרעטישן כאַאָס און די פּראַקטישע אומדורכפירבאַרקייט פון דאָזיקן סאָציאַליזם. אמת, אין זיין „אידעען־פראַגע״ רעדט נאָך מאַרקס זעלבסט אין דעם פייערבאַכישן פילאָזאָפישן לשון, אַזוי אַז דער אמתער אינ־האַלט פון דער דאָזיקער גלענצנדיקער שריפט איז פאַר פיל עד היום נאָך געבליבן אומפאַרשטענדלעך און מיספאַרשטענדלעך. אָבער באַלד האָט מאַרקס אָנגעהויבן צו דענקען עקאָנאָמיש און פּאָ־ליטיש און האָט שוין דערפילט, אַז דער סאָציאַליזם קען נאָר פאַר־ווירקלעכט ווערן היסטאָריש, אין לויף פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט און דורך די נייע, צעשטערנדיקע און אָרגאַניזירנדיקע כחות פון מאָדערנעם קאַפּיטאַ־ליזם און דעם סאָציאַלן קלאַסן־קאַמף. מאַרקס און מיט אים ענגעלס האָבן שוין אינמיטן פון די פערציקער יאָרן אָנגעהויבן צו שטודירן מיט דער גרעסטער איבערגעגעבנקייט נאַציאָנאַלע עקאָנאָמיע און עקאָנאָמישע געשיכטע. מאַרקס האָט זיך אַלץ מער און מער דער־ווייטערט פון דעם אַרט דענקען פון סאָציאַליסטן פון זיין צייט,

און האָט אָנגעהויבן שאַפֿן די פֿונדאַמענטאַלע באַגריפֿן פֿון דעם קעמפֿנדיקן, רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם.

פֿאַר דעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם איז אָבער נויטיק געווען אָפּצוראַמען פֿון וועג אַלע אַנדערע פֿאָרמען פֿון סאָציאַליזם, וועלכע האָבן זיך אַרומגעטראָגן כאַאָטיש אין דער דאַמאָלסדיקער רעוואָלוציאָנערער וועלט. מאַרקס האָט דערפֿאַר ביז צו דער דערשיינונג פֿון זיין קריטיק פֿון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע (1859), געפֿירט כמעט אינגאַנצן אַ קריטישע און פּאָלעמישע מלחמה קעגן אַלע אַנדערע סאָציאַליסטן פֿון זיין צייט. אין באַזונדערע, ספּעציעלע ווערק, אין אַרטיקלען און בריוו, אין דעם קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט זעלבסט, אונטערוואַרפֿט מאַרקס די אוטאָפּיסטישע, פֿילאָזאָפֿישע, רעליגיעזע סאָציאַליסטן דעם פֿייער פֿון זיין קריטיק און דעם ברען פֿון זיין סאַטירע. ברונאָ באַוער, קאַרל גרין, פּרודאָן, ווייטלינג, די פֿריערדיקע סאָציאַליסטן, ווי אָווען, פֿוריע, ווערן אַראָפּגעריסן פֿון זייער הויכקייט און ווערן פֿאָרגעשטעלט נאָר אַלס אומגליקלעכע טעותן, וועלכע האָבן געהאַלטן די מענטשן אין צעמישונג, ביז עס איז געקומען די דערלייזונג דורך דעם וויסנשאַפֿטלעכן און רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם. דאָס קלינגט גאַנץ באַזונדערס פֿון דעם קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט.

מיר פֿאַרשטייען איצט די פּסיכאָלאָגישע באַרעכטיקונג פֿון דעם קאַמף און דער קריטיק, וועלכע מאַרקס האָט געפֿירט קעגן אַלע אַנדערע פֿאָרמען פֿון סאָציאַליזם. כדי דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם, וועלכער שטיצט זיך אויף קלאַסן־קאַמף און אויף די עקאָנאָמישע אינטערעסן פֿון פּראָלעטאַריאַט, זאָל לאָזן וואָרצלען אין אַרבעטער־קלאַס, איז נויטיק געווען דאַמאָלסט צו באַזייטיקן יעדע סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע, וועלכע איז געשטאַנען ווי אַ מחיצה צווישן דעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם און דעם פּראָלעטאַריאַט. מאַרקס קריטיק קעגן אַלע פֿאָרמען פֿון סאָציאַליזם, איז געווען פֿאַרשטענדלעך און באַרעכטיקט דורך די אומשטענדן פֿון יענער צייט. עס איז אָבער אַ טעות, ווען פֿיל מיינען, אַז דורך דער דאָזיקער קריטיק האָבן אַלע יענע סאָציאַליסטישע אידעען און שטרעבונגען פֿאַרלוירן זייער ווערט און אַז יענער סאָציאַליזם איז בכלל געווען אַ פּלאָנטער און מיספֿאַרשטענדעניש, אַ זוכעניש אין פֿינסטערן,

איידער דאָס ליכט האָט אָנגעהויבן צו שיינען. פאַרקערט, יענע סאָציאַליסטישע אידעען און טענדענצן אַנטהאַלטן אין זיך פיל בלייבנדיקע און שעפערישע אמתן, פון וועלכע אַ טייל האָבן שוין אויסגעהאַלטן די קריטיק פון דער געשיכטע און אַנדערע זיינען עד היום נאָך געניאַלע אָנדייטונגען און ווינקען פאַר דער צוקונפט פון סאָציאַליזם. די אוטאָפּיסטיש־פאַנטאַסטישע קאָמוניסטישע פּלענער פון אָווען, פּוריע, קאָבע, פּרודאָן זיינען נישט געבליבן אָן ווירקונג אויף דעם גאַנג פון סאָציאַליזם. פון דאָזיקן אוטאָפּיסטישן סאָציאַליזם שטאַמט אייגנטלעך די גאַנצע מאָדערנע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג, וועלכע ווערט אַלץ מער און מער אַ הערשנדיקער עלעמענט אין סאָציאַליזם. די באַשאַפונג פון סאָציאַל־קאָאָפּעראַטיוון אייגנטום אין דער קאַפּיטאַליסטישערווירטשאַפט און די אָרגאַניזירונג פון פרייוויליקע גענאָסנשאַפטן פאַר קאָנסום און פּראָדוקציע איז נישט ווייניקער ווי דער רעוואָלוציאָנערער און פּאָליטישער סאָציאַליזם, אַ טייל פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם, אָבער ער שטאַמט פון די אוטאָפּיסטן און באַזונדערס פון ראָבערט אָווען און פּרודאָן. די פילאָזאָפישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן גערעדט נישט פון דעם פּראָלעטאַריער, נאָר פון דעם „מענטש", און נישט פון דער פּראָדוקציע, נאָר פון דער „אידעע", האָבן די סאָציאַלע דערשיינונגען דערהויבן צו אַלגעמיינע פילאָזאָפישע ווערטן און האָבן איבער דעם פּראָלעטאַריאַט און זיין קלאַסן־קאַמף געפילט די מענטשהייט און אירע טיף באַהאַלטענע חלומות, האָפענונגען און געבאָטן. אין אונזער צייט ערשט באַקומט דער סאָציאַליזם די דאָזיקע פאַרשטאַרקונג, פאַרטיפונג און פאַראייביקונג פון דער זייט פון דער פילאָזאָפיע. און אויך יענע שטרעבונג, וועלכע האָט אין דעם סאָציאַליזם געזען אַ רעליגיע, גאָטס הייליקן געבאָט און אמת און אין דעם אורקריסטנטום דעם מענטשנס אייביקן דראַנג און מאָראַלישן כח, וועלכע האָבן פאַרבונדן דעם סאָציאַליזם מיט דער נאַטור און געשיכטע אין איין לעבעדיקער איינהייט, אויך יענע טענדענץ איז נישט געווען קיין טעות, נאָר איז, פאַרקערט, דער אומקלאָרער אָנהייב פון דער טיפסטער און דערהויבנסטער אויפפאַסונג פון סאָציאַליזם, ווי זי וועבט און שפּינט זיך איצט פון די פאָרגעשריטנסטע גייסטער פון דער מענטשהייט.

ס'פאַרשטייט זיך, אַז מאַרקס האָט זיך אויך געמוזט נעמען פאַר העסן, בשעת ער האָט געריימט דעם וועג פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם פון קלאַסן־קאַמף. העס און מאַרקס זיינען געווען ענג באַפריינדעט זייט 1843, אָבוואָל זיי זיינען געווען זייער פאַרשידענע כאַראַקטערן. מאַרקס איז געווען דער מאַן פון אַקציע, העס איז געווען מער אַ דענקער און ענטוזיאַסט. די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט זיי צונויפגעבונדן און מען האָט מאַרקסן, ענגעלסן און העסן געהאַלטן גאָר פאַר דער סאָציאַליסטישער דריי־אייניקייט אין יענער צייט. אין דעם בריוו־אויסטויש צווישן מאַרקסן און ענגעלסן פון יענע יאָרן, ווערט העס זייער אָפט דערמאָנט, אָבער ווי אַלע אַנדערע סאָציאַליסטן פון יענער צייט, ווערט אויך העס אין יענע בריוו באַגאָסן מיט כוואַליעס פון גוטמוטיקן, קריטישן שפּאָט פון די באַגרינדער פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. אָבער זיי זיינען שטענדיק געווען פּערזענלעכע און פּאַרטייאישע פריינט. מאַרקס האָט אַפילו געהאַט גראָד אויף העסן אַ טיפע ווירקונג. אונטער מאַרקס איינפלוס הויבט אָן העס צו שטודירן די אים פרעמדע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע און פאַרוואַנדלט זיך שוין ביסלעכווייז פון אַ פילאָזאָפישן סאָציאַליסט אין אַן עקאָנאָמישן. אין דער „דייטשער בריסעלער צייטונג" פון יאָר 1847, וועלכע איז געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון מאַרקסן, האָט העס אָפּגעדרוקט פיר אַרטיקלען אונטער דעם נאָמען: „די פאָלגן פון דער רעוואָלוציע פון פּראָלעטאַריאַט". אין די דאָזיקע אַרטיקלען אַנטוויקלט העס דעם געדאַנק, אַז די גרויס־אינדוסטריע איז דער אָביעקטיווער פאַקטאָר פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. ער רעדט פון דעם אייזערנעם לוין־געזעץ, פון די האַנדל־קריזן, פון דער אַנטוויקלונג פון דער טעכניק און דעם קלאַסן־באַוווסטזיין. דאָס זיינען שוין נישט קיין פילאָזאָפישע געדאַנקען, נאָר עקאָנאָמישע, רעאַלע און עס פילט זיך אין זיי דער איינפלוס פון דעם מייסטער מאַרקס. אָדער אפשר האָט מאַרקס זעלבסט געשעפּט זיין וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם אויך פון העס גייסטיקע איינפאַלן, ווי פון פיל אַנדערע סאָציאַליסטן פון יענער צייט. איצט איז דאָך אַלגעמיין באַקאַנט, אַז פיל געדאַנקען פון קאָמוניסטישן מאַניפעסט פון מאַרקסן, זיינען שוין אַרויסגעזאָגט געוואָרן פאַר מאַרקסן פון וויקטאָר קאָנסידעראַן, אַ תלמיד פון פוריע.

דערווייל איז די באַדייטונג פון מאַרקסן אין דער סאָציאַליס־טישער וועלט נאָך מער געשטיגן. מאַרקס איז געוואָרן דער גייס־טיקער פירער פון דעם „בונד פון די גערעכטע״, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן רופן דער „בונד פון די קאָמוניסטן״. דער צענטער פון יענער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע איז גע־ווען לאָנדאָן, וווּ עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן די רעוואָלוציאָנערע עמיגראַנטן פון אַלע לענדער, באַזונדערס פון דייטשלאַנד. סוף 1847 איז אין לאָנדאָן אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער צווייטער קאָנגרעס פון דעם „בונד פון די קאָמוניסטן״. דער בונד פון די קאָמוניסטן האָט זיך שוין דעמאָלסט אינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון יעדן אוטאָפּיסטישן סאָציאַליזם, וועלכער האָט געוואָלט אויפבויען אַ קאָמוניסטישע גע־זעלשאַפט אין די ראַמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. דער קאָמוניסט קאַבע פון פראַנקרייך, וועלכער האָט אין יענער צייט צוגעגרייט די אויסוואַנדערונג פון די קאָמוניסטן נאָך אַמעריקע, כדי אויפצובויען זיין קאָמוניסטישע קאָלאָניע איקאַריען, האָט זיך אויך געוואָנדן צו דעם בונד וועגן שטיצע און הילף. דער לאָנדאָנער פאַריין פון בונד האָט אָפּגעזאָגט קאַבען זיין אונטערשטיצונג. דער־פאַר האָט אָבער דער צווייטער קאָנגרעס געגעבן מאַרקסן דעם אויפטראַג אַרויסצוגעבן דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט, וועלכן ער האָט פאַרגעלייגט פאַר דעם קאָנגרעס, נישט מיט דעם אַלטן מאָטאָ פון בונד: אַלע מענטשן זיינען ברידער, נאָר מיט דעם נייעם מאָטאָ: פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך!

אין דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט אַנאַליזירט מאַרקס מיט זיין בייסנדיקער סאַטירע און דיאַלעקטיק אַלע אַנדערע פאָרמען פון סאָציאַליזם, דעם קאָנסערוואַטיוון סאָציאַליזם, דעם קליינבירגער־לעכן סאָציאַליזם, דעם אוטאָפּיסטישן סאָציאַליזם און אויך דעם דייטשן אָדער וואָרן סאָציאַליזם, אָדער ווי ער פלעגט זיך נאָך רופן — פילאָזאָפישע באַגרינדונג פון סאָציאַליזם. מאַרקס דערמאָנט די „פילאָזאָפיע דער טאַט״ פון העסן און שיקט זיינע קריטישע פיילן קעגן פיל זיינע אויסדרוקס־פאָרמען. אין זיינע אָנפאַלן קעגן די פאַרטרעטער פון דייטשן סאָציאַליזם איז מאַרקס נישט געווען גע־רעכט און גאַנץ באַזונדערס בנוגע צו העסן, וועלכער איז שוין דאַן געשטאַנען נאָענט צום עקאָנאָמישן סאָציאַליזם. אָבער מאַרקס האָט אַרויסגעצויגן זיין פּאָלעמישע שווערד קעגן יענע דייטשע סאָציאַ־

ליסטן אייגנטלעך דערפֿאַר, ווייל זיי האָבן געקעמפֿט קעגן דער ליבעראַלער בורזשואַזיע און די ליבעראַלע איינריכטונגען פֿון דעם בורזשואַזן שטאַאַט, אין נאָמען פֿון סאָציאַליזם. דערין האָט מאַרקס געזען אַ סכנה פֿאַר דעם נצחון פֿון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע אין איר קאַמף קעגן דעם רעאַקציאָנערן קעניגטום. די היסטאָריקער פֿון דעם דייטשן סאָציאַליזם, ווי מעהרינג און בערנשטיין, זוכן צו דערקלערן און צו אַנטשולדיקן מאַרקס אָנפֿאַל אויף די דייטשע סאָציאַליסטן פֿון יענער צייט. בערנשטיין באַמערקט, אַז די דייטשע סאָציאַליסטן האָבן דאַמאָלסט נישט געשריבן קיין „שמוציקע אויפֿרעקנדיקע ליטעראַטור", ווי מאַרקס זאָגט דאָס אין מאַניפֿעסט, און פֿראַנץ מעהרינג באַמערקט נאָך אויסדריקלעך, אַז אויך צווישן די דייטשע סאָציאַליסטן האָבן זיך דאַמאָלסט געפֿינען „איינצלנע טיכטיקע נאַטורן, ווי מאָזעס העס, וועלכע האָבן זיך מיט דער פֿאַרשאַרפֿונג פֿון קלאַסן־קאַמף אַנטוויקלט צום „דעסטרוקטיוון קאָמוניזם".

די דאָזיקע פּאָלעמישע שפּיל, וועלכע מאַרקס האָט זיך דערלויבט בנוגע צו העסן, האָט געוויס געמאַכט אַ טיפֿע ווירקונג אויף העס אידעאַלער און פֿילנדער נשמה. אָבער עס איז געווען אַ שטורעמדיקע צייט, דאָס יאָר 1848, נישט קיין צייט פֿאַר פּערזענלעכע חשבונות און אָפּרעכנונגען. אין דייטשלאַנד איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע, וועלכע האָט אָבער נאָר אין באַדען געפֿירט צו אַ ווירקלעכן קאַמף צווישן די אויפֿשטענדיקע רעוואָלוציאָנערן און די פּרייסישע סאָלדאַטן. העס האָט זיך אין דער דאָזיקער באַוואַפֿנטער רעוואָלוציע באַטייליקט צוזאַמען מיט ענגעלסן, ווילליך, שאַפּער און אַנדערע קעמפֿער און איז שפּעטער נאָך דעם זיג פֿון דער רעאַקציע, פֿאַראורטיילט געוואָרן צום טויט. דער טויט־אורטייל האָט אים נישט געקענט דערגרייכן. ער איז אַנטלאָפֿן אין דער שווייץ און האָט זיך אויפֿגעהאַלטן אין גענף, פֿונוואַנען ער האָט מיט גרויסער איבערגעגעבנקייט נאָכגעפֿאָלגט די פּאַסירונגען אין דייטשלאַנד.

נאָך דעם נצחון פֿון דער רעאַקציע, האָט זיך, ווי געוויינלעך ביי אַזעלכע אומשטענדן, אָנגעהויבן די אינערלעכע פּאַנאַנדערפֿאַלונג פֿון דער רעוואָלוציע זעלבסט. עס זיינען באַלד אַנטשטאַנען צוויי שטרעמונגען צווישן די דייטשע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן פֿאַנאַנדערגעשפּאָלטן דעם בונד פֿון די קאָמוניסטן. מאַרקס, וועלכער

האָט נאָך אין יאָר 1849 געגלויבט אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וועלכע וועט אויסברעכן אין פראַנקרייך, האָט אין 1851 עפנטלעך דערקלערט, אַז עס איז נישט מער די צייט פון רעוואָלוציע, נאָר פון קעגן־רעוואָלוציע. די אַנטדעקונג פון די גאָלדגרובנס אין קאַליפאָרניע, די געוואַלדיקע אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אין ענגלאַנד, די פאַרבעסערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע אין גאַנץ אייראָפע האָבן געפירט מאַרקסן צו דער איבערצייגונג, אַז עס איז נישטאָ קיין אָביעקטיווע מעגלעכקייט און קיין האָפענונג אויף אַ באַלדיקער רעוואָלוציע. ענגעלס, פרייליגראַט, וואָלף און די פיל אַנדערע רעוואָלוציאָנערן האָבן געטיילט מאַרקס אויפפאַסונג, אָבער שאַפער, וויליך, דער ייִנגער ליבקנעכט, האָבן געוואָלט אַרויסרופן נאָכאַמאָל די רעוואָלוציע. העס איז געשטאַנען אויף דער זייט פון די שטורעמדיקע רעוואָלוציאָנערן, אָבוואָל ער האָט זיך נישט אַריינגעוואָרפן אין אַקטיוון קאַמף. באַלד איז פון דער דאָזיקער אינערלעכער מחלוקת דער „בונד״ זיך פאַנאַנדערגעפאַלן אין צוויי גרופן און איין גרופע האָט עפנטלעך אויסגעשלאָסן די צווייטע פון בונד. דער „בונד פון די קאָמוניסטן״ האָט זיך פולשטענדיק אויפגעלעזט און איז כמעט פאַרשוונדן פון דער היסטאָרישער סצענע, נאָכדעם ווי די דייטשע רעגירונג האָט אַרויסגערופן דעם באַרימטן קעלנער קאָמוניסטן־פּראָצעס אין יאָר 1852.

פון יענער צייט שטאַמט אַ קליינע שריפט פון העסן אין דער פראַנצויזישער שפּראַך, אַרויסגעגעבן אין גענף (1851), וועלכע טראָגט דעם נאָמען: „דאָס לעצטע געריכט איבער דער אַלטער סאָציאַלער וועלט״. אין דער דאָזיקער שריפט זעט העס קלאָר די גרויסע באַדייטונג פון דעם עקאָנאָמישן פאַקטאָר אין דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג און אין דער אַנטשטייאונג פון רעוואָלוציעס. ער שטייט אויף דעם זעלבן רעאַלן באָדן פוןווירקלעכקייט ווי מאַרקס, אָבער עס דערוועקט זיך אין אים דער אַלטער אידעאַליסטישער רעוואָלוציאָנער און ער פאָדערט אַקציע און רעוואָלוציאָנערן טאַט. ער זאָגט פאָלגנדיקע ווערטער: „די דייטשע סאָציאַליסטן ווייסן אַלץ, אָבער זיי קענען נישט האַנדלען. זיי באַזיצן נאָר דעם וואָפן פון דער קריטיק, כדי אָנצופאַלן אויף דער אַלטער סאָציאַלער וועלט. זיי פאַרשטייען זייער גוט די קונסט, ווי צו שניידן דעם קערפּער פון אונזער געזעלשאַפט, צו אַנטוויקלען איר עקאָנאָמיע און באַווייזן

איר קראַנקייט, אָבער זיי זיינען צו מאַטעריאַליסטיש, כדי צו האָבן דעם פייער, וועלכער עלעקטריזירט, וועלכער רייסט מיט זיך דאָס פאָלק... זיי האָבן פאַרביטן דעם נעפּלהאַפטן שטאַנדפּונקט פון די דייטשע פילאָזאָפן אויף דעם ענגן און קליינלעכן שטאַנדפּונקט פון דער ענגלישער עקאָנאָמיע".

די דאָזיקע ווערטער זיינען געווען געצילט קעגן מאַרקסן. אפשר איז אָבער די דאָזיקע שאַרפע קריטיק ריכטיקער בנוגע צו דעם דייטשן סאָציאַליזם נאָך מאַרקסן און אָן מאַרקסן, איידער בנוגע צו מאַרקסן גופא. די דאָזיקע שעפעריש־קריטישע געדאַנקען זיינען יעדנפאַלס די לעצטע ווערטער פון העסן, מיט וועלכע ער האָט גע־ענדיקט זיין ערשטע רעוואָלוציאָנערע עפּאָכע, וועלכע האָט אין 1848 דערגרייכט איר העכסטן פּונקט.

6.

די פופציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט זיינען געווען יאָרן פון פּאָליטישער רעאַקציע. די רעוואָלוציע פון 1848 איז אין אַלע לענדער באַזיגט געוואָרן פריער פון דער קעגן־רעוואָלוציע און דערנאָך פון דער כוואַליע פון עקאָנאָמישן רייכטום, וועלכע האָט זיך אויסגעגאָסן איבער גאַנץ אייראָפּע. אין קאַליפאָרניע זיינען אַנט־דעקט געוואָרן די גאָלדמינען, און מערב־אַמעריקע האָט זיך געעפנט. באַנען האָט מען אָנגעהויבן בויען אין דער אַלטער און אין דער נייער וועלט, די גרויס־אינדוסטריע האָט זיך אָנגעהויבן גוואַלדיק אַנטווי־קלען און באַזונדערס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר ענגלאַנד אַ צייט פון עקאָנאָמישן אויפשטייג. די דאָזיקע עקאָנאָמישע אויפבליאונג האָט אָפּגעטויט יעדע וויטערדיקע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין איר וואָרצל. מאַרקס האָט דאָס ריכטיק געזען שוין אין אָנהייב פון די פופציקער יאָרן און האָט געפירט אַ ביטערע קריטיק קעגן אַלע די עמיגראַנטן, וועלכע האָבן געוואָלט אויף אַ קינסטלעכן אופן אַראָפּברענגען נאָכאַמאָל די רעוואָלוציע.

אין דעם רעוואָלוציאָנערן לאַגער אין אייראָפּע איז געוואָרן שטיל. די רעוואָלוציאָנערן פון 1848 האָבן זיך צעזייט און צע־שפּרייט איבער דער וועלט און פיל זיינען איבערגעגאַנגען צוריק צו דער רואיקער און באַקוועמער וועלט פון דער בירגערלעכער געזעל־

שאַפט. ווייטלינג האָט אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, ווו ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט וויסנשאַפט. באַקונין איז געלעגן אין די פעסטע לאַפּעס פון דער רוסישער רעגירונג. מאַרקס איז צוזאַמען מיט ענ־געלסן געווען אין לאָנדאָן, ווו ער האָט געאַרבעט ליטעראַריש און איז געווען דער מיטאַרבעטער פון דער ניו־יאָרקער „טריבון״. אין יענע יאָרן האָט מאַרקס, נישט קוקנדיק אויף זיין שרעקלעכער מאַטעריעלער נויט, דורך אייזערנעם פלייס און אומגעהייערער אַר־בעט, צונויפגעקליבן דעם וויסנשאַפטלעכן מאַטעריאַל פאַר דעם „קאַפּיטאַל״, וועלכער איז געוואָרן דער קריטישער וואָפן קעגן דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט.

מאָזעס העס איז אין די פופציקער יאָרן געשטאַנען אין אַ זייט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין אייראָפּע, אויף וויפיל אַזאַ באַוועגונג איז נאָך אָנגעגאַנגען. די אַלגעמיינע רעאַקציע און באַזונדערס די פּראָקלאַמירונג פון נאַפּאָלעאָנען דעם דריטן, דעם 2 דעצעמבער 1851, אַלס קייסער פון פראַנקרייך, האָט אַרויפגע־וואָרפן אויף העסן אַ טיפן אומעט און אָנגעפילט זיין האַרץ מיט פאַר־צווייפלונג. פון גענף, ווו ער האָט דאַמאָלסט געלעבט, פאָרט ער נאָך קיין בעלגיען און פּרובירט זיך באַזעצן אין לוטיך און שפּעטער אין אַנטווערפּן. אָבער די פּרייסישע רעגירונג פאָדערט, אַז מען זאָל העסן איבערגעבן אין אירע הענט, אַלס אַ רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט. העס פאַרלאָזט דערפאַר בעל־גיען און געפינט נאָכאַמאָל זיין היים אין פאַריז. אָבער דאָס מאָל איז פאַר אים פאַריז נישט מער די שטאָט פון רעוואָלוציאָנערער אומרואיקייט, נאָר אַן אָרט פאַר שטילער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. ער הייבט אָן שטודירן נאַטורוויסנשאַפט, אַסטראָנאָמיע, געאָלאָגיע, העכערע מאַטעמאַטיק און ווערט אַ מיטאַרבעטער פון פיל דייטשע נאַטורוויסנשאַפטלעכע צייטשריפטן. אין דער נאַטורוויסנשאַפט בלייבט ער אָבער שטענדיק דער פילאָזאָף און באַטראַכט אַלע פּראָ־בלעמען פון זייער העכערן, אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט. אין דער זעלבער צייט גייט העס איבער פון אַלגעמיינע באַטראַכטונגען און אידעען, צו וועלכע ער איז געווען געוווינט אין די פריערדיקע יאָרן, צו די איינצלהייטן, צו די עלעמענטן. אויב פריער האָט העס באַשאַפן זיך דעם אַלגעמיינעם באַגריף „מענטש״, האָט ער אים איצט, אין די יאָרן פון זיין וויסנשאַפטלעכן איינצל־שטודיום, צעגלידערט אין זיי־

נע יסודות, זיינע עלעמענטן און האָט שוין געזען אין דער ראַסע, דער געשיכטע, די פסיכישע אייגנטימלעכקייטן, דיווירקלעכע עלע־מענטן פון דעם ביז איצט אַבסטראַקט־פאַרגעשטעלטן „מענטש״. די מענטשהייט איז פאַנאַנדערגעפאַלן אין נאַציאָנאַליטעטן. די צען יאָר וויסנשאַפטלעכע אַרבעט זיינען געווען די בריק פון זיין „היילקער געשיכטע פון דער מענטשהייט״ צו „רוים און ירושלים, די לעצטע נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע״.

עס האָט אָבער געמוזט צוקומען נאָך אַן אויסערלעכער פאַק־טאָר, כדי העס זאָל מאַכן אַן אַנטשיידנדיקן שריט אויף דעם וועג פון נאַציאָנאַליזם בכלל און יידישן נאַציאָנאַליזם בפרט. וויבאַלד נאָר העס איז דורך זיינע פילאָזאָפישע און נאַטורוויסנשאַפטלעכע שטו־דיען געקומען צו דער אידעע, אַז די ראַסע און נאַציע זיינען שעפע־רישע כחות פון דער געשיכטע און לעבן, וועלכע זיינען מסוגל אָנ־צווואַקסן און זיך נאָך ווייטער אויסצובילדן אין דעם היסטאָרישן שטראָם, האָט ער זיך געמוזט דערמאָנען אין זיין יידישער נאַציע. וואָרום אייגנטלעך האָט העס קיינמאָל דאָס יידישע פאָלק נישט פאַרגעסן, דערצו איז ער געווען צופיל אַ יידישער תלמיד חכם און האָט געהאַט אַ צו טיפע און רעוואָלוציאָנערע נשמה. און אָט איז צוגעקומען אַן אויסערלעכער פאַקטאָר, וועלכער האָט געגעבן דעם שטויס דערצו, אַז זיין באַהאַלטענער ירושלים זאָל ניי געבוירן ווערן און דאָס איז געווען די באַפרייאונג פון רוים. נאָכדעם, ווי עס האָט זיך באַפרייט די הייליקע שטאָט אויף דעם טייך פון טיבער, איז אויך געקומען די צייט פאַר דער אייביקער שטאָט אויף דעם באַרג מוריה. נאָך דער באַפרייאונג פון רוים, מוז קומען די באַפריי־אונג פון ירושלים, — אַזוי זאָגט העס אין „רוים און ירושלים״.

אין יאָר 1859 איז אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן איטאַליען און עסטרייך פאַר דער באַפרייאונג און אויפלעבונג פון איטאַליען. אין איטאַליען האָבן די מאַסן דערוואַכט צו אַ נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג, און ווידער איז אייראָפּע און באַזונדערס פראַנק־רייך אומרואיק געוואָרן און איז אַרויס פון דעם צושטאַנד פון דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער נידערגעשלאָגנקייט. אמת, נאַפּאָלעאָן דער דריטער איז געווען פאַרבונדן מיטן דאָזיקן קריג, פון וועלכן ער האָט געזוכט צו פאַרשטאַרקן זיין אייגענע, קייזערלעכע פּאָזיציע און

זיין טראָן, אָבער די לופט אין אייראָפּע איז געוואָרן אָנגעפילט מיט נאַציאָנאַלער און רעוואָלוציאָנערער עלעקטריע. די איטאַליענישע רעוואָלוציאָנערן מ אַ צ י נ י און ג אַ ר י ב אַ ל ד י זיינען אויפגעוואָקסן צו דער הויך פון נאַציאָנאַלע העלדן. אין פּרייסן איז נאָטירלעך דאַמאָלסט אַרויפגעשווומען די פראַגע, פאַר וועמען זאָל זי שטיין און אויף וועלכער זייט עס דאַרפן ליגן די דייטשע סימפּאַטיעס. די גאַנצע עפנטלעכע מיינונג, באַזונדערס די דעמאָקראַטישע, האָט דיסקוטירט די נייע פראַגע מיט אַ הייסן אינטערעס.

די פירער פון סאָציאַליזם האָבן גלייך געלאָזט הערן זייער שטים וועגן דער באַפרייאונג פון איטאַליען, וועלכע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַלגעמיין אייראָפּעאיש פּראָבלעם. צוערשט איז אַרויסגעטרעטן ענגעלס מיט אַ שריפט: „פּאָ און ריין״, אין וועלכן ער האָט פּאָלעמיזירט קעגן דער דאַמאָלסט ברייט פאַרשפּרייטער אויפפאַסונג, אַז דער דייטשער ריין מוז באַשיצט ווערן ביי דעם איטאַליענישן טייך פּאָ, און אַז אין דער אָפּשוואַכונג פון עסטרייך דורך דער באַפרייאונג פון איטאַליען, איז אַ סכנה פאַר דער צוקונפט פון גאַנץ דייטשלאַנד.. ענגעלס טרעט אַרויס פאַר דער באַפרייאונג פון איטאַליען פון דעם פרעמדן, עסטרייכישן יאָך, אָבוואָל ער ווייזט אויף דעם גאַנצן עגאָאיזם און אַוואַנטורע פון נאַפּאָלעאָנען אין דעם דאָזיקן קריג. די דאָזיקע שריפט האָט ענגעלס אַרויסגעגעבן מיט דער צושטימונג פון מאַרקסן, וועלכער האָט די זעלבע געדאַנקען אַנטוויקלט אין דעם „ניו־יאָרקער טריבון״. באַלד נאָך ענגעלסעס שריפט איז לאַסאַל אַרויסגעטרעטן מיט אַ שריפט: „דער איטאַליענישער קריג און די אויפגאַבע פון פּרייסן״. לאַסאַל טרעט אַרויס מיט גרויסער באַגייסטערונג פאַר דער באַפרייאונג פון איטאַליענישן פאָלק, וועלכעס האָט אַ רעכט דורך זיין גאַנצער פאַרגאַנגענהייט, קולטור, זיינע קאַמפן און האָפענונגען אויף נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט. אין דער דאָזיקער שריפט רעדט לאַסאַל בכלל וועגן דער רעכט פון פעלקער אויף נאַציאָנאַלער באַפרייאונג און ווידערהויפלעבונג.. די דעמאָקראַטיע איז די אינערלעכע אויטאָנאָמיע פון אַ פאָלק, וועלכע איז אָבער נאָר דאַן מעגלעך, ווען דאָס פאָלק איז פריי פון יעדער פרעמדער הערשאַפט.. דער באַזיס און דער קוואַל פון דער דעמאָקראַטיע איז די פרייע, אומאָפּהענגיקע נאַציע. די דעמאָקראַטיע, וועלכע פאָדערט פאַר זיך פרייהייט פון נאַציאָנאַלי־

טעט, אָבער וויל דעראָבערן און באַהערשן אַנדער נאַציאָנאַליטעטן, אַזאַ דעמאָקראַטיע איז אומטריי געוואָרן דער אידעע פון דעמאָקראַטיע. אין זיין ווענדונג צום אינטערנאַציאָנאַל וועגן דעם דייטש־פראַנצויזישן קריג מיט צוועלף יאָר שפעטער, האָט מאַרקס די דאָזיקע געדאַנקען וועגן דער באַציאונג פון פאָלק צו פאָלק אויסגעדריקט נאָך פיל טיפער און מאָראַליש־אַלגעמיינער: צווישן פאָלק און פאָלק מוזן עקזיסטירן די זעלבע געזעצן פון מאָראַל און רעכט, ווי צווישן מענטש און מענטש. אַזוי האָט דורך דער לערע פון דער געשיכטע, מאַרקס און לאַסאַל פאַרלאָזן זייער פריערדיקע שפאָטיש־נעגאַטיווע האַלטונג צו אונטערדריקטע פעלקער, ווי צום ביישפיל צו די קליינע סלאַווישע פעלקער, צו מעקסיקע, און האָבן זיך אויפגעהויבן צו דער אַנערקענונג פון די רעכט פון די נאַציאָנאַליטעטן און דעם נאַציאָנאַלן פרינציפ אין דער געשיכטע און פאָליטיק.

7.

לאַסאַל און שפעטער אויך מאַרקס, האָבן אָנערקענט די רעכט און די פליכט פון די נאַציעס בכלל אויף נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט. דער דריטער גרויסער יידישער סאָציאַליסט העס האָט פראָקלאַמירט די אידעע פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט און האָט דער ערשטער געבראַכט דעם יידישן פאָלק די בשורה פון דער היסטאָרישער אויפלעבונג. אין יאָר 1862 איז דערשינען דאָס באַרימטע ווערק פון מאָזעס העס: „רוים און ירושלים”.

„רוים און ירושלים” איז נישט קיין סיסטעמאַטיש ווערק וועגן נאַציאָנאַליזם, יידנטום, יידן, דעם יידישן פראָבלעם. אַזאַ סיסטעמאַטיש ווערק וואָלט אין זיך געדאַרפט אַנטהאַלטן אַלגעמיינע געשיכטע־פילאָזאָפיע, סאָציאָלאָגיע, פילאָזאָפיע פון דער יידישער געשיכטע, די אונטערזוכונג פון דער מאַטעריעל־קולטורעלער לאַגע פון יידן אין דער קעגנוואַרט, די באַציאונג צווישן די פעלקער און יידן, די וועגן און מעגלעכקייטן פון אַ יידישער קאָלאָניזאַציע אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן פון אָריענט. אַלס ערשט ווערק וועגן די דאָזיקע פראָבלעמען וואָלט עס געמוזט זיין אָנגעפילט מיט פאָלעמיק, פובליציסטישע אָפרעכענונג און דיס־

קוסיעס. דער אינסטינקט פון דעם אַנטדעקער האָט געוויזן העסן די ריכטיקע פאָרם פאַר זיין ווערק: נישט אַ סיסטעם, נאָר לויזע געדאַנקען צו אַ סיסטעם, נישט דער בנין, נאָר די ציגל צו דעם בנין. „רוים און ירושלים" איז אָנגעשריבן אין צוועלף בריוו צו אַ פריינדין, צו וועלכע עס קומען נאָך צו אָנמערקונגען, אַן עפּילאָג פון זעקס קאַפּיטלען און צען נאָטן. אין דער דאָזיקער נישט צוזאַמענהאַנגיקער פאָרם, האָט דער פאַרפאַסער אַרויסגעזאָגט זיינע נייע, איבערראַשנדיקע געדאַנקען.

אין „רוים און ירושלים", אַקוראַט ווי אין אַלע זיינע פריערדיקע ווערק, גייט העס אַרויס פון דער ספּינאָזישער פילאָזאָפיע, וועלכע איז ביי אים די העכסטע, אמתע און יידישע פילאָזאָפיע, אַז די וועלט איז אַן איינהייט, אַל־איינעק און איינציק. נאָר פאַר אונזער באַשרענקטן פאַרשטאַנד וויקלט זיך די וועלט פאַנאַנדער אין איר פאַרשידנאַרטיקייט פון דערשיינונגען. הינטער דער פאַרשידנאַרטיקער שאַפונג שטייט דער איינהייטלעכער שעפער, אָבער נישט מחוץ פון דער שאַפונג, נאָר אין איר גופא, אַלס איר אמתער וועזן, איר מהות, איר אורזאַך און איר לעבן. פאַר די דאָזיקע יידיש־ספּינאָזישע אידעען געפינט העס באַוויזן פון דער מאָדערנער נאַטורוויסנשאַפט. די גרעסטע אַנטדעקונג פון דער מאָדערנער נאַטורוויסנשאַפט, דאָס געזעץ פון דער דערהאַלטונג פון קראַפט, זאָגט די זעלביקע זאַך, וואָס די אמתע רעליגיע, די תורה, און די אמתע פילאָזאָפיע, דער ספּינאָזיזם. די אַל־איינקע, אומענדלעכע און אייביקע קראַפט דריקט זיך אויס אין די פאַרשידנאַרטיקע, פאַרגענגלעכע און פאַרענדערלעכע דערשיינונגען פון דער נאַטור. „אַלעס פאַרגענגלעכע איז נאָר אַ פאַרגלייכניש" — האָט אויך ג ע ט ע געפילט.

די דאָזיקע געשאַפענע וועלט, אין וועלכער דער שעפער לעבט, איז אַ שטענדיק זיך ווייטער שאַפנדיקע וועלט. די וועלט ווערט פאַנאַנדערגעטיילט אין דריי קעניגרייכן אָדער ספערן: אין די קאָסמישע, אָרגאַנישע און סאָציאַלע לעבנס־ספערן. אָבער די דאָזיקע דריי וועלטן, די קאָסמישע, אָרגאַנישע און סאָציאַלע באַשטייען נישט פון אייביק אָן, זיינען נישט קיין קדמונים, נאָר זיינען אויך פּראָדוקטן פון דער אייביקער שאַפונג. די אַטאָמען, דאָס הייסט, די יסודות פון דער קאָסמישער וועלט, עקזיסטירן נישט פון אייביק אָן, נאָר זיי

זיינען אַמאָל אַנטשטאַנען שעפעריש פון אומענדלעך פאַרקלענערטן רוים. די קיימע, די דאַזיקע יסודות פון דער אָרגאַנישער וועלט, זיינען אויך נישט אייביקע אָרגאַנישע עלעמענטן, ווי פיל מיינען, נאָר זיי זיינען אַנטשטאַנען דורך אַ שאַפונגס־אַקט פון דער נישט־אָרגאַני־שער, קאָסמישער וועלט. וואָס אין דער קאָסמישער וועלט זיינען די אַטאָמען, דאָס זיינען אין דער אָרגאַנישער וועלט די קיימע און אין דער סאָציאַלער וועלט די אַנטפּלעקונגען, די התגלות, די נייע שעפע־רישע אידעען, וועלכע זיינען אויך דער רעזולטאַט פון אַ שעפערישן אַקט. די גאַנצע וועלט ווערט באַהערשט פון געזעץ פון אַנטוויקלונג, שאַפונג, ווערן, און עס פאַרווירקלעכט זיך אין אים אַ פּלאַן און אַ העכערער צוועק. די וועלט איז נישט קיין בלינדער דראַנג פון אומ־גליקלעכן ווילן, ווי שאָפּענהויער לערנט, נישט קיין דיאַלעקטישע אַנטוויקלונג פון דער אַבסטראַקטער אידעע, וואָס איר שליסל ליגט אויסערהאַלב פון דער לעבעדיקער רעאַליטעט, לויט העגעלס פי־לאָזאָפיע, זי איז נישט שטענדיקער, אומענדלעכער פאָרשריט אָן אַ ברעג און אָן אַ סוף, ווי די מאַטעריאַליסטישע נאַטור־פאָרשער מיינען, נאָר זי האָט אַ שכלדיקן זין אין זיך זעלבסט, אַ סוף און אַ צוועק אין איר פאָרשריט, און דאָס איז די האַרמאָניע, דער שלום פון אַלע שטרייטנדיקע עלעמענטן, די פאַרייניקונג פון אַלע קעגנ־זאַצן אין דער העכסטער איינהייט.

העס רופט אָן די דאָזיקע וועלט־אַנשויאונג, די גענעטישע וועלט אַנשויאונג, אָדער אויך די יידישע וועלט־אַנשויאונג. אין דער דאָ־זיקער וועלט־אַנשויאונג קלינגט די פילאָזאָפיע פון דער תורה, וועלכע זעט די גאַנצע וועלט פון שטאַנדפּונקט פון דער שעפערישער צייט, און די פילאָזאָפיע פון ספינאָזאַן, וועלכער זעט הינטער דער פאַר־שידנאַרטיקער, אין דערשיינונגען פאַנאַנדערפאַלנדיקער, אין גייסט און מאַטעריע צעריסענער וועלט, די אמתע, אייביקע אַל־איינהייט. ווי קלינגט דאָך די דאָזיקע גענעטישע וועלט־אַנשויאונג פון העסן נאָענט און קרובהדיק צו העגעלס פילאָזאָפיע פון דער שע־פערישער עוואָלוציע אין דער צייט, וועלכע האָט איר וווּנדערבאַרע אורקראַפט צו באַשאַפן יש מאין.

די עוואָלוציע פון דער קאָסמישער און אָרגאַנישער וועלט האָט זיך שוין פאַרענדיקט, אַבוואָל קאָסמישע און אָרגאַנישע מאַטעריעס

אַנטשטייען נאָך פאַר איינס דורך שעפערישע אַקטן, אָבער די סאָ־ציאַלע עוואָלוציע האָט זיך נאָך נישט געענדיקט. דער סוף און דער צוועק פון דער סאָציאַלער עוואָלוציע איז דער היסטאָרישער שבת, אַזוי ווי דער סוף פון דער עוואָלוציע פון דער נישט אָרגאַנישער און אָרגאַנישער וועלט איז דער נאַטור־שבת. דער נאַטור־שבת איז שוין געקומען, אָבער דער געשיכטע־שבת דאַרף ערשט קומען, ער דאַרף קומען אין דער אַלגעמיינער האַרמאָניע, אין דער מלכות המשיח, אין דעם אַלוועלטלעכן סאָציאַליזם. וואָס איז אָבער דער סאָ־ציאַליזם? דער סאָציאַליזם איז נישט נאָר דער וועג צו דעם העכסטן גליק און צו דער העכסטער מאַכט, נאָר ער איז די העכסטע מאָראַלי־שע פולקאָמקייט פון דעם מענטשן. אַזוי לאַנג ווי די מענטשן זיינען נישט געווען רייף, האָבן זיי זיך געלאָזט פירן פון תאוות, נאַרישקייט און אוממאָראַלישקייט, האָבן זיי געקענט שטרעבן צו מאָראַל. אין דער סאָציאַליסטישער צוקונפט וועט דער מענטש מ ו ז ן לעבן מאָראַליש און די דאָזיקע מאָראַלישע נויטווענדיקייט איז די הייליקייט. דער מענטש וועט זיין מאָראַליש פריי, וואָרום ער וועט לעבן מיט באַוווסטזיין און מיט אַ ווילן לויט זיין באַשטימונג און זיין ווילן וועט זיין אין הסכם מיט דעם געזעץ און ווילן פון גאָט. אַזוי וועט זיך אין דעם געשיכטע־שבת פאַרווירקלעכן דער העכסטער ציל פון דעם וועלט־אַל, דער פולקאָמער מענטש, וועלכער וועט דערקענען גאָט, דאָס הייסט, די אַל־אייניקע וועלט און וועט פריי לעבן לויט איר אינערלעכן געזעץ און שכל. דער סאָציאַליזם איז ביי העסן קיינמאָל נישט געווען נאָר אַ נייע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע, נאָר ער מאָלט זיך אים שטענדיק אַלס די טעכנישע מעגלעכקייט פאַר דעם נייעם, אידעאַלן מענטש.

אויף דער העכסטער שטופע פון דעם אָרגאַנישן לעבן איז אַנטשטאַנען דער מענטש, די מענטשלעכע ראַסע, אויך אַלס פרוכט פון אַ שעפערישן אַקט. וואַרשיינלעך נאָך פון דער שויס פון נידע־ריקע פאַר־היסטאָרישע ראַסן זיינען ארויסגעוואַקסן און האָבן זיך אויפגעהויבן די גרויסע היסטאָרישע ראַסן, פון די דאָזיקע מענטש־לעכע ראַסן זיינען אַרויסגעקומען די צוויי שעפערישע ראַסן: די אינדאָ־גערמאַנישע און די סעמיטישע. די איידלסטע שפּראָצונג פון דער אינדאָ־גערמאַנישער ראַסע איז דאָס גריכישע פאָלק, פון דער

סעמיטישער ראַסע איז דאָס פרומע יידישע פאָלק. דאָס אַריסטאָ־קראַטישע גריכישע פאָלק און דאָס יידישע פאָלק זיינען די צוויי געניאַלע פעלקער, וועלכע האָבן באַשאַפן די מענטשלעכע קולטור. העס גלויבט אין דער אורשפּרינגלעכער עקזיסטענץ פון די פאַרשי־דענע ראַסן, ער איז פּאָליגעניסט, אין קעגנזאַץ צו דער מאָנאָגעניס־טישער טעאָריע, וועלכע זאָגט, אַז אַלע מענטשלעכע ראַסן שטאַמען פון א יי ן ראַסע. די ראַסן זיינען די אורזאַך פון דעם סאָציאַלן, היסטאָרישן לעבן, וועלכעס אַנטוויקלט זיך דורך די ראַסן־קעגנזאַצן צו דער לעצטער סאָציאַלער, היסטאָרישער איינהייט. די איינהייט פון דער מענטשהייט איז נישט דער אָנהויב, נאָר דער סוף פון דער מענטשלעכער געשיכטע, די פרוכט פון דעם העכסטן לעבנס־ווילן פון די פעלקער, די אויספירונג פון זייערע פאַרשידענע, נאַציאָנאַלע מיסיעס.

די גריכן און די יידן זיינען די שעפער פון צוויי גאַנץ פאַר־שידענע קעגנזעצלעכע וועלט־אַנשויאונגען. די גריכן זיינען אַרויס־געגאַנגען פון דער פאַרשידנאַרטיקייט פון לעבן, די יידן האָבן דער־קענט די איינהייט. די גריכן האָבן פאַרשטאַנען די וועלט אַלס אַן אייביקן זיין, די יידן אַלס אַן אייביקן ווערן, דער גריכישער גייסט האָט דורכגעדרונגען די רוימלעכע פאַנאַנדערטיילונג, דער יידישער גייסט דעם צייטלעכן סדר.. אין גריכישן גייסט שפּיגלט זיך אָפּ די פאַרענדיקטע שאַפונג, אין יידישן גייסט דער שאַפנדער פּרינציפּ, די עקזיסטענץ. די גריכן זיינען די פאַרטרעטער פון דעם נאַטור־שבת, די יידן פון דעם געשיכטע־שבת. דאָס גריכנטום איז אַ נאַטור־רעליגיע, דאָס יידנטום אַ געשיכטע־רעליגיע. די גריכן האָבן פאַר־שענערט דעם אינדיווידואום, דאָס יידנטום וויל אַריינטראָגן מאָראַל און אמת אין דער מענטשהייט. דאָס גריכנטום האָט געזען אין דער פאַרגאַנגענהייט דאָס גאָלדענע צייטאַלטער, דאָס יידנטום האָט באַשאַפן די אידעע פון משיח, דער דערלייזונג אין דער צוקונפט, אין דעם אַחרית הימים, אין דעם קץ.

העס איז דערפאַר דער פאַרניינער און קעגנער פון קריסטנטום, אָבער נישט פון יענעם אור־קריסטנטום, וואָס איז געווען רעוואָ־לוציאָנער און קאָמוניסטיש יידנטום אין ארץ־ישראל אין דעם ערשטן יאָרהונדערט און האָט געוואָלט אַראָפּברענגען די משיח־גאולה אויף

דער וועלט. אין יענער גרויסער צייט פון די איסיים, פון די משיחיים, פון די סאָציאַל־רעליגיעזע סעקטעס אַרום דעם חורבן בית שני, וועלכע זיינען געווען קעמפער פאַר פרייהייט און זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך דעם חסידיש־קאָמוניסטישן אידעאַל: שלי שלך, ושלך שלך, — אין יענער גרויסער צייט זעט העס דעם העכסטן העראָאישן פאַרזוך פון נבואה־יידנטום זיך צו פאַרווירקלעכן אין לעבן. אָבער נאָך דעם אונטערגאַנג פון פאָלק ישראל און דער פאַ־נאַנדערפאַלונג פון דער אַנטיקער וועלט, האָבן זיך אין דעם נייעם פעלקער־כאַאָס צונויפגעמישט איבערנאַטירלעכע אידעען פון יידנ־טום מיט האַלב־מיטאָלאָגישע זכרונות פון דער גריכיש־רוימישער וועלט און עס איז אַנטשטאַנען אויף דעם באָדן פון דער מענטש־לעכער מאַכטלאָזיקייט און פאַרצווייפלונג די קריסטלעכע יענע־וועלט־רעליגיע. דאָס קריסטנטום פאַרשפּרעכט די אינדיווידועלע דערלייזונג פון דעם מענטש, אויפן הימל אין דער שויס פון יעזוס קריסטוס בשעת דאָס יידנטום זאָגט נבואה די גאולה פון דעם כלל אויף דער וועלט דורך די ביאת המשיח. דאָס קריסטנטום פאָ־דערט נאָר גלויבן, דאָס יידנטום פאָדערט מעשים, מעשים טובים. דאָס קריסטנטום איז געוואָרן דער היפּוך פון יידנטום און די נאַ־טירלעכע אידעאָלאָגיע פון די באַרבאַרישע פעלקער אין די ערשטע יאָרהונדערטער. דער ספּיריטואַליסטישער תוכן, מיט וועלכן דאָס קריסטנטום צייכנט זיך אויס פּאָזיטיוו פון די מאַטעריאַליסטישע נאַטור־רעליגיעס, איז ווייטער נישט מער ווי אַ יסוד פון יידנטום.

אַזוי איז העס אַן אויסגעשפּראָכענער ראַסן־טעאָרעטיקער. די ראַסן־אייגנטימלעכקייט איז אַ שעפעריש(ע)ר היסטאָרישער פּרינ־ציפּ, און דער וואָרצל פון סאָציאַלן לעבן ליגט אין דער ראַסן־קראַפט. די ראַסן ־ אידעאָלאָגיעס פון יידישן און גריכישן פאָלק, וועלכע שטאַמען נאָך פון דער ווייטער אור־געשיכטע, זיינען גע־בליבן לעבן אין דער פאַרשידנסטער אומגעבונג, זייערע שעפערישע ליכטזאָמען קאָנען אַפילו אַריבערגעפלאַנצט ווערן אויף אַנדערע פעלקער. מיט דער דאָזיקער ראַסן־טעאָריע וויל העס באַלייכטן די געהיימניספולע און פאַרבאָרגענע וועגן פון דעם מענטשלעכן גייסט. דער עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזם אין זיין וולגאַרער פאָרם וויל אַרויסדרינגען און דערקלערן יעדע אידעאָלאָגיע פון די סאָציאַלע לעבנס־פאַרהעלטנישן, פון דער געזעלשאַפטלעכער סביבה, אָבוואָל

מאַרקס זעלבסט האָט קיינמאָל נישט אונטערזוכט און אַ פשיטא שוין נישט דערשעפּט די אַנטשטייאונג און די ווייטערדיקע עקזיסטענץ און דעם שיקזאַל פון די מענטשלעכע אידעאָלאָגיעס. אין די געאָגראַפיש און קלימאַטיש נאָענטע לענדער האָט זיך אַנטוויקלט אַ טעכניש און סאָציאַל פאַרשידן לעבן, אַזוי אַז דער צוזאַמענהאַנג פון געאָגראַפיע און געשיכטע איז נישט קיין אַבסאָלוטער. דער קלאַסן־קאַמף האָט נישט אויפגעלעבט אין יעדער געזעלשאַפט און נישט ביי יעדער נאַציע, האָט זיך נישט גלייכאַרטיק אויסגעדריקט, האָט נישט מיט גלייכער קראַפט געשטורעמט און האָט נישט געפירט אומעטום צו דער סאָציאַלער באַנייאונג און אויפלעבונג. די געשיכטע פון די פעלקער, די געשיכטע פון אַלטערטום, פון פאָלק ישראל, גריכנלאַנד, רוים, איז די געשיכטע פון דעם פאַרשידענעם גורל פון קלאַסן־קאַמף, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן פון די פאַרשידנסטע מאָטיוון און גאָר אין אַ גרויסער מדרגה פון דער נאַציאָנאַלער און ראַסן־אידעאָלאָגיע.

אָבער העס, וועלכער איז אַן אָנהענגער פון דער ראַסן־טעאָריע, איז ווייט דערפון צו גיין אין די זעלביקע וועגן, אין וועלכע עס זיינען געגאַנגען די ראַסן־טעאָרעטיקער, ווי גאָבינאָ, טשעמבערליין, אָדער גאָר ווי די סלאַוואָפילישע טעאָרעטיקער. פאַר יענע ראַסן־טעאָרעטיקער זיינען פאַראַן ווערטפולע און ווערטלאָזע ראַסן און נאַציעס; ראַסן, וועלכע האָבן אַ רעכט אויף געשיכטע און ראַסן, וועלכע לייקענען און שטערן דעם זין פון דער געשיכטע. ביי העסן זיינען אייגנטלעך אַלע נאַציעס אויסגעקליבענע, אַתה־בחרתנו־פעלקער. יעדעס פאָלק מוז האָבן, ווי דאָס יידישע פאָלק, אַ מיסיע, אַ היסטאָרישן קולט, מוז ווערן גאָטס פאָלק.

דאָס יידישע פאָלק מוז נאַציאָנאַל זיך דערקענען און פאָליטיש אויפלעבן אין ארץ־ישראל, כדי צו דערפילן זיין היסטאָרישע מיסיע דעם סאָציאַליזם, דעם געשיכטע־שבת. דאָס ווידעראויפגעלעבטע זעלבשטענדיקע יידישע פאָלק וועט אַ דאַנק זיין שעפערישן געניוס, ווייטער אויסבילדן די יידישע ביבל־רעליגיע צו אַ וויסנשאַפטלעכער אַנטוויקלונגס־לערע פון דעם קאָסמישן, אָרגאַנישן און סאָציאַלן לעבן. די באַגרינדונג פון אַ נייער, סאָציאַלער וועלט און די שאַפונג פון אַ נייער וועלט־רעליגיע, אָדער בעסער געזאָגט פון אַ נייער און באַנייטער רעליגיע פאַר דער וועלט, איז

דער העכסטער צוועק פון דעם יידישן רענעסאַנס. דורך ספינאָזאַ, וועלכער האָט געפּרוווט פאַרייניקן דעם יידישן געניוס מיט דער וויסנשאַפט, איז שוין געלייגט געוואָרן דער יסוד צו דער יידישער וועלט־רעליגיע פון דער צוקונפט.

העס שרייבט זיין „רוים און ירושלים״ אין דער עפּאָכע פון דער הערשנדיקער אַסימילאַציע. ער מוז דערפאַר פּאַראייִנס אונ־טערשטרייכן און דערמאָנען, אַז די יידן זיינען אַ נאַציע און מוז פירן אַ פּאָלעמיק קעגן די אַסימילאַטאָרן פון דער צייט. די יידן האָבן דורכאויס נישט פאַרלוירן זייער ראַסן־טיפּ אין לויף פון די יאָרטויזנטער פון גלות און האָבן אויך נישט פאַרלוירן זייערע נאַ־ציאָנאַלע אייגנשאַפטן, זייער נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטיש געפיל. די אומ־קערונג אַהיים אין ארץ־ישראל, די האָפענונג אין דעם פּאָליטישן משיח איז קיינמאָל נישט פאַרשוווּנדן פון דער יידישער געשיכטע, נישט פון דער רעליגיע, נישט פון לעבן, נישט פון דער פאַמיליע. דער גלויבן אין דער אומקערונג האָט געהאַט אויך אַ שטענדיקע טיפע ווירקונג אויף דער גאַנצער לעבנס־פירונג פון די יידן. די גאַנצע יידישע רעליגיע, וועלכע איז אייגנטלעך נישט קיין רעליגיע פון גלויבונגען און דאָגמעס, נאָר אַ רעליגיע פון מעשים, פון לעבן וועלכע אנטוויקלט זיך און ענדערט זיך אין גאַנג פון לעבן, איז אויפגעבויט אויפן יסוד פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט. די שיבת ציון וירושלאַם איז דער לייט־מאָטיוו פון דעם יידישן רעליגיעזן קולט.

העס קריטיקירט און מאַכט לעכערלעך די רעפאָרם־ראַבינער, וועלכע לייקענען די יידישע נאַציע און האָבן פון דער יידישער רעליגיע, פון דער יידישער שול און דער יידישער תפילה אַרויס־גענומען די לעבעדיקע נאַציאָנאַלע נשמה. די רעפאָרם־ראַבינער האָבן מיט זייער טרוקענעם ראַציאָנאַליזם פאַרקריסטלט די יידישע רעליגיע און צוגערויבט איר טיפזיניקן אינהאַלט... אין פאַרגלייך מיט די אַסימילירטע רעפאָרמיסטן, זיינען שוין אָרטאָדאָקסן פיל נענטער צו דעם אמת, פיל אויפריכטיקער און זיכערער אין זייער יידיש־קייט. אָבער געוויס זיינען אויך די אָרטאָדאָקסן נישט דער חמר פון דער יידישער נאַציאָנאַלער צוקונפט, זיי זיינען פאַרגליווערט און פאַרשטיינערט געוואָרן אין זייערע זינלאָזע צערעמאָניעס און פאָר־מען, וואָס זייער סימבאָלישער זין האָט זיך אויסגעוועפּט און איז

די אָרטאָדאָקסן זעלבסט נישט מער באַוווסט. אָבער טראָץ רעפאָרמיסטן און אָרטאָדאָקסן זיינען אַפילו אין דער קעגנוואַרט פאַראַן שפּראָצונגען פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און דאָס איז די נייע יידישע בעלעטריסטיק און די יידישע וויסנשאַפט, מיט דעם היסטאָריקער ג ר ע ץ אין דער שפּיץ. דאָ האָט העס, ווי אומעטום, דערפילט דעם וועזן פון א דערשיינונג, וואָס אונטערשיידט זיך פולשטענדיק פון דער דערשיינונג גופא. די יידישע בעלעטריסטיק אין דייטשלאַנד פון ק אַ מ פּ ע ר ט, פּ ר אַ נ צ אָ ז און די יידישע וויסנשאַפט פון ג יי ג ע ר, ה אָ ל ד ה יי ם, י אַ ס ט, צ ו נ ץ אאַ״וו זיינען געווען דורכגעדרונגען פון דעם גייסט פון אַסימילאַציע און האָבן זיך אַפילו געשטעלט אין דינסט פון דער אַסימילאַציע. אָבער אין דער ווירקלעכקייט האָט די דאָזיקע דערוואַכנדיקע יידישע ליטעראַטור געוועקט די באַהאַלטענע יידיש־נאַציאָנאַלע ענערגיע און איז געוואָרן אַ טרייבנדיקער כח פאַר דער נאַציאָנאַלער דערוואַכונג. די זעלביקע דערשיינונג האָט זיך איבערגעחזרט מיט די יידן פון אַלע אַנדערע לענדער און די מאָדערנע יידישע ליטעראַטורן אין אַלע שפּראַכן, אַפילו אין יידיש און העברעאיש.

דאָס פּאָליטיש און נאַציאָנאַל אויפלעבנדיקע יידישע פאָלק וועט אָבער נישט נאָר פאַרווירקלעכן אַ נייע וועלט־היסטאָרישע אידעע, עס וועט זיך זעלבסט באַפרייען און אויסלייזן פון אונטערדריקונג, שאַנדע און דער סאָציאַלער פּאַראַזיטן־עקזיסטענץ פון גלות. נישט דער אַנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט אין העס צייטן נאָר עקזיסטירט אַלס אַ מילדער יידן־האַס, וועט טרייבן דאָס יידישע פאָלק צו זייער היים. אַפילו נישט דער יידן־האַס אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער האָט לויט העסן געקענט זיין די טרייבקראַפט צו דער אויסוואַנדערונג, וואָרום אין יענער צייט האָבן די די יידן אין רוסלאַנד געוואַרט אויף ישועות פון דעם ליבפולן רוסישן פאָלק און זיין אויפגעקלערטער רעגירונג. דער מאָראַלישער מאָטיוו אַליין צו באַפרייען זיך פון נאַציאָנאַלער שאַנדע און סאָציאַלער אומפּרוכטבאַרקייט און אומפּראָדוקטיווקייט דאַרף טרייבן דאָס יידישע פאָלק צו אַן אייגענער היים. און דערביי זאָגט העס יענע מערקווירדיקע נביאישע ווערטער, וועלכע באַלייכטן די גאַנצע יידישע עקאָנאָמיק, ווי זי האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט ערשט

אין אונזער צייט אין איר גאַנצער נישט נאָרמאַלקייט. ביי יידן, אַזוי זאָגט העס, מוז נאָך מער, איידער ביי יעדן אַנדערן אונטערגע־דריקטן פאָלק, די נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט זיין דער ער־שטער באַדינג פאַר יעדן סאָציאַל־פּאָליטישן פאָרשריט. אַ געמיינ־שאַפטלעך נאַציאָנאַל לאַנד איז דער יסוד פאַר געזונטע אַרבעטס־פאַרהעלטנישן, אַ פאָלק אין גלות, מוז ווערן אַ פאָלק פון פּאַראַזיטן, וואָס לעבט נאָר פון פרעמדער פּראָדוקציע. מיט אייגענע געדאַנקען האָט דאָ העס אָנגעצייכנט דעם גאַנצן שפּעטערדיקן סאָציאַליסטיש־ציוניסטישן בליק אויף דער יידישער עקאָנאָמיק אין גלות.

אויף וועלכער פּאָליטישער און קולטורעלער מאַכט קענען זיך אָבער יידן שטיצן אין זייער שטרעבונג און דראַנג צו ארץ־ישראל? די תשובה איז פאַר מאָזעס העסן זעלבסטפאַרשטענדלעך. פראַנק־רייך, דאָס לאַנד פון רעוואָלוציע, פון פרייהייט, פון רעפּובליק, דאָס פראַנצויזישע פאָלק, וואָס האָט אַ רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַלע תכונה אין זיך, וועט קומען דעם יידישן פאָלק צו הילף. פראַנקרייך וועט דאָס טאָן אויס אידעאַלע מאָטיוון, אַקוראַט ווי אויס פּאָליטישע. די באַפרייאונג פון יידישן פאָלק איז נאָך אַלץ די פאָרזעצונג פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און אירע אייביקע פריי־הייטס־אידעאַלן. אָבער פראַנקרייך האָט אויך אַ פּאָליטישן אינ־טערעס פאַר דער ווידעראויפלעבונג פון ארץ־ישראל דורך יידן. דאָס לאַנד אַרום דעם סועץ־קאַנאַל, אויף דעם וועג צו כינע און אינדיע, קען האָבן אַ גרויסע קאָמערציעלע און קולטורעלע צוקונפט און יידן קענען ווערן די נאַטירלעכע פּיאָנערן, כדי אויפצוועקן און אַנטוויקלען דאָס דאָזיקע לאַנד. העס באַוואונדערט און שעצט דעם דייטשן געדאַנק, אָבער אַלע זיינע סימפּאַטיעס, אַלס ייד און רע־וואָלוציאָנערער סאָציאַליסט, זיינען, נאַטירלעך, אויף דער זייט פון פראַנקרייך. אין דער צייט פון העס איז פראַנקרייך געווען די גרעסטע מאַכט אין דער וועלט און האָט אויך באַהערשט דעם סועץ־קאַנאַל.

העס זעט פאָרויס די טענה, וועלכע מען קען האָבן פון דער יידישער זייט קעגן דעם ווידעראויפבוי פון אַ יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל: אַ יידישע מלוכה אין ארץ־ישראל קען דאָך באַרויבן די יידן פון גלות פון זייערע בירגערלעכע רעכט. קעגן דער דאָזיקער טענה, וועלכע איז אין דער עפּאָכע פון ציוניזם געוואָרן די וויכטיק־

סטע טענה פון די בורזשואַזע, אַזוי אויך ווי פון די פּראָלעטאַרי־שע אַסימילאַטאָרן און פּראַקטיקער, קעגן אָט דער טענה ווענדעט זיך שוין העס. עס איז פאַר אים קלאָר, אַז אויך אונטער אַ יידישער מלוכה, וועלן מיליאָנען יידן לעבן אין די גלות־לענדער, אָבער יענע יידן דאַרפן נישט מורא האָבן פאַר זייער פּאָליטישן שיקזאַל. די גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן איז אַ רעכט, וואָס קומט זיי און איז געשטיצט אויף די בירגערלעכע פליכטן, און איז נישט קיין אויס־געבעטענע גנאַד. די יידן פון גלות וועלן נישט פאַרלירן זייער בירגער־רעכט, נאָר פאַרקערט — ערשט דורך אַן אייגענעם שטאַאַט אין ארץ־ישראל וועלן זיי באַקומען דעם מוט און די אינעווייניקסטע באַרעכטיקונג צו נאַציאָנאַלער און בירגערלעכער אַנערקענונג אין דער גאַנצער וועלט. אויב אָבער די יידישע עמאַנציפּאַציע איז באמת נישט מעגלעך צו פאַרייניקן מיט דער יידישער נאַציאָנאַ־ליטעט, דאַרף זיך דער ייד בעסער אָפּזאָגן פון דער עמאַנציפּאַציע, איידער אויפגעבן זיין נאַציאָנאַליטעט.

אין דער פאַרווירקלעכונג פון דער יידישער רענעסאַנס־אידעע פאַרייניקט העס מיט זיין פאַנטאַסטישן צוקונפט־בליק פּראַקטישן זין פאַר די רעאַלע מעגלעכקייטן אין דער קעגנוואַרט. ער רעדט פון דער באַגרינדונג פון אַ יידישן קאָלאָניזאַציע־אינסטיטוט און אַ יידישן קאָנגרעס, וועלכער זאָל פאָדערן פון דער וועלט די אומ־קערונג פון ארץ־ישראל צו יידן. ווי אַ צייכן פון דער נייער צייט, באַגריסט העס די ערשטע חברה פאַרן ישוב אין ארץ־ישראל, וועל־כע איז גראָד אין יענער צייט געגרינדעט געוואָרן פון רבי צ ב י ה י ר ש ק אַ ל י ש ע ר אין טאָרן. עס מוז זיך אָנהויבן אַ יידי־שע קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, פאַר וועלכער די מזרח־אייראָ־פּעאישע יידן זיינען דער נאַציאָנאַלער מאַטעריאַל. עס פאַרשטייט זיך, אַז אַ מאַסן־קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינע איז נאָר דאַן מעג־לעך, ווען דאָרט זאָלן זיין בעסערע לעבנס־פאַרהעלטנישן, אַ קלע־נערער סאָציאַלער דרוק, אַזוי צו זאָגן, איידער אין די גלות־לענדער. די דאָזיקע קאָלאָניזאַציע־באַדינגונגען צו שאַפן איז די אויפגאַבע פון דער צייט, די פליכט פון די יידישע גבירים, דער אמתער ציל פון אַ ווייטזיכטיקער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק.

אָבער נישט נאָר די צוקונפטיקע אַנטוויקלונג פון דעם יידישן פאָלק און דעם ציוניזם, האָט העס פאָרויסגעזאָגט אין „רוים און

ירושלים". ער האָט מיט דעם אויג פון אַ נביא פאָרויסגעזען די וועלט־פּאָליטישע אַנטוויקלונג, וועלכע האָט געפירט צו דעם איצ־טיקן וועלט־קריג און ראַסן־קריג. ער זעט די סכנה פאַר דער פריי־הייט און דעם פּראָגרעס פון דער מענטשהייט, פון דער דייטשער רעאַקציע און פון דעם צוקונפטיקן קריג צווישן דעם רעאַקציאָ־נערן דייטשלאַנד און די פרייע, מערב־אייראָפּעאישע דעמאָקראַטי־שע פעלקער. אין יאָר 1871, נאָך דעם דייטש־פראַנצויזישן קריג, האָט מאַרקס אַרויסגעזאָגט די זעלביקע געדאַנקען וועגן דער סכנה פון אַ צוקונפטיקן ראַסן־קריג צווישן די דייטשן און די סלאַווישע און ראָמאַנישע ראַסן, וועלכע וועט אַריינוואַרפן די גאַנצע וועלט אין דער בלוטיקער פאַרניכטונג. נאָר העס האָט נאָך פיל פריער און אויך פיל קלאָרער, איידער מאַרקס, געזען, אַז די רעוואָלוציאָ־נערן און אמתע פריינט פון דייטשלאַנד זעלבסט, דאַרפן וועלן די מפּלה פון דייטשלאַנדס וואָפן.

עס איז איינס פון די וואונדערבאַרסטע נביאישע ביכער „רוים און ירושלים"!..

## 8.

עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלן, וואָס פאַראַ איבעראַשנדיקע ווירקונג די דערשיינונג פון „רוים און ירושלים" האָט געמאַכט אין דער יידישער וועלט. אַ יידישער רעוואָלוציאָנער דערקלערט דאָס יידנטום אַלס די רעליגיע פון סאָציאַליזם, אַלס די פאַרטיפסטע סאָ־ציאַליסטישע מאָראַל און לעבנס־אָנשויאונג. אַ יידישער פאָרשער פירט דעם קאַמף קעגן דעם קריסטנטום, נעמט פון אים אַראָפּ זיין קולטור־מאַנטעלע און באַווייזט, אויף וויפיל עס איז דער רעאַקציאָ־נערער היפּך פון דעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן יידנטום. אַ יידישער פּאַטריאָט דערקלערט דאָס יידישע פאָלק פאַר אַ נאַציע און פּרע־דיקט די גרינדונג פון אַ יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל, אונטער דער הילף און שוץ פון דעם רעוואָלוציאָנערן פעלקער־באַפרייענדיקן פראַנקרייך. די אָרטאָדאָקסן און די רעפאָרמירטע רבנים, די ליטע־ראַרישע כלי קודש און טרייע דינער פון דער יידישער אַסימילירטער בורזשואַזיע, האָבן זיכער אַזאַ בוך נישט געקענט אַריבערטראָגן. וואָס גרעסער עס האָבן זיך אַרויסגעוויזן די ליטעראַרישע און וויסנ־

שאַפּטלעכע מעלות פון דעם בוך, אַלץ גרעסער איז געווען דער צאָרן און די אויפרעגונג.

מען איז אַרויסגעטרעטן מיט נישט איינגעהאַלטענעם כעס און אָפענעם שפּאָט קעגן דעם ערשטן סאָציאַליסטישן ציוניסט. מען האָט געשפּאָט און געלאַכט פון דעם נייעם בעל־תשובה. די אַסימילאַטאָרן האָבן גלייך אָנגעהויבן אַראָפּצוווישן פון זיך דעם פלעק פון יידישן נאַציאָנאַליזם, און נאָכאַמאָל האָט שטאָלץ געקלונגען דער אני־מאמין פון דעם אַסימילאַטאָר, אַז ער איז קודם כל אַ דייטש, אַ פראַנצויז, אַן ענגלענדער, אַן אַמעריקאַנער און דערנאָך ערשט אַ ייד. ווען עס זאָל אַפילו יידן ארץ־ישראל אָפּגעגעבן ווערן, וועלן דאָך די ציוויליזירטע יידן נישט פאַרלאָזן זייער ליב פאָטערלאַנד און וועלן נישט אומקערן זיך צו די קברים און חורבות. הייגט זיינען יידן גאָרנישט פעאיק צו באַשאַפן אַן אייגענע קולטור. פּאַטריאָטיזם איז נישט ליבע צו דער ערד, צו די בערג און טאָלן, צו די פעלדער און טייכן, נאָר די ליבע צו די אינסטיטוציעס פון פאָטערלאַנד, וועלכע גיבן מאַטעריעלע נוצן. ראָטשילד וועט בעסער וועלן זיין דער ייד פון די קעניגן, איידער דער קעניג פון די יידן. אַ יידישע מלוכה איז קעגן גאָטס געבאָט אין דעם גלויבן אין משיחן און אַ יידישע מלוכה איז אַ רעאַקציאָנער פאַרעלטערטער געדאַנק, וועלכער איז קעגן דעם פּראָגרעסיוון גייסט פון דער צייט. מיט די דאָזיקע און ענלעכע טענות זיינען אַרויסגעטרעטן די דאַמאָלסדיקע יידישע פירער: פילימפסאָן, לעוו, גייגער, די אָרטאָדאָקסן פון כל המינים און די רעפאָרמאַטאָרן. נאָר אברהם גייגער האָט דעם בעכער פון זיין קריטיק דערגאָסן נאָך מיט גאַל און ביטערקייט פון פערזענלעכע אָנפאַלן. העס האָט באַנקראָטירט אין סאָציאַליזם און רעוואָלוציע און פירט איצט דעם שווינדל פון נאַציאָנאַליזם, אַזוי האָט געזידלט גייגער און האָט אויך די יידישע נאַציע גופא געגעבן אַ טרעט מיטן פוס. צו מאַרקסן און ענגעלסן האָט דאָס נייע בוך פון העסן קענטיק נישט דערגרייכט, ווײַדום אין זייער קאָרעספּאָנדענץ ווערט דערפון גאָרנישט דערמאָנט. נאָר דער קריסטלעכער פילאָזאָף מישלע, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַ צייטשריפט: „דער געדאַנקע”, האָט געלויבט „רוים און ירושלים”, נישט נאַטירלעך פאַר זיין אויפפאַסונג פון יידנטום, נאָר פאַר דעם פּלאַן פון אַ יידישן שטאַאַט אין פּאַלעסטינע. דעם איינציקן אויסנאַם פון אַלע יידישע צייט־געגאָסן האָט געמאַכט גרעץ, וועלכער האָט,

אונטער דער ווירקונג פון "רוים און ירושלים", פארעפנטלעכט אין יאר 1863 אין קאמפערטס "יארבוך פאר איזראעליטן" אן ארטיקל: "די באנייאונג פון דעם יידישן שטאם", אן ארטיקל, פון וועלכן עס רעדט א שטארקער אויפגעוואכטער נאציאנאלער געפיל.

העס האט זיכער נישט דערווארט אין יענער צייט וועלכן עס איז פראקטישן רעזולטאט פון זיין נבואה־בוך. צווישן די דייטשע יידן, צו וועלכע ער האט זיך געווענדעט, איז נישט געווען קיין באדן אפילו פאר א גייסטיקער שטרעמונג אין זין פון העסן. די יידישע בורזשואזיע האט דערהויבן צו אן אמת דאס אלטע ציניזשע ווארט: דארט איז דאס פאטערלאנד, ווו עס איז גוט. די אסימילאציע איז געווען דער רעאלער לעבנס־אינטערעס פון דער יידישער בורזשואזיע און איר גייסטיקער אינטערעס איז אויסגעשעפט געווארן מיט די קליינלעכע און נארישע מחלוקות וועגן ארטאדאקסיע און רעפארם און די פארשידענע קאריקאטורעלע שאטירונגען פון דער זעלביקער ארטאדאקסיע און רעפארם. די פאלעמיק וועגן "רוים און ירושלים" האט באלד אויפגעהערט און דער פארפאסער און דאס בוך זיינען פארגעסן געווארן אין דייטשלאנד.

אבער אויב פאר העסן, דעם ציוניסט, האט אין יענער צייט נישט געקענט זיין קיין טעטיקייט, האט זיך פאר העסן, דעם סאציאליסט, געעפנט דעמאלסט ווידער א פעלד פון רעוואלוציאנערער אקטיוויטעט. אין די זעכציקער יארן הויבט זיך אן די ווידעראויפלעבונג פון דעם סאציאליזם אין איראפע. מארקס גרינדעט דעם אינטערנאציאנאל, באקונין טרעט ווידער אויף אין לאנדאן נאך זיין לאנגיאריקער געפאנגענשאפט, לאסאל הויבט אן זיין סאציאליסטישע אגיטאציע אין דייטשלאנד. א פרישער ווינט פון רעוואלוציע הויבט אן צו בלאזן פון פוילן ביז איטאליע. אין מאי 1862 האט לאסאל געגרינדעט דעם אלגעמיינעם דייטשן ארבעטער־פאריין. העס, וועלכער האט זיך דעמאלסט אויפגעהאלטן אין קעלן, האט זיך באלד אנגעשלאסן אן לאסאלן און זיין נייער באוועגונג. מיט לאסאלן איז העס געווען באקאנט און באפריינדעט נאך פון 1848 און זיין פערזאן האט געהאט אויף אים א צויבערהאפטע ווירקונג. אויך זיינען געווען לאסאלס פלענער צו בויען קאאפעראטיווע פאבריקן מיט דער הילף פון שטאאט לויט דעם גייסט פון העסן, וועלכער האט שטענדיק באגערט א פראקטישע סאציאליסטישע טעטיקייט. אין 1863 פארט

העס אַרום אין פּאַרשידענע שטעט, צוליב דער לאַסאַלישער פּראָפּאַ־גאַנדע און זײַנע רעדעס ווערן אָפּגעדרוקט אין דער פּאַרטיי־פּרעסע. „די רעכט פון דער אַרבעט״ איז אַ נייע בראָשור, וועלכע העס האָט דאַמאָלסט אַרויסגעגעבן און אין וועלכער ער שטייט אויף דעם רעוואָלוציאָנער־פּראָלעטאַרישן באָדן בנוגע דעם מיטלשטאַנד, אָבער פאָדערט אין דער זעלבער צייט די פאַרווירקלעכונג פון די לאַסאַלישע פּלענער וועגן אַרבעטער פּראָדוקטיוו־געגאָסנשאַפטן (קאָאָפּעראַטיווע פאַבריקן). העס בלייבט אָבער נישט לאַנג טעטיק אין דעם אַלגעמיי־נעם דייטשן אַרבעטער־פאַריין. ער מאַכט נאָך אַ נסיעה אין עלבער־פעלד צוזאַמען מיט לאַסאַלן, פאָרט אָבער ענדע 1863 צוריק קיין פאַריז, כדי שוין פון דאָרטן זיך מער נישט אומצוקערן אין דייטש־לאַנד.

אין פאַריז גיט זיך אָפּ העס כמעט אויסשליסלעך מיט זײַן ליטע־ראַרישער און וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט. ער אַנטוויקלט ווייטער זײַנע אידעען וועגן יידנטום און יידן און באַטייליקט זיך מיט גרויסער איבערגעגעבנקייט אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור. אין די „אַרשיוו איזראַעליט״ אין פאַריז, אין גרעצס „מאָנאַטשריפט פיר די געשיכטע און וויסנשאַפט דעס יודענטומס״ און אין קלענערע יידישע צייטשריפטן פירט העס זײַן ווייטערדיקע פּראָפּאַגאַנדע פאַר די פונדאַמענטאַלע אידעען, וועלכע ער האָט אויסגעדריקט אין „רוים און ירושלים״. אין דעם לאַסאַלישן אָרגאַן דער „סאָציאַלדעמאָקראַט״, שפּעטער אין „פאָלקסשטאַאַט״ און אין בראָשורן און ביכלעך האָט העס פאַרעפנטלעכט זײַנע ווייטערדיקע סאָציאַליסטישע אַרבעטן און האָט פאַרנומען אַ שטעלונג צו די פאַרשידנסטע פּאַסירונגען פון דער צייט. אין דער זעלבער צייט אַרבעט ער איבער זײַן גרויסן ווערק, וואָס האָט געדאַרפט ברענגען אין אַ פילאָזאָפישן סיסטעם אַלע זײַנע געדאַנקען און איבערלעבונגען און פון וועלכן עס איז דערשינען נאָך זײַן טויט דער ערשטער טייל אונטערן נאָמען: די דינאַמישע שטאָף־לערע (1877).

זײַנע אַרטיקלען אין די יידיש־דייטשע און יידיש־פראַנצויזישע צייטשריפטן זײַנען קלײַנע באַמערקונגען, קריטיקן וועגן ביכער, פּאָלעמיקעס און זיי אַלע דרייען זיך אַרום דער היסטאָרישער און קולטורעלער באַדייטונג פון יידנטום, אַלס אַ באַזונדערע קולטור־פאָרם, אין קעגנזאַץ צום גריכנטום, צום קריסטנטום און צום מאָדער־

נעם מאַטעריאַליזם. די אַרטיקלען זיינען פול מיט געדאַנקען־בליצן, מיט איינפאַלן, מיט שעפערישע אידעען, וועלכע באַלייכטן די טונקל־סטע און פאַרוויקלסטע דערשיינונגען און פּראָבלעמען.

אין אַ קליינער באַמערקונג וועגן גאָטס נאָמען י ה ו ה, גיט העס אַ דערקלערונג וועגן דער באַדייטונג און זין פון דאָזיקן נאָמען. יהוה איז דער לשון עתיד פון הוה, וואָס איז די עלטערע פאָרם פון היה — זיין, ער וועט זיין, ער איז דער גאָט פון דער געשיכטע, די שעפערישע צוקונפט. אין דעם נאָמען פון יידישן גאָט געפינט העס זיין גאַנצן כאַראַקטער, אַלס דער גאָט פון געשיכטע־רעליגיע. אין זיינע גלענצנדיקע בריוו אין „אַרשיוו איזראַעליט״ איבער דעם פאָלק ישראלס מיסיע אין דער מענטשלעכער געשיכטע — חזרט נאָכאַמאָל העס איבער אייניקע געדאַנקען פון „רום און ירושלים״, אָבער ער גיט זיי צו מער קלאָרקייט און אויך מער קינסטלערישן גלאַנץ. דאָס יידנטום איז די רעליגיע פון דער וועלט און נישט פון יענער וועלט. עס איז די משיח־רעליגיע, די רעליגיע פון דער דערלייזונג, די רע־ליגיע פון דער צוקונפטיקער, סאָציאַל־באַנייטער און באַפרייטער מענטשהייט. דאָס יידנטום איז דער סאָציאַליזם, אָדער בעסער געזאָגט, די מאָראַלישע גרונטלאַגע פון סאָציאַליזם איז דאָס יידנטום. כדי אָבער דאָס יידנטום זאָל ווערן לעבעדיקער סאָציאַליזם, מוז דאָס יידישע פאָלק באַקומען אַ לאַנד. ערשט אין אַן אייגענעם לאַנד, וועט אויפבליען די אמתע יידישע רעליגיע, דאָס הייסט, די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזירונג פון מענטשן. מיטן דאָזיקן דרייסטן און טיפזיניקן גע־דאַנק צערייסט העס דאָס גאַנצע טעאָלאָגישע און מגידישע שפּינ־געוועב, מיט וועלכן מען האָט אַרומגעדרייט, פאַרדרייט און פאַר־מיאוסט דעם הייליקן תוכן פון יידנטום.

קריטיק וועגן ביכער מכח דער אור־געשיכטע פון קריסטנטום, מכח דעם כאַראַקטער פון קריסטנטום, זיינען די ווייטערדיקע אַר־בעטן פון העסן. ווי יעדער סאָציאַליסט, האָט ער אַ באַזונדערן אינ־טערעס פאַר דער געשיכטע פון קריסטנטום. ס ע ן ס י מ אָ ן, פּ ר ו ד אָ ן, פּ ו ר י ע, ו ו י ט ל י נ ג ביז צו דעם מאָדערנעם ק אַ ו ט ס ק י האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער וווּנדערבאַרער דערשיינונג פון אור־קריסטנטום. דער אינטערעס פון העסן פאַר דעם אור־קריסטנטום איז אַ דאָפּלטער: ער שטאַמט פון זיין סאָציאַליזם און פון זיין יידישקייט. אין זיינע באַטראַכטונגען און קריטיק, קומט

העס צו די זעלבע רעזולטאַטן און אויספירן, צו וועלכע די פרייע ביבל־קריטיקער און קאַוטסקי זיינען געקומען אין אונזער צייט. קריסטוס איז געווען אַ יידישער סאָציאַלער רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז אַרויסגעקומען פון שויס פון די איסיים, פון איינער פון די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע סעקטעס פון יענער צייט. קריסטוס און זיין ערשטע משיח־סעקטע האָט געוואָלט פאַרווירקלעכן דעם מלכות השמים אויף דער ערד, דאָס קעניגרייך פון סאָציאַלער גלייכהייט און ברידערלעכקייט. ערשט דורך דעם אַריינדרינגען פון יידישן קריסטנטום צווישן אַנדערע פעלקער און דורך דער אויסמישונג פון דאָזיקן יידישן קריסטנטום מיט די עלעמענטן פון דער גריכיש־רוימישער קולטור און נאָך מער דורך דער פאַנאַנדערפאַלונג און דעם גוואַלטיקן אונטערגאַנג פון דער יידישער מלוכה אין דער אַלטערטימלעכער וועלט, איז דאָס סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע יידישע אורקריסטנטום פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רעליגיע פון יענער וועלט, אין אַ רעליגיע פון אינדיווידועלער דערלייזונג, אין אַ רעליגיע פון דואַליזם צווישן דער וועלט און יענער וועלט, צווישן מאַטעריאַליזם און ספּיריטואַליזם, צווישן יחיד און כלל, צווישן גלויבן און לעבן, אין דעם היינטיקן קריסטנטום.

אין זיין לעצטן יידישן אַרטיקל: „דאָס גאָט־פאַרטרויען פון די ענוים אין די שטורמען פון אונזער צייט”, אין גרעצס מאָנאַט־שריפט, ווענדעט זיך העס מיט אַן אויפרוף צו די יידן. דער אַרטיקל איז מערקווירדיק דורך זיין רעוואָלוציאָנערן טאָן און איינהאַלט. העס רופט די יידן, אַז זיי זאָלן זיך צוזאַמען מיט די פּראָגרעסיווע פעלקער און פאַרטייען אָנשליסן אָן דער באַוועגונג צו גרינדן אַ נייע וועלט פון פרייהייט און סאָציאַליזם. ער רופט די יידן, אַז זיי זאָלן זיך נישט אָנהאַלטן אין די צעבראָכענע שטיקלעך פון דער אַלטער געזעלשאַפט און זאָלן נישט פאַבריצירן קיין נייע געטשקעס און זיי אָנרופן אלה אלהיך ישראל, נאָר אַז זיי זאָלן גיין מיט דער מאָדערנער וועלט־באַוועגונג און דעם וויסנשאַפטלעכן אמת, וועלכער איז נישט להיפוך צו די גרויסע אידעען פון די ענוים און צדיקים, די גרינדער פון אונזער געשיכטע־רעליגיע. די אמתע און ערלעכע יידן וועלן זיך בעסער און היימישער פילן אין דער נייער סאָציאַליסטישער וועלט, וועלכע זיי קענען זייער פיל העלפן פאַרווירקלעכן, איידער אין דער סביבה פון די געצנדינערישע יידן, וועלכע לויפן נאָך דעם הבל פון

זייער צייט, מאַכן נאָך די שלעכטע חוקות הגוים, האָבן שטענדיק פאַרפאָלגט זייערע נביאים, אויסגעשפּאָט זייערע צדיקים, פאַרשקלאַפט זייערע ענוים, אָבער וועלכע וועלן פאַרשווינדן פון דער וועלט מיט זייערע געצן אין דעם טאָג פון געריכט. עס איז אַ שוואַכקייט צו פאַר־טיידיקן און פאַרגעטלעכן אַלץ, וואָס שטייט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער יידישער ראַסע און געשיכטע. עס איז שטענדיק געווען נאָר אַ קליין קערנדל אין יידנטום, וואָס האָט באַשאַפן דאָס גרויסע און הייליקע פון יידישן גייסט. „אָבער שטענדיק איז געווען און איז פאַראַן נאָך צווישן אונז היינט אַן עגאָאיסטישער, זעלבסטזיכטיקער, פּוסטער קלאַס, וועלכער יאָגט זיך נאָך רייכטימער און פּוסטן כבוד, וועלכער איז דער היפּוך פון די ענוים און צדיקים און וועלכער האָט פון די עלטסטע צייטן ביז היינט, נישט אָן אַ גרונט, אַרויסגערופן דעם פאַרדאַכט פון אַלע פעלקער צו יידן״.

„די אַלטע נביאים האָבן נישט געגלעט זייערע לאַסטער, האָבן זיי נישט געהנפעט פאַר זייער רייכטום און איינפלוס. פאַרקערט, זיי האָבן צוליב זיי און זייערע עברות אָנגעזאָגט דעם גאַנצן פאָלק ישראל די ערגסטע טעג. די היינטיקע כלומרשטע פאַרטרעטער פון יידנטום דינען אים שלעכט, ווען זיי זייגען שטיל בנוגע די דאָזיקע „גרויסע״ יידן, אָדער ווען זיי לויבן זיי אַלס בעלי־טובות פאַר די פאָר ברעקלעך, וועלכע זיי וואַרפן אַרויס פאַר די הונגעריקע און ליידנדיקע. וואָס מער אמת עס ליגט אין די ווערטער: כל ישראל ערבין זה בזה, אַלץ מער זיינען די אמתע פאַרטרעטער פון יידנטום פאַרפליכטעט צו זאָגן דעם אמת די רייכע און הערשנדיקע און צו באַפרייען אונזערע ברידער פון אַ סאָלידאַריטעט, וועלכע קען פאַר זיי זיין נאָר שעדלעך אין יעדן אופן״. מיט כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק האָט שוין העס געזען דעם געוואַלדיקן שאָדן, וועלכן די יידישע בורזשואַזיע ברענגט דעם יידישן פאָלק, נישט נאָר סאָציאַל, נאָר אויך נאַציאָנאַל און קולטורעל און האָט אויפגעפאָדערט צום קאַמף קעגן דער דאָזיקער יידישער בורזשואַזיע, אַלס די שטאַרקסטע מחיצה צווישן דעם יידישן פאָלק און דער יידי־שער באַפרייאונג. יעדעס וואָרט, וועלכעס העס האָט דאַמאָלסט גע־זאָגט, פּאַסט זיך אַזוי ריכטיק פאַר אונזער קעגנוואַרט און אירע יידי־שע קאַמפן און קעגנזאַצן.

אינמיטן פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט אויפן פעלד

פון סאָציאַליזם און יידישן נאַציאָנאַליזם, גיט זיך העס אָפּ נאָך מיט איבערזעצונגס־אַרבעטן. ער זעצט איבער דעם דריטן באַנד פון גרעצס געשיכטע פון יידן אין פראַנצויזיש אונטערן נאָמען „סיני און גאָלגאָתא״, עס איז דער באַנד וועגן דער אַנטשטייאונג פון קריסטנטום. העס האָט אויך אָנגעהויבן איבערצוזעצן דעם „קאַפּי־טאַל״ פון קאַרל מאַרקס, ווי דאָס איז צו זען פון דער קאָרעספּאָנ־דענץ צווישן מאַרקסן און ענגעלסן, אין יאָר 1867. ווי עס זעט אויס, איז אָבער די דאָזיקע אַרבעט שוין אין אָנהויב אָפּגעשטעלט געוואָרן, צוליב סיבות, וועגן וועלכע די קאָרעספּאָנדענץ פון מאַרקסן גיט נישט קיין אויפקלערונג.

עס איז נישט באַקאַנט געוואָרן, וואָס פאַראַ שטעלונג העס האָט פאַרנומען צום אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער האָט אָנגעהויבן צו ווירקן אין יענער צייט. העס האָט אָבער אָנטיילגענומען אין דריטן קאָנגרעס פון אינטערנאַציאָנאַל אין בריסעל, אין סעפּטעמבער 1868. העס האָט אויף יענעם קאָנגרעס געהאַלטן די באַדייטנדיקסטע רעדע קעגן די פּרודאָניסטן און זייער טעאָריע פון פרייען קרעדיט, אַלס אַ וועג צום סאָציאַליזם. מאַרקס אַליין האָט געלויבט די רעדע אין אַ בריוו צו ענגעלסן, אַלס די בעסטע אויפן גאַנצן קאָנגרעס.

9.

פון זיינע וויסנשאַפטלעכע שטודיען און זיין ליטעראַרישער אַר־בעט אויפן פעלד פון סאָציאַליזם און יידישן נאַציאָנאַליזם, איז העס אַרויסגעריסן געוואָרן דורך דעם דייטש־פראַנצויזישן קריג אין 1870. העס איז נישט געווען קיין דייטשער פּאַטריאָט, אָבוואָל ער איז געווען אַ ייד פון דייטשלאַנד. אַלס סאָציאַליסט און אַלס זון פון יידישן פאָלק, האָט דאָס רעאַקציאָנערע און אַנטי־רעוואָלוציאָנערע דייטש־לאַנד נישט געקענט זיין זיין פאָטערלאַנד, עס איז נאָר געווען זיין היים־לאַנד. אין אַלע זיינע שריפטן און באַזונדערס אין „רוים און ירושלים״, פירט העס דורך דעם געדאַנק, אַז פראַנקרייך איז דאָס לאַנד פון דערלייזונג, פון פרייהייט, פון דער צוקונפטיקער סאָציאַלער רעוואָלוציע, דאָס לאַנד, וואָס איז דער סימבאָל פון רעפּובליק און רעוואָלוציע אין דער וועלט. העס איז אַ פראַנצויזישער פּאַטריאָט און ער לערנט יידן נאָך אַ נייעם אמת, אַז נישט דאָס

געבורטס־לאַנד איז דעם יידס פאָטערלאַנד, נאָר דאָס לאַנד, אין וועלכן עס לעבן די אידעאַלן פון פרייהייט און רעוואָלוציע. מיליאָנען יידן, וועלכע האָבן אין די לעצטע יאָרצענדליקער אויסגעוואַנדערט פון דייטשלאַנד, רוסלאַנד, רומעניע, עסטרייך אין פרייע לענדער און באַזונדערס אין אַמעריקע, האָבן אין זייער ליבע און באַגייסטערונג פאַר די נייע לענדער פון פרייהייט און רעכט היסטאָריש באַשטעטיקט דעם אמת און די איידלקייט פון העס געפיל.

דער נצחון פון דייטשלאַנד איבער פראַנקרייך האָט אַרויסגערופן ביי העסן דעם טיפסטן שמערץ. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען איבער פראַנקרייך און דער מלחמה אין די צייטשריפטן „סאָלידאַריטע" און „פעפל בעלזש" און די אַרטיקלען שפּעטער אין ברוסעל אַרויסגעגעבן אין אַ בוך: „אַ צעשלאָגענע נאַציע. די פאַרניקונג פון אַלע פעלקער קעגן דעם פרייסישן דייטשלאַנד" (1871).

נישט קעגן דער פראַנצויזישער אימפּעריע פירט דייטשלאַנד קריג, נאָר קעגן דעם רעוואָלוציאָנערן פראַנקרייך, כדי צו מאַכן אַ סוף צו דעם „הערד פון דער רעוואָלוציאָן". פּרייסן האָט נאָר איין ציל, ווי אין 1792 און 1814, פראַנקרייך צו דעראָבערן, צו דערנידעריקן, צו צעטיילן, פּאַריז צו פאַרברענען און ווערן דער האַר פון אייראָפּע, כדי עס צו פאַרוואַנדלען אין אַ נייער כינע. נישט פאַר דעם שלעכטס, נאָר פאַר דעם גוטס, וואָס פראַנקרייך האָט געטאָן דער מענטשהייט, ווערט עס פון דייטשלאַנד אַזוי געהאַסט. פּרייסן האָט גאָרנישט געטאָן פאַר דער מענטשהייט, פאַר דער פרייהייט. פאַרקערט, ווו מען האָט אונטערדריקט פעלקער, זיינען די דייטשן געווען דערביי. קעגן דעם פּאַן־גערמאַניזם וועט נאָך אַמאָל דער פּאַן־סלאַוויזם זיין אַ גוטער קעגן־גיפט. היינט צווינגען די פּרייסן אויף זייער ציוויליזאַציע די פּאָלאַקן, אָבער דער טאָג פון נקמה וועט קומען אויך פאַר די סלאַווישע פעלקער, וואָס ווערן איצט דורך פּרייסן געשטערט צו פאַרברידערן זיך מיט די געבילדעטע פרייע פעלקער פון מערב־אייראָפּע. זיי וועלן אַריבערשטרייטן איבער דעם מת פון פּרייסן און העלפן פאַרווירקלעכן דעם גרויסן געדאַנק פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע.

דאָס זיינען די אידעען, וועלכע העס האָט אויסגעדריקט וועגן דעם דייטש־פראַנצויזישן קריג און וועגן דייטשלאַנד אויפן שוועל פון דער דייטשער אימפּעריע. מיט די דאָזיקע געפילן און געדאַנקען

בנוגע דייטשלאַנד שטייט העס נישט אַליין, אויך מאַרקס האָט זיך אויסגעדריקט כמעט אין זעלבן גייסט. העס אָפּשאַצונג פון די פּראָגרע־סיווע און רעאַקציאָנערע קרעפטן פון אייראָפּע און זיין רוף צו די פּאַרייניקטע שטאַטן פון אייראָפּע, זיינען אפשר נאָך דאַמאָלסט ווייניק פאַרשטאַנען געוואָרן. אין יאָר 1915 האָט די גאַנצע פאַרבלו־טיקטע מענטשהייט דערפילט און איבערגעלעבט, וואָס העס האָט נביאות געזאָגט אין 1871.

אין מאַי 1871 איז העס צוריקגעקומען פון בריסעל אין פּאַריז. ווייל אַלס דייטשן אונטערטאַן האָט מען בשעת דעם קריג דעם „דייטש" העס אַרויסגעשיקט פון פּאַריז. געבלוטיקט האָט זיין רע־וואָלוציאָנערע נשמה, בשעת ער איז געקומען צוריק אין פּאַריז. פראַנקרייך איז דעראָבערט געוואָרן, און אין פּאַריז איז די קאָמונע דערשטיקט געוואָרן אין בלוט פון דעם העלדישן פּראָלעטאַריאַט. גאַליפע האָט געשאָסן די אַרבעטער אין די טויזנטער. העס האָט זיך צוריקגעצויגן פון עפנטלעכן לעבן און זיך אינגאַנצן אָפּגע־געבן זיינע שטודיעס. פיל אַנדערע גרויסע רעוואָלוציאָנערן, ווי צום ביישפיל באַקונין, וועלכער האָט זיך נישט איינמאָל געטראָפן מיט העסן אויף זיין לעבנסוועג, האָבן אויך פאַרלוירן דעם מוט, בשעת דייטשלאַנד האָט געזיגט און ביסמאַרק האָט אָנגעהויבן צו רעגירן איבער דער וועלט. העס האָט געזוכט זיין טרייסט און באַרואיקונג אין זיינע וויסנשאַפטלעכע שטודיעס.

נאָך זיין טויט, אין יאָר 1877, איז דורך דער באַמיאונג פון זיין פרוי, דערשינען דער ערשטער טייל פון זיין סיסטעמאַטישן ווערק אונטערן נאָמען: „דינאַמישע שטאָף־לערע". אין דאָזיקן ווערק פירט העס דורך, אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן זיינע פריער שוין נישט איינמאָל אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען, אַז די גאַנצע וועלט, די דריי לעבנס־ספערן, די קאָסמישע, אָרגאַנישע, סאָציאַלע, זיינען אַ געשלאָסענע איינהייט. די וועלט איז אַל־איינהייט, אין אַלע אירע פאַרשיידנאַרטיקע, פאַנאַנדערפאַלנדיקע, זיך ענדיקנדיקע דערשיינונ־גען. די „דינאַמישע שטאָף־לערע", וואָס באַשעפטיקט זיך אין ערשטן טייל מיט דעם קאָסמאָס, מיט דער הימל־באַשרייבונג, איז אָבער נישט קיין אָפּגעשלאָסן פאַרטיק ווערק.

דעם 6טן אַפּריל 1875, אין עלטער פון 63 יאָר, איז משה העס געשטאָרבן. אויף זיין ווינטש האָט מען אים מקבר געווען אין

דייטש אַם ריין, אין דייטשלאַנד, נעבן די קברים פון זיינע עלטערן. דייטשע, פראַנצויזישע, פוילישע סאָציאַליסטן האָבן באַגלייט העס מטה פון זיין וווינונג אין פּאַריז צום באַנהויף קיין דייטשלאַנד. טיף רירנדיקע רעדעס זיינען געהאַלטן געוואָרן ביים אָפּשייד און דעם זון און קאָמענטאַטאָר פון דער רעוואָלוציע, איז צוגעזאָגט געוואָרן אייביקער אָנדענק אין האַרצן פון פּראָלעטאַריאַט.

נאָר די דאַמאָלסדיקע יידישע פּרעסע האָט נישט דערמאָנט וועגן דעם טויט פון פּאַרפאַסער פון „רוים און ירושלים״.

ערשט אונזער צייט ווערט רייף, כדי צו פאַרשטיין און צו שאַצן העס געדאַנקען, שטימונגען, אָנזאָגונגען, פּאָרויסזאָגונגען, זיין נבואה און זיין לעבן. זיין פילאָזאָפיע, זיין גענעטישע וועלט־אָנשויאונג פליסט פון דעם זעלבן קוואַל, פון וועלכן עס שטאַמט בערגסאָנס פילאָזאָפיע פון דער שעפערישער עוואָלוציע. די פרייע שאַפונג פון העסן, די שעפערישע צייט ביי בערגסאָנען, דער שאַפנדיקער יהוה פון דער נבואה, זיינען נאָנטע באַגריפן צווישן זיך און שטאַמען אַלע פון איין מקור, וועלכער איז טיפער און מער אומבאַוווסט, איידער די אינדיווידועלע לאָגיק, זיי שטאַמען פון „שכל פון האַרץ״, פון וועלכן פּאַסקאַל רעדט. די געשיכטע־פילאָזאָפישע געדאַנקען פון העסן מכח דעם יידנטום, דער תורה, דער נבואה, דעם שבת, משיח, דער יידישער געשיכטע, דעם יידישן לעבן, זיינען נאָכאַמאָל אַנטוויקלט געוואָרן פון ה ר מ ן כ ה ן, דעם באַדייטנדיקסטן פילאָזאָף פון יידנטום. העס איז געווען דער נביא פון ציוניזם, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען דאָס יידישע לאַנד, אַלס אַ סאָציאַליסטיש לאַנד און די יידישע פּאָליטיק, נאָר אַלס אַ סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע פּאָליטיק. זיין נשמה האָט געדורשט נאָך אַ נייער רעליגיע, אַ רעליגיע פון אמת און ליבע אין לעבן. דורך זיין מוטיקן קאַמף פאַרן אמת און זיין העלדישקייט אין זיין אייגענעם לעבן, האָט ער געשטרעבט הייליק צו מאַכן דאָס וואָרט דורכן לעבן, די פילאָזאָפיע דורך טאַט און האָט געדינט דער דאָזיקער נייער רעליגיע פון אמת און ליבע.

# רוים און ירושלים

## פאָרוואָרט

פון דער צייט אָן וואָס דער פּויפּסט אינאָסענץ דער דריטער האָט אָנגענומען דעם טייוולאָנישן באַשלוס, צו פאַרניכטן מאָראַ־ליש די יידן, וועלכע האָבן דאַמאָלסט אַריינגעבראַכט דאָס ליכט פון דער שפּאַנישער קולטור אין דער קריסטלעכער וועלט, דורכן צוואַנג צו טראָגן אַ שאַנד־פלעק אויף זייערע קליידער, פון יענער צייט אָן ביז צו דעם רויב פון אַ יידיש קינד פון זייַן עלטערן־הויז אונטער דער רעגירונג פון קאַרדינאַל אַנטאָנעלי, איז דאָס פּויפּסט־לעכע רוים געוועזן אַ גיפט־קוואַל פאַר יידן. ווען עס וועט אויסגע־טריקנט ווערן דער דאָזיקער גיפט־קוואַל, וועלן אויך אונזערע קריסטלעך־גערמאַנישע יידן־פיינט אויסשטאַרבן פון מאַנגל אין נאַרונג.

ווען עס הערט אויף די פיינטלעכע שטעלונג פון קריסטנטום צו דער קולטור, הערט אויך אויף זייַן פיינטלעכע שטעלונג צום יידנטום; ווען עס באַפרייט זיך די אייביקע שטאָט אויף דעם טייך טיבער, הויבט זיך אָן די באַפרייאונג פון דער אייביקער שטאָט אויף דעם הר מוריה; ווען איטאַליע לעבט אויף, לעבט אויף יהודה. אויך די פאַריתומטע קינדער פון ירושלים וועלן זיך באַטייליקן אין דעם גרויסן תחית המתים פון די פעלקער, פון דעם ווינטער־שלאָף אין מיטלאַלטער און זיינע בייזע חלומות.

דער פעלקער־פרילינג האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע; דאָס יאָר 1789 איז געווען דער פרילינגס־טאָג פון די היסטאָרישע פעלקער. דער תחית המתים פון די פעל־קער איז נישט קיין וווּנדער מער אין אַ צייט, ווען גריכנלאַנד און רוים דערוואַכן, ווען פּוילן אָטעמט אויף, אונגאַרן גרייט זיך צום לעצטן קאַמף און עס גרייט זיך אָן אויפשטאַנד פון אַלע

יענע אונטערגעדריקטע ראַסן, וועלכע ווערן אויסגענוצט און אויסגעזויגן פון אַזיאַטישער באַרבאַריי און אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע און וועלכע הויבן אָן איצט זיך אויפצוהויבן קעגן דעם הערשער־רעכט פון די הערשנדיקע ראַסן.

צו די פּאָר טויט פאַררעכנטע פעלקער געהערט אויך דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט נישט אומזיסט געקעמפט צוויי טויזנט יאָר קעגן די שטורעמס פון דער וועלט־געשיכטע און האָט פון אַלע עקן פון דער וועלט, וווהין די געשעענישן האָבן אים פאַרטראָגן, געווענדעט און ווענדעט נאָך עד היום זיין בליק צו ירושלים. מיט דעם זיכערן ראַסן־אינסטינקט פון זיין קולטור־היסטאָרישער מיסיע, וואָס באַשטייט אין דער אחדות פון דער וועלט און די מענטשן און זייער פאַרברידערונג אין נאָמען פון זייער אייביקן שעפער, דעם אַל־איינעם, — מיטן דאָזיקן אינסטינקט האָט דאָס פאָלק דערהאַלטן זיין נאַציאָנאַליטעט און זיין רעליגיע און זיי ביידע פאַרבונדן אין זיין ארץ־אבות. קיין מאָדערן פאָלק, וואָס קעמפט פאַר אַ פאָטערלאַנד, קען נישט אָפּזאָגן אין אַ פאָטערלאַנד דעם יידישן פאָלק, וואָרום אויב נישט, פאַלט עס אַריין אין אַ סתירה מיט זיך זעלבסט און באַגייט אַ מאָראַלישן זעלבסטמאָרד אין זיך גופא.

דעם פרייען פון פאַראורטיילן, פרעמדן באַאָבאַכטער זעט אויס די יידישע נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע פונקט צו דער צייט, נישט אָבער דעם „קולטורעלן" ייד אין דייטשלאַנד. וואָרום אין דייטשלאַנד ווייזט אָן דער רעאַקציאָנערער און דער ליבעראַלער יידן־פיינט אויפן חלוק צווישן דער יידישער און גערמאַנישער ראַסע. אין דייטשלאַנד איז די יידישע נאַציאָנאַליטעט, לויט דעם לעצטן אַרגומענט, קעגן דער פּאָליטישער און בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן. אין דייטשלאַנד שטרעבן די יידן, זייט מענדעלסאָן, צו דער פּאָליטישער און סאָציאַלער גלייכבאַרעכטיקונג, אָבער אָן דערפאָלג, אָבוואָל זיי באַטייליקן זיך לעבהאַפט אין דער דייטשער קולטור, אָבוואָל זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייער נאַציאָנאַליטעט און זוכן זיך מיט אַלע כחות צו גערמאַניזירן.

דאָס וואָס אַ ברודער האָט נישט באַקומען פון אַ ברודער, אַ מענטש פון אַ מענטשן, דאָס וועט באַקומען אַ פאָלק פון אַ פאָלק, אַ נאַציע פון אַ נאַציע. אין דעם לעצטן אייראָפּעאישן פרייהייטס־

קריג קען עס פאַר קיין פאָלק נישט זיין גלייכגילטיק, אויב עס וועט האָבן אַן אַנדער פאָלק פאַר זיינס אַ פריינד אָדער אַ שונא.

* * *

די שטימען, וועלכע לאָזן זיך הערן פון אומעטום פאַר דעם נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט פון פאָלק ישראל, זיינען קודם כל באַרעכטיקט דורך דעם יידישן קולט, דורך דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון יידנטום. אָבער אויך די אַלגעמיינע אַנטוויקלונג פון דער וועלט־געשיכטע און איר רעזולטאַט: די איצטיקע לאַגע, פירט צו דער יידישער אויפלעבונג.

אין די בריוו ווערט קודם כל באַטאָנט די ערשטע, די אינעווייניקסטע באַרעכטיקונג. דער פּראָפעסער האָט זיך דערפאַר געמוזט אויסדריקן אַקוראַט אַזוי קעגן די ראַציאָנאַליסטישע און פילאַנטראָפישע אילוזיעס, וועלכע פאַרלייקענען די נאַציאָנאַלע באַדייטונג פון יידישן קולט, אַזוי ווי אויך קעגן די אָרטאָדאָקסן, וועלכע וואַרפן זיך אַריין אין שויס פון דער גליקלעכער אומוויסנהייט, ווייל זיי זיינען נישט פעאיק צו אַנטוויקלען אונזער געשיכטע־רעליגיע צו דער הויכקייט פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט. דערמיט האָט זיך דער פּראָפעסער דערנענטערט צו דעם וועג פון שלום, וועלכער פאַרנעמט אַלץ מער דעם פּלאַץ פון דער מלחמה צווישן רעפאָרם און אָרטאָדאָקסיע.

אַ דאַנק די נייע אַרבעטן פון די יידישע געלערנטע, אַ דאַנק די רייצנדיקע שילדערונגען פון יידישן לעבן פון טאַלאַנטפולע ראָמאַן־שרייבער און פּאָעטן, האָט אונזער נאַציאָנאַל־הומאַניטאַרער געשיכטע־קולט געפונען איצט אָנהענגער אַפילו צווישן יענע, וואָס האָבן געמיינט פריער, אַז אויפקלערונג מיינט דאָס אָפּפאַלן פון יידנטום. אויף דעם באָדן פון דער נייערער יידישער קריטיק איז שוין נישטאָ קיין חלוק צווישן רעפאָרם און אָרטאָדאָקסיע. די מאָטיוון, וועלכע ווערן אין די בריוו געבראַכט פאַר דער יידישער אויפלעבונג, שליסן זיך אָן אין דער מאָדערנער וויסנשאַפט.

„די געשיכטע פון דער נאָך תלמודישער צייט”, זאָגט דער באַדיי־

טנדיקסטער יידישער היסטאָריקער*), האָט נאָך אַלץ אַ נ אַ צ י אָ נ אַ ל ן כאַראַקטער; זי איז נישט נאָר געשיכטע פון רעליגיע אָדער קירכע".

„אַלס געשיכטע פון אַ פאָלק", זאָגט ווייטער אונזער היסטאָריקער, „איז די יידישע געשיכטע נישט בלויז אַ ליטעראַטור־געשיכטע אָדער קירכן־געשיכטע, נאָר די ליטעראַרישע און די רעליגיעזע אַנטוויקלונג זיינען, אַזוי ווי דאָס טראַגישע מאַרטירערטום פון דאָזיקן פאָלק, נאָר איינצלנע מאָמענטן אין זיין געשיכטע און נישט איר גאַנץ וועזן".

די היסטאָרישע קריטיק איז געקומען אויף דעם פלאַץ פון יענע „רעפאָרמאַטאָרן", וועלכע האָבן געוואָלט אָפּטיילן אין יידנטום דעם פאָליטישן תוכן פון דעם רעליגיעזן, אָדער וועלכע זעען נישט דעם נאַציאָנאַלן לעבנס־קוואַל, פונוואַנען עס פליסט די תלמודישע ליטעראַטור אַזוי ווי די ביבלישע, און מיינען, אַז די תלמודישע ליטעראַטור איז מער נישט ווי אַן אויסערלעכע צופאַסונג צו די פאַרענדערלעכע פאַרהעלטנישן פון דער צייט.

פיל אויפגעקלערטע יידן, וועלכע האָבן איבערגעריסן מיט דער פאַרשטיינערטער אָרטאָדאָקסיע, האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו פאַרטיפן אין דעם נאַציאָנאַלן תוכן פון יידנטום און זיך אָפּגעזאָגט פון דעם אויבערפלעכלעכן ראַציאָנאַליזם, וועלכער פירט נאָר צו דער אָפּפאַלונג און גלייכגילטיקייט צום יידנטום און נישט צו דערווידעראויפלעבונג פון זיין שעפערישן גייסט. אָבער אויך פיל רבנים, וועלכע איך האָב געהאַט דאָס גליק צו קענען אין מיין יוגנט, בלייבן נישט אָפּגעשטאַנען איצט אין וויסנשאַפט און בילדונג. די נייע ראַבינער־שולן, לויט דעם מוסטער פון דער ברעסלויער, וועלן שוין איינגאַנצן צודעקן דעם אָפּגרונט, וועלכער האָט זיך געעפנט צווישן דעם ניהיליזם פון דער רעפאָרם, וועלכע האָט גאָרנישט געלערנט, און דער רעאַקציע, וועלכע האָט גאָרנישט פאַרגעסן. אַ מיל־דער שלום־ברענגנדיקער לעבנס־ווינט בלאָזט שוין דאָרט, ווו מיט איייניקע צענדליק יאָר צוריק האָט דאָס אָרטאָדאָקסישע אייז געוואָלט אַלץ פאַרפרירן און דער רעפאָרמאַטאָרישער פייער־ווינט אַלץ פאַרברענען.

---

*) גרעץ: געשיכטע פון יידן, 5 חלק, איינלייטונג, זייט 3.

די אַלגעמיינע אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון סאָציאַלן לעבן און אירע רעזולטאַטן, די היינטיקע נאַציאָנאַליטעטן־שטרעבונגען, וועלן דאָ באַטראַכט ווערן, כדי צו באַלייכטן די נאָך נישט געענדיקטע אויפגאַבע פון יידנטום, כדי אָנצודייטן, אַז די היינטיקע וועלט־לאַגע דאַרף שטיצן די גרינדונג פון יידישע קאָלאָניעס ביים סועץ־קאַנאַל און אויף די ברעגן פון ירדן און כדי אַרויסצוברענגען, אַז הינטער די נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־פראַגן, וועלכע שטורמען היינט אין דער וועלט, שטייט נאָך די אוראַלטע ראַסן־פראַגע, וועלכע מוז פאַרענטפערט ווערן, איידער די פּאָליטיש־סאָציאַלע פראַגן קענען געלייזט ווערן.

כדי צו פאַרענטפערן די צווייפלען, וועלכע דער דייטשער ראַסן־שאָוויניזם און די אָפּגעשטאַנענע יידישע וויסנשאַפט וואָלטן געקאָנט האָבן קעגן מיין וועלט־אַנשויאונג בכלל און באַזונדערס אין צוזאַמענהאַנג מיטן יידנטום, האָב איך געשריבן דעם ע פּ י ל אָ ג, וועלכער קען באַטראַכט ווערן אַלס א יי נ ל יי ט ו נ ג צו די דאָזיקע בריוו. אין דעם עפּילאָג אַזוי ווי אין די נ אָ ט ן, וועלכע שטייען ביים ענדע פון דעם בוך, איז אויך דער פּלאַץ פאַר דער פילאָזאָפישער אַרומרעדונג און וויסנשאַפטלעכער באַגרינדונג פון אייניקע פּרינציפּן און פאַקטן, וועלכע זיינען אין די בריוו נאָר אויבערפלעכלעך אָנגערירט געוואָרן.

דער פאַרפאַסער

קעלן, מאַי, 1862.

משה העס

# ערשטער בריוו

דאָס צוריקציען זיך אַהיים. — די יידישע פרויען. — אַ קוואַל פון דער יידישער געשיכטע ־ רעליגיע. — פאַמיליען־ליבע. מאַטער דאָלאָראָזאַ.

אָט שטיי איך נאָכאַמאָל, נאָך אַ צוואַנציק יעריקער פאַרפרעמדונג, אינדערמיטן פון מיין פאָלק און נעם אַנטייל אין זיינע ימים־טובים, זיינע זכרונות און האָפענונגען, זיינע גייסטיקע מלחמות צווישן זיך גופא און מיט די קולטור־פעלקער, צווישן וועלכע עס לעבט און מיט וועלכע עס קען זיך נישט אָרגאַניש צונויפוואַקסן.

אַ געדאַנק, וועלכן איך האָב שוין געהאַלטן פאַר דערשטיקט אין מיין האַרצן, שטייט ווידער לעבעדיק פאַר מיר: דער געדאַנק וועגן מיין נאַציאָנאַליטעט, וועלכע איז פאַרבונדן מיט מיין ירושת אבות, מיט דעם הייליקן לאַנד און דער אייביקער שטאָט, מיט דעם געבורטס־אָרט פון דעם גלויבן אין דער געטלעכער איינהייט פון לעבן און דער צוקונפטיקער פאַרברידערונג פון אַלע מענטשן.

דער דאָזיקער לעבעדיק באַגראָבענער געדאַנק האָט שוין זייט יאָרן געקלאַפּט אין מיין האַרץ און געזוכט זיך אַרויסצורייסן. עס האָט מיר אָבער געפעלט די קראַפט אַריבערצוגיין פון מיין וועג, וואָס איז געלעגן אַזוי ווייט פון יידנטום, צו דעם נייעם וועג, וואָס איז געלעגן פאַר מיר נאָך אין נעפּלהאַפטער ווייטקייט.

איז עס אַ צופאַל, אַז יעדעס מאָל, ווען איך שטיי פאַר אַ נייער ריכטונג, דערשיינט אַן אומגליקלעכע פרוי אויף מיין לעבנס־וועג און גיט מיר מוט און קראַפט צו וואַנדערן אויף אַן אומבאַקאַנטן וועג?

אָ, ווי פאַלש איז די מיינונג, אַז פרויען האָבן געהאַט אַ קליינע ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פון יידנטום און יידן. פאַרקערט, ס׳וועט געזאָגט ווערן די פרויען, אַז אַ דאַנק זייער ריינקייט זיינען יידן אויסגעלייזט געוואָרן און וועלן נאָך אויסגעלייזט ווערן. *)

ערשט, ווען איך האָב אייך געזען אין אייער שמערץ, האָט זיך געעפנט מיין האַרץ און עס האָט אויפגעלעבט מיין איינגעשלאָ־

---

*) נאָטע 1.

פענער פאָלקס־געדאַנק; איך האָב אַנטדעקט דעם קוואַל, פונוואַנען עס שטאַמט אייער גלויבן אין דער אייביקייט פון גייסט.

אייער אומענדלעכער שמערץ צוליבן טויט פון אַ טייערן, נאָענטן מענטש האָט מיך געבראַכט אינגאַנצן צו דעם באַשלוס אַרויסצוטרעטן פאַר דעם נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט פון מיין פאָלק. אויף אַזאַ אומבאַגרענעצטער פאַמיליען־ליבע איז נאָר פעאיק אַ יידיש האַרץ. און די דאָזיקע ליבע איז דער נאַטירלעכער קוואַל פון יענער אינטעלעקטועלער ליבע צו גאָט, וועלכע איז לויט ספּינאָזאַ די העכסטע מדרגה, צו וועלכער דער גייסט קען זיך אויפהויבן. פון דעם אומדערשעפּלעכן קוואַל פון דער יידישער פאַמיליען־ליבע שטאַמען די דערלייזער פון דער מענטשהייט.

„דורך דיר", זאָגט דער געטלעכער געניוס פון דער יידישער פאַמיליע „וועלן אַלע משפחות פון דער ערד געבענטשט ווערן".

יעדער ייד האָט אין זיך דעם שטאָף צו אַ משיח, יעדער יידין דעם שטאָף צו אַ מאַטער דאָלאָראָזאַ.

---

## צווייטער בריוו

גערדאַנקען וועגן טויט און תחית־המתים. — פאַמיליען־קברים. — קרובישע נשמות. — די יידישע און די אינדישע הייליקע. — שאָפּעהויער. — אחרית הימים. — דער שבת פון דער געשיכטע.

דער שמערץ, אַזוי ווי די פרייד, זיינען אַנשטעקנדיק. איר, מיין פריינדין, האָט מיך אָנגעשטעקט מיט אייערע געדאַנקען וועגן טויט און תחית־המתים. איך פלעג קיינמאָל נישט גיין צו קברים, איצט ציט מיך אַהין. צום ערשטן מאָל, זייט דעם פריען טויט פון מיין מוטער, בין איך געווען אויפן בית־עולם, ווו מיין מוטער ליגט און ווו מען האָט שפּעטער, אין מיין אָפּוועזנהייט, מקבר געווען מיין פאָטער. איך האָב פאַרגעסן דעם קדיש און האָב אָנשטאָט דעם געזאָגט פון דער שמונה־עשרה: „אתה גבור לעולם יהוה מחיה מתים אתה"... דאָ האָב איך דערזען אַן איינזאַמע בלום אויף אַ קבר פון דער נאָענט. איך האָב זי גענומען און אַריינגעלייגט צווישן מיינע

פאַפירן. אין דער הײם האָבן איך זיך ערשט דערוווּסט, װער עס ליגט אונטער דעם קבר. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז דער אוצר, װי איר האָט אָנגערופן די אָרעמע בלום, איז פאַר אײך באַשטימט.

עס זײנען פאַראַן געהײמניספולע באַציאונגען צװישן די געשטאָרבענע און די לעבעדיקע, אָבוואָל זײ װעלן בלײבן שטענדיק אַ סוד. װען די פעדים פון לעבן װערן דורכגעשניטן, װערן אָבער נישט דורכגעשניטן די פעדים פון די גײסטער, װעלכע פאַרבינדן די נשמות אין דער צײט און דער אײביקײט:

די געשטאָרבענע נשמות
זײ לעבן נאָך אין גײסט.

דערפאַר האָב איך ליב באַקומען דעם טויט . נישט װײל איך האָב פײנט דאָס לעבן; נײן, איך ליב אויך דאָס לעבן, אָבער נאָר אַזוי װי דער גרעסטער דענקער ספּינאָזאַ האָט עס געליבט. װאָס הומאַנער, װאָס הײליקער, װאָס געטלעכער דאָס לעבן איז, אַלץ מער זײנען לעבן און טויט פון גלײכן װערט.

נאָר די ייִדן האָבן זיך געקענט אויפהויבן צו אַזאַ הויכקײט, װו לעבן און טויט האָבן דעם  ג ל ײ כ ן  װ ע ר ט,  אָבער פון דעם לעבן האָבן זײ זיך נישט אָפּגעזאָגט. מיט אַכצן הונדערט יאָר צוריק שוין האָט אַ ייִד, װעלכן די אומות העולם האָבן פאַרגעטערט אַלס זײער דערלײזער, געפונען דעם שטיצפּונקט אויסערהאַלב פון דער װעלט, פון װעלכן ער האָט געוואָלט איבערקערן די װעלט.

די גרויסע לערע פון דער דערקענטעניש פון גאָט, פון דעת יהוה, זײנען שטענדיק געװען ייִדן. אונזער פאָלק האָט נישט נאָר אין אַלטערטום באַשאַפן די דערהויבנסטע רעליגיע פון דער גאַנצער װעלט, נאָר עס האָט זיך אויך אַנטװיקלט װײטער לויט דעם פאָרשריט פון דער מענטשהײט. די דאָזיקע מיסיע װעט פאַר אים בלײבן ביז צום אחרית הימים, װען עס װעט װערן ומלאה הארץ דעה. װאָרום דער אחרית הימים, פון װעלכן דאָס ייִדנטום האָט שטענדיק נבואה געזאָגט, איז נישט די ענדע פון דער װעלט, װי אַנדערע פעלקער האָבן עס פאַלש פאַרשטאַנען, נאָר עס איז דער סוף פון דער אַנטװיקלונג און די העכסטע דערציאונג פון דער מענטשהײט.

מיר שטײען ערב דעם געשיכטלעכן שבת און מוזן זיך צוגרײטן צו אונזער מיסיע, פאַרשטײענדיק אונזער געשיכטע־רעליגיע.

קיין וואָרט פון אונזערע הייליקע שריפטן ווערט נישט פאַר־שטאַנען ריכטיק אַזוי לאַנג ווי מען ווייס נישט דעם שטאַנד־פונקט, פון וועלכן דער יידישער געניוס האָט זיי באַשאַפן. די עגאָ־איסטישע דערלייזונג פון דער נשמה פון דעם איזאָלירטן יחיד איז דעם יידנטום פולשטענדיק פרעמד. דאָס יידנטום טיילט נישט אָפּ דעם יחיד פון דער פאַמיליע, די פאַמיליע פון דער נאַציע, די נאַ־ציע פון דער מענטשהייט, די מענטשהייט פון דער שאַפונג, די שאַפונג פון דעם שעפער. דאָס יידנטום האָט נישט קיין אַנדער דאָגמע (עיקר), ווי די לערע פון דער איינהייט. אָבער די דאָזיקע דאָגמע איז נישט קיין פאַרשטיינערטער טויטער גלויבן, נאָר אַ לע־בעדיקע, שעפערישע אידעע, וועלכע וואָרצלט אין דער פאַמיליען־ליבע, בליט אין דעם פּאַטריאָטיזם און ברענגט רייפע פרוכטן אין דער מאָדערנער, באַנייטער מענטשלעכער געזעלשאַפט. דאָס יידנ־טום וואָלט אָפּגעשטאָרבן אין דאָגמעס, אַזוי ווי די רעליגיעס, וועל־כע זיינען פון אים אַרויסגעקומען, ווען זיין רעליגיע וואָלט נישט געווען דער פּראָדוקט פון זיין לעבן. דאָס יידנטום איז נישט קיין פּאַסיווע רעליגיע, נאָר אַן אַקטיווע דערקענטעניש, וועלכע איז צו־נויפגעוואַקסן מיט דער יידישער נאַציאָנאַליטעט, וואָס איר גע־שיכטע גייט האַנט אין האַנט מיט דער געשיכטע פון דער מענטש־הייט, אַ נאַציע, וועלכע האָט שוין אַמאָל אַרויסגערופן די אויפלע־בונג פון דער סאָציאַלער וועלט, און וועלכע לעבט אויף היינט מיט דער ווידעראויפלעבונג פון די היסטאָרישע קולטור־פעלקער.

---

## דריטער בריוו.

אומשטערבלעכקייט. — רבי יוחנן. — רמבן. — משיחיות. — פאָטער אונזערער. — סאָלידאַריטעט. — פראַנקרייכס רוף און דער רעאַקציאָנערער געשריי.

איך וווּנדערט זיך, וואָס אין דער תורה איז גאָרנישט נישטאָ וועגן אומשטערבלעכקייט. איר זענט נישט באַפרידיקט דערמיט, ווי די אגדתא און די מאָדערנע יידישע און קריסטלעכע וויסנשאַפט טייטשן אויס דעם גלויבן אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער

תורה. ווען משה און די נביאים וואָלטן געגלויבט אין אַ יענער וועלט, ווי דאָס קריסטנטום, וואָלטן זיי געוויס גערעדט וועגן דעם, איך לייקן נישט דעם דאָזיקן פאַקט. ווען איר מאַכט אָבער דער־פאַר אַ פאָרוואורף קעגן דער תורה, פאַרגעסט איר ווידער דעם ה י ס ט אָ ר י ש ן שטאַנדפונקט פון דער הייליקער געשיכטע, וועלכע טיילט נישט אָפּ דעם יחיד פון זיין שטאַם, די נאַציע פון דער מענטשהייט, די שאַפונג פון דעם שעפער. איר פאַרגעסט, אַז דער טייל פון אונזערע הייליקע שריפטן, וווּ עס רעדט זיך נישט פון דער אומשטערבלעכקייט, איז אַנטשטאַנען אין אַ צייט, ווען די יידישע נאַציע איז נאָך נישט אונטערגעגאַנגען און האָט נישט גע־קענט האָבן קיין געדאַנקען וועגן תחית המתים. דער יידישער גלוי־בן אין דער אומשטערבלעכקייט קען נישט אָפּגעטיילט ווערן פון דעם נאַציאָנאַל־מענטשלעכן גלויבן אין משיח. ערשט מיט משיח און דער מלכות המשיח, זאָגט ר׳ יוחנן, איז דערגרייכט געוואָרן דער ציל פון דער שאַפונג. אַלע נביאים, זאָגט ער ווייטער, רעדן אין זייערע נבואות פון מלכות המשיח; פון יענער וועלט ווייס נאָר גאָט אַליין. אויך אין דעם רבנישן יידנטום אונטערשיידט זיך נישט שטאַרק יענע וועלט פון מלכות המשיח. דער רמב״ן באַשטייט דערויף, קעגן דעם רמב״ם, אַז מלכות המשיח און עולם הבא זיינען איינס און דאָס זעלבע. דאָס יידנטום האָט נישט באַדאַרפט באַזונ־דערס באַטאָנען די אייביקייט פון גייסט, וואָרום זיין גאַנצע גע־שיכטע איז די פאַרקערפּערונג פון דער דאָזיקער אידעע. בשעת עס איז סוף פון בית ראשון אַרויפגעקומען דער געדאַנק פון דעם נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג און דער ווידעראויפלעבונג פון יידישן פאָלק, איז אויך דערוועקט געוואָרן דער געדאַנק פון דער אומשטערבלעכ־קייט. שוין דער נביא ישעיהו מאַכט אַן אונטערשייד צווישן די אומות, וועלכע וועלן אויסשטאַרבן אָן א זכר, און דעם פאָלק ישראל, וואָס וועט אויפלעבן און וואָס זיין טויט איז נאָר די חבלי לידה פון מלכות המשיח (ישעיה כ״ו, י״ד—י״ט).

אַפילו אין אורקריסטנטום, אַזוי לאַנג ווי עס איז נישט אָפּגע־פאַלן פון נאַציאָנאַלן יידנטום, האָט נאָך געלעבט די יידישע פאָלק־אידעע, אין וועלכער תחית המתים, מלכות השמים און עולם הבא, האָבן אייגנטלעך באַדייט די ימי המשיח, דעם מלכות הרוח, וואָס זיין

אַנקום ווערט דערוואַרט נאָך אין די עוואַנגעליעס און אין דער עכט יידישער תפילה: „פאָטער אונזערער״.

אויך די לעצטע תורה פון דעם יידישן גייסט וועגן לעבן און טויט, די פילאָזאָפיע פון שפינאָזאַ, האָט גאָרנישט צו טאָן מיט יענער אַטאָמיסטישער אומשטערבלעכקייט, וועלכע לייזט אויף דאָס אייניקע לעבן ספּיריטואַליסטיש אָדער מאַטעריאַליסטיש און וואָס איר העכסטער רעליגיעזער און מאָראַלישער פּרינציפּ, איז דער עגאָאיסטישער פּרינציפּ: י ע ד ע ר פ א ר ז י ך. קיין פאָלק איז נישט אַזוי ווייט פון דאָזיקן עגאָאיזם, ווי דאָס יידישע. ביי די יידן איז דער העכסטער פּרינציפּ די סאָלידאַריטעט 1). אין די פּרקי אבות ווערט דערקלערט יענע בורזשואַזע מאָראַל, לויט וועלכער יעדער איינצלנער שטייט נאָר פאַר זיך, פאַר אַ שלעכטער מדה 2). ביי ספּינאָזאַ, ווי ביי אַלע יידישע הייליקע, שטייט נישט דער פּרט אָפּגעטיילט פון כלל. די אייביקייט הויבט זיך נישט אָן, לויט ספּינאָזאַ, נאָך דעם טויט, נאָר זי שטייט, ווי גאָט, שטענדיק פאַר אונז.

נאָר ווייניקע האָבן אין זיך דעם גייסט, וועלכער האָט באַגייסטערט די יידישע הייליקע. יעדערער וויל האָבן זיין שטיקל אומשטערבלעכקייט פאַר זיך אַליין. דער אחרית הימים איז נאָך ווייט, אָבער אַמאָל וועט דער הייליקער גייסט פון אונזער פאָלק ווערן דער אוצר פון דער גאַנצער מענטשהייט. אַמאָל וועט די גאַנצע ערד ווערן אַ טעמפּל, וווּ עס וועט רוען גאָטס גייסט. דער מלכות הרוח, וועלכער איז אָנגעזאָגט געוואָרן בנבואה אין דער תורה, איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אַמאָל אויף דעם עולם הבא. ספּינאָזאַ האָט דער ערשטער פאַרשטאַנען דעם מלכות הרוח אַלס אַן איצטיקן. ער עקזיסטירט שוין, אָבער אַלס אַ ליכטיקע שפּראָצונג רערוויי. כדי די דאָזיקע שפּראָצונג ווייטער צו אַנטוויקלען צו סאָציאַלע שאַפונגען, אַרבעטן דייטשלאַנד, פראַנקרייך און ענגלאַנד. דייטשלאַנד האָט אויסגעטראָטן דעם וועג פון פילאָזאָפיע; דעם וועג פאַר סאָציאַל-פּאָליטישע איבערקערענישן האָבן אויסגעטראָטן די פראַנצויזן פאַר אַלע נאַציעס, זייט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע; דער פאָרשריט פון דער אינדוסטריעלער אַרבעט גייט אַרויס פון ענגלאַנד.

די יידן האָבן שוין זייט אַ לאַנגער צייט דערפילט, אַז דער קאַמף פון די פעלקער, וועלכע קעמפן צוזאַמען מיט פראַנקרייך פאַר זייער נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט, איז זייער אייגענער קאַמף און זיי האָבן זיך אומעטום אָנגעשלאָסן מיט באַגייסטערונג אַן די פּאָליטיש־סאָציאַלע באַוועגונגען. עס איז געקומען די צייט, רופט צו יידן אַ פראַנצויזישער דעמאָקראַט, אַז איר זאָלט אַ קלער טאָן וועגן זיך זעלבסט און אָנהויבן אַרבעטן פאַר אייער אייגענער ווידערגעבורט 3). איינס שליסט אָבער גאָרנישט אויס דאָס אַנדערע. ווען איך אַרבעט פאַר דער ווידעראויפלעבונג פון מיין אייגן פאָלק, האָב איך זיך נישט אָפּגעזאָגט דערפאַר פון מיינע מענטשלעכע שטרעבונגען. די היינטיקע נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז נאָר אַ נייער שפּרונג אויף דעם וועג, אויף וועלכן די פראַנצויזישע רעוואָלוציע גייט זינט איר אָנפאַנג. דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט זייט דער רעוואָלוציע גערופן אַלע פעלקער צו הילף. אָבער די פעלקער זיינען געבליבן על פּי רוב טויב צום דאָזיקן געשריי, זיי האָבן זיך צוגעהערט מער צום רעאַקציאָנערן ליאַרעם אין זייערע אייגענע לענדער. היינט פאַרטויבט דער דאָזיקער ליאַרעם אין איניקע טיילן פון דייטשלאַנד העכסטנס דאָס פאָלק, וואָס איז אַריינגעשווינדלט געוואָרן אין אַ ווילדער באַגייסטערונג פאַר זיינע קעניגן און קריגספירער. אַלע אַנדערע פעלקער פאַרשטייען פראַנקרייכס רוף. דער רוף איז דערגאַנגען אויך צו מיין אַלט פאָלק און איך וויל פאַרייניקן מיין שטים מיט דער פראַנצויזישער, כדי צו וואָרענען ווייניגסטנס מיינע ברידער אין דייטשלאַנד קעגן דאָזיקן רעאַקציאָנערן ליאַרעם.

## באַמערקונגען:

1) די יידישע סאָלידאַריטעט: כל ישראל ערבים זה בזה, ווערט אויך אויסגעדריקט דורך קידוש השם.

2) פאַרגלייך נאָטע 5, ווו עס זיינען ביים שלוס אָנגעגעבן די פיר מיינונגען פון פרקי אבות וועגן מיין און דיין. די בורזשואַזע מאָראַל ווערט דאָרטן קריטיקירט אויף אַזאַ אופן: האומר שלי שלי ושלך שלך זו מדה בינונית ויש אומרים זו מדת סדום.

אַן אַנדער אויסדרוק אין אבות, וועלכער ווערט אויסגעדריקט

פאַרקערט אין אבות דרבי נתן, פאַרזאָגט: מיר זאָלן נישט זיין ווי קנעכט, וועלכע דינען פאַרן לוין, נאָר ווי קינדער, וועלכע טוען די געטלעכע אַרבעט אויס מורא פאַר דעם פאָטער פון אַלע באַשעפענישן.

בנוגע צו דעם גלויבן אין אומשטערבלעכקייט איז די דאָזיקע לערע גלייכגילטיק (פאַרגלייך (עפילאָג 3).

3) פאַרגלייך: „נייע אָריענטאַלישע פראַגע" אין עלפטן בריוו.
4) פאַרגלייך עפילאָג 6.

---

## פערטער בריוו

דער דייטשער יידן־האַס. — פאַטריאָטישע ראָמאַנטיקער און פילאָזאָפירנדיקע בוכהענדלער. — אָטטאָ וויגאנד. — בערטאָלד אויערבאַך. — מאָלעשאָט. — ד״ר גאַלאַוואַרדין. — די רעפאָרם און די יידישע נוז. — אַ פאָטאָגראַפישער פאָרטרעט. — העברעאישע תפילות. — פאַטריאָטיזם. — מיין זיידע. — די מאַמע רחל. — נאַציאָנאַלער טרויער. — שבת חזון.

די דייטשע בילדונג קען אפנים נישט מאַכן שלום מיט דער יידישער נאַציאָנאַלער אידעע. וואָלט איך נישט געלעבט אין פראַנקרייך, וואָלט עס מיר נישט געקומען אויפן געדאַנק זיך צו פאַראינטערעסירן פאַר דער ווידער אויפלעבונג פון אונזער נאַציע; אַזוי זיינען דאָס אונזערע אָנשויאונגען אָפּהענגיק פון דער אַרומיקער געזעלשאַפט. יעדעס פאָלק, ווי יעדער אינדיווידואום, האָט זיין ספּעציאַליטעט. יעדער מענטש, אַזוי ווי יעדעס פאָלק, איז אַפילו אַ פּאָליטישע, אָדער בעסער געזאָגט, אַ סאָציאַלע חיה; אָבער אין דער סאָציאַלער וועלט האָט דאָך יעדערער זיין באַזונדערן באַרוף, און דער דייטש איז צופיל אַן אוניווערסאַלער פילאָזאָף, אַז ער זאָל זיך קענען באמת אינטערעסירן פאַר נאַציאָנאַלע שטרעבונגען.

„די גאַנצע טענדענץ", אַזוי האָט געשריבן מיין אַמאָליקער פאַרלעגער אָטטאָ וויגאַנד, ווען איך האָב אים פאַרגעלייגט דעם דאָזיקן בוך, „איז קעגן מיין ריין מענטשלעכער נאַטור".

די „ריין מענטשלעכע נאַטור" פון דעם דייטש איז די נאַטור־

פון דער ריין דייטשער ראַסע, וועלכע איז אין דער טעאָריע אַפּילו אַלמענטשלעך, אין פּראַקטישן לעבן אָבער עגאָאיסטיש. די שנאה פון דעם דייטש קעגן די יידישע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען האָט אַ דאָפּלטן גרונט. די אַלמענטשלעכע שטרעבונגען פון דעם דייטש זיינען קעגן נאַציאָנאַלע שטרעבונגען. קעגן יידישע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען האָט דער דייטש נאָך אַ באַזונדערע ראַסן־אַנטי־פּאַטיע. דער זעלבער דייטשער פאַרלעגער, וואָס זיין „ריין מענטש־לעכע נאַטור" האָט אַ פיינטשאַפט קעגן שריפטן פאַר דער יידישער נאַציאָנאַליטעט, דרוקט אָפּ יעדע פיינטשאַפטס - שריפט קעגן דעם יידנטום און נאָר צוליב דעם איינגעבוירענעם ראַסן־אַנטאַגאָניזם*). דער דייטש האָט אָבער נישט קיין קלאָרן באַוווסט־זיין וועגן זיינע ראַסן־פאַראורטיילן. ער זעט אין זיינע עגאָאיסטישע שטרעבונגען נאָר „אַלמענטשלעכע" טענדענצן; ער ווייס אָבער נישט אַז מיט די גייסטיקע שטרעבונגען לעבט ער אין דער טעאָריע, מיט די עגאָאיסטישע — אין דעם פּראַקטישן לעבן.

אויך די געבילדעטע דייטשע יידן האָבן גענוג מאָטיוון, פאַר־וואָס זיך אָפּצוּווענדן פון די יידישע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען. מיין אַלטער, ליבער פריינט בערטאָלד אויערבאַך איז אַקוראַט אַזוי קעגן מיר, ווי מיין אַלטער פאַרלעגער, אָבוואָל אמת פון אַ גאַנץ אַנדערן גרונט. ער מאַכט מיר שווערע פאָרוווּרפן און רופט אויס: „ווער האָט דיך געמאַכט פאַר אַ ריכטער איבער אונז 1) ?".

דער דייטשער ייִד זוכט צוליב דעם אַרומיקן יידן־האַס אַראָפּצו־וואַרפן פון זיך אַלץ, וואָס איז יידיש און פאַרלייקענען זיין ראַסע. קיין רעפאָרם פון דעם יידישן קולט איז דעם געבילדעטן דייטשן ייִד נישט גענוג ראַדיקאַל. אַפילו די טויפונג דערלייזט אים נישט פון דעם יידן־האַס. די דייטשן האַסן די רעליגיע פון די יידן ווייניקער, איידער זייער ראַסע, זייער גלויבן ווייניקער איידער זייערע נעזער. נישט די רעפאָרם, נישט די שמד, נישט די עמאַנציפּאַציע עפענען דעם דייטשן ייִד פולשטענדיק די טויערן פון סאָציאַלן לעבן. זיי זוכן דערפאַר צו פאַרלייקענען זייער אָפּשטאַמונג. מאָלע־שאָט דערציילט אין זיין פיזיאָלאָגישן סקיצן־בוך (זייט 257) וועגן דעם זון פון אַ געטויפטן ייִד, וועלכן מען האָט נישט גע־

*) נאָטע 3.

קענט אָוועקשלעפּן פון שפּיגל, וואָרום ער האָט געוואָלט אַלץ מאַכן גלאַט מיט אַ קעמל זיינע געקרייזלטע האָר. אָבער אַזוי ווייניק ווי די נישט נאַציאָנאַלע רעפאָרם האָט דערגרייכט איר צוועק, אַזוי ווייניק קענען די יידן פאַרלייקענען זייער אָפּשטאַמונג. די יידישע נעזער וועלן נישט רעפאַרמירט ווערן און די יידישע געקרייזלטע האָר וועלן נישט ווערן גלאַט. די יידישע ראַסע איז אַן אָריגינעלע. דער יידישער טיפּ איז געבליבן דער זעלבער אין לויף פון יאָר־טויזנטער.

„אויף דער מערבדיקער בערג־וואַנט אין טעבען, אין מצרים, וואָס איז די קברים־שטאָט, זעט מען דעם קבר פון אַ דירעקטאָר פון די קעניגלעכע פאַרמעגנס, אויף וועלכן עס זיינען אויסגעשטעלט פאַרשידענע אַרבעטן. עס ווערן דאָרט אָבעליסקן אויפגעשטעלט, פּאַלאַצן געבויט, ציגל געפּאַרבט, שטיינער געשלעפּט. אַן אויפזעער שטייט מיט אַן אויפגעהויבענעם שטעקן. דער קבר איז, לויט די אויפשריפטן, פאַרטיק געמאַכט געוואָרן אין דער צייט פון משה און אין די אַזיאַטישע שקלאַפן דערקענט מען דעם יידישן טיפּ 2)". אויך עגיפּטישע מצבות פון שפּעטערע צייטן ווייזן אונז יידן, וועלכע זיינען מערקווירדיק ענלעך צו די היינטיקע.

דאָס יידישע פאָלק וואָלט שוין לאַנג אין זיין גלות אונטער־געגאַנגען, ווען נישט די קראַפט פון יידישן טיפּ. ווען דאָס יידנ־טום האָט צו פאַרדאַנקען זיין אומשטערבלעכקייט זיין רעליגיעזן געניוס, האָט דער רעליגיעזער געניוס צו פאַרדאַנקען זיין אומ־שטערבלעכקייט דער פּרוכטבאַרקייט און דער קראַפט פון דער יידי־שער ראַסע. אַזוי ווי אַמאָל אין דער געפאַנגענשאַפט פון מצרים, אַזוי איז אויך היינט, אין דעם דריטן גלות, ריכטיק דאָס וואָרט:

וכאשר יענו אותם כן ירבו
ותמלא הארץ אותם.

אַז די יידישע ראַסע ווערט נישט פאַרניכטעט אין געמישטע הייראַטן, צו דעם קען איך נאָך ברענגען אַ ביישפּיל. פון געמישטע חתונות צווישן אינדאָ־גערמאַנען און מאָנגאָלן קומט אַרויס מער דער מאָנגאָלישער טיפּ. די רוסישע אַדעליקע, וועלכע האָבן אַריינגע־נומען אין זיך נאָר ווייניק מאָנגאָליש בלוט, האָבן אַ מאָנגאָלישן טיפּ. צווישן מיינע סאָציאַליסטישע פריינט געפינט זיך אַ רוסישער אַדעליקער, וועלכער האָט אַן אינדאָ־גערמאַנישן גייסט, אָבער

אַ מאַנגאַלישן אויסזען. דער דאָזיקער פּרינץ האָט חתונה געהאַט מיט אַ פּוילישער יידין און די זין האָבן אַלע אַ יידישן טיפּ.

איר זעט, מיין פריינדין, אַז עס העלפט נישט די יידן צו פאַר־לייקענען דורך דער טויפונג זייער אָפּשטאַם. דער יידישער טיפּ קען נישט פאַרטיליקט ווערן.

דער יידישער טיפּ איז אָבער אויך זייער נכר. אַפילו אין זיינע איידלסטע פּאַרטרעטער, ווו ער אונטערשיידט זיך קוים פון דעם אַלטן גריכישן טיפּ, אָבער איז נאָך פיל איידעלער אין זיין נשמה־אויסדרוק און אין זיין זיטלעכן ערנסט, טראָגט ער אויף זיך די התימה פון דעם עלטסטן אַדל פון די וועלט־היסטאָרישע פעלקער. איך בין געוואָרן זייער פאַרוואונדערט, ווען איך האָב אויף מיין רייזע דורך אַנטווערפּן געוויזן דאָס אייך באַקאַנטע שיינע פאָטאָגראַפישע בילד אַ קענער פון קונסט, וועלכער האָט, באַוואונדערנדיק די הערלעכע געשטאַלט, אויסגערופן: איך וועט זיך, אַז דאָס איז אַ יידין.

די יידישע ראַסע, וועלכע איז צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, האָט די גרעסטע פעאיקייט זיך צו אַקלימאַטיזירן. אַזוי ווי דאָס יידישע פאָטערלאַנד, פּאַלעסטינע, ברענגט אַרויס נאָרדלעכע און זידלעכע פּרוכטן, אַזוי קען אויך געדייען דאָס דאָזיקע פאָלק אונטער אַלע קלימאַטן. אַ פראַנצויזישער דאָקטאָר ג אַ ל אַ וו אַ ר־ד י ן, האָט באַוויזן די דאָזיקע פיזיאָלאָגישע פענאָמענאַלקייט אין זיין ווערק:

Position des Juifs dans le monde

אַזוי ווייניק ווי איך קען האָבן אַ פאַראורטייל קעגן מיין איי־גענער ראַסע, אַזוי ווייניק קען איך זיין קעגן דער הייליקער שפּראַך פון אונזערע אבות, וועלכע מען וויל פון אומעטום אַרויסשטויסן. די העברעאישע תפילות האָבן מיך שטענדיק דערהויבן. עס קלינגט פון זיי דער אָפּקלאַנג פון טויזנטער גענעראַציעס. זיי מאַכן שטענ־דיק אַן איינדרוק אויף דעם, וועלכער פאַרשטייט זיי.

די יידישע תפילות זיינען קאָלעקטיווע תפילות פאַר דעם גאַנצן פאָלק. דער פרומער ייד איז פריער פאַר אַלץ — אַ יידישער פּאַט־ריאָט. דער „ניי מאָדישער" איז נישט נאָר אַן אָפּטריניקער אין רע־ליגיעזן זין, נאָר אויך אַ פאַררעטער פון זיין פאָלק, זיין ראַסע און

פאַמיליע. אויב עס וואָלטווירקלעך געווען אוממעגלעך צו פאַר־אייניקן די עמאַנציפּאַציע מיט דער יידישער נאַציאָנאַליטעט, וואָלט דער ייד געדאַרפט מקריב זיין די עמאַנציפּאַציע. וועגן דאָזיקן פונקט דאַרף מען אפשר נאָך מער רעדן*). אַז דער ייד דאַרף קודם כל זיין אַ יידישער פּאַטריאָט, דאַרף מען קיין שום ייד נישט באַווייזן, אויב ער האָט נאָר באַקומען אַ יידישע דערציאונג. דער יידישער פּאַטריאָטיזם איז אַ נאַטירלעך אמתער געפיל.

מיין זיידע האָט מיר געוויזן אַמאָל טייטלען און אַליוון און האָט געזאָגט מיט אַ ליכטיקן בליק: „די דאָזיקע פירות וואַקסן אין ארץ־ישראל". אַלץ, וואָס דערמאָנט אין פּאַלעסטינע, ווערט פון פרומע יידן באַטראַכט מיט אַ געפיל פון ליבע און פאַרערונג: יעדן געשטאָרבענעם ווערט געגעבן אין קבר אַריין אַביסל ארץ־ישראל־ערד, כדי דער טויטער זאָל זיך נישט דאַרפן קייקלען אין ארץ־ישראל צו תחית המתים.. דער דאָזיקער מנהג, אַזוי ווי דער געברויך פון לולב און אתרוג, איז מער איידער אַ רעליגיעזער מנ־הג אָדער אַבערגלויבן. דער גאַנצער יידישער רעליגיעזער קולט איז געגרינדעט אויף דעם יידישן פּאַטריאָטיזם. אונזערע „רעפאָרמאַ־טאָרן" ווייסן דאָס זייער גוט.

ס פּ י נ אָ ז אַ האָט נאָך געהאַלטן דאָס יידנטום פאַר אַ נאַציע און האָט געזאָגט (ענדע פון דריטן קאַפּיטל פון „טעאָלאָגישן טראַק־טאַט"), אַז די אויפריכטונג פון דער יידישער מלוכה הענגט אָפּ נאָר פון דעם מוט פון יידישן פאָלק. אַפילו מענדעלסאָן ווייס נאָך גאָר־נישט פון אַ קאָסמאָפּאָליטישן יידנטום.

יאָ, מיין פריינדין, וואָס אונזערע גערמאַנישע רעפאָרמאַטאָרן זאָלן קעגן דעם נישט זאָגן: די יידישע רעליגיע איז יידישער פּאַטריאָ־טיזם. איך דערמאָן זיך מיט טיפער גערירטקייט אין אַלע טרויעריקע סצענעס, וועלכע איך האָב געזען אין הויז פון מיין זיידן אין באָן, ווען עס פלעגט קומען תשעה באב, די דריי וואָכן, די ניין טעג און דער שבת חזון.

מיין זיידע האָט נישט געלעבט פון רבנות, האָט אָבער געהאַט די קענטענישן און דעם טיטל פון אַ רב. דעם גאַנצן יאָר פלעגט

*) נאָטע 4.

ער, נאָך די טעגלעכע געשעפטן, ביז האַלבער נאַכט שטודירן דעם תלמוד און זיינע מפרשים. נאָר אין די נייַן טעג פלעגט ער אָנ־שטאָט גמרא פאַרלעזן פאַר זיינע אייניקלעך די אגדתות וועגן חורבן ירושלים. די שניי־ווייסע באָרד פון דעם אַלטן מאַן פלעגט באַנעצט ווערן מיט טרערן. אויך מיר קינדער פלעגן זיך נישט קענען איינהאַלטן פון געוויין. באַזונדערס, ווען עס פלעגט דער־ציילט ווערן, ווי די מאַמע רחל איז אויפגעשטאַנען פון איר קבר און האָט געקלאָגט אויף אירע אומגליקלעכע קינדער 3).

איר זעט דאָ נאָכאַמאָל דייטלעך דעם קוואַל פון דעם יידישן גלויבן אין אומשטערבלעכקייט; ער איז אַ פּראָדוקט פון אונזער פאַמיליען־ליבע. אונזער גלויבן אין דער אומשטערבלעכקייט גייט אין דער פאַרגאַנגענהייט ביז צו די אבות, אין דער צוקונפט, ביז צו מלכות המשיח. פון דער יידישער פאַמיליע איז אַרויסגעוואַקסן דער לעבעדיקער גלויבן אין דער שטענדיקייט פון גייסט אין דער געשיכטע.

די דאָזיקע הערלעכע בלום פון יידנטום איז פאַרדאַרט גע־וואָרן אין דעם גלויבן אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער איזאָ־לירטער נשמה, ווען די דאָזיקע בלום איז אָראָפּגעפאַלן פון איר וואָרצל און איר שטאַם. נאָר אין דער יידישער פאַמיליע האָט זיך לעבעדיק דערהאַלטן דער גלויבן אין דער שטענדיקייט פון גייסט אין דער געשיכטע. און ווען דער מאָדערנער דואַליזם פון מאַטעריע און גייסט האָט געפונען ביי דעם לעצטן קריסטלעכן פילאָזאָף קאַר־טעזיוס זיין העכסטן אויסדרוק, האָט זיך ווידער פון יידנטום אויפ־געהויבן דער גלויבן אין דער אייביקייט פון דער נאַטור און דער געשיכטע.

ווי דער קריסטלעכער דואַליזם איז צעשלאָגן געוואָרן טעאָ־רעטיש דורך ספּינאָזאַן, אַזוי ווירקט דאָס יידישע פאָלק קעגן דעם דורך זיין געזונט, מוסטערהאַפט פאַמיליען־לעבן. איצט שוין קען מען זען דעם גוטן איינפלוס פון דער יידישער פאַמיליע אויף דער ליטעראַטור, קונסט און וויסנשאַפט. ווי וועט זיך דאָך אַלץ נאָך ענ־דערן, ווען מיר וועלן האָבן אונזער פאָלקס־געשיכטע און נאַציאָ־

נאַלע ליטעראַטור, ווען די תורה וועט אַרויסגיין פון ציון און גאָטס וואָרט פון ירושלים 4).

## באַמערקונגען:

1) אויערבאַך שרייבט מיר אין העברעאיש: מי שמך לאיש שר ושופט עלינו. אויערבאַך לייקנט נישט די באַרעכטיקונג פון מיינע יידישע סימפּאַטיעס, אַלס פּערזענלעכע שטימונג, וועלכע איז אים נישט פרעמד געבליבן. ער וויל אָבער נישט, אַז מען זאָל עס אָפן אַרויסזאָגן. דאָס, זאָגט ער, איז אַקוראַט ווי „אונטערצינדן" דאָס יידישע הויז.

2) „סיני און גלגתא" פון פ. אַ. שטראַוס, ז. 69.

3) ירמיהו, ל"א, ט"ו.

4) מיכה ד' א'; ישעיהו ב' ב'. דאָס איז אַ נבואה, וועלכע קומט אָפטמאָל פאָר ביי די פאַרשידענע נביאים און ציט זיך דורך אונ־זער גאַנצער געשיכטע־רעליגיע.

---

## פינפטער בריוו

צוריקבליק. — געשעעניש פון דמשק. — אַ שמערץ־געשריי. — ממזר־בלבל. — העפּ העפּ. — די פליטה אין פראַנקרייך. — אַ דייטשער ערלעכער מאַן. — גערמאַנישע פּאַטריאָטן. — זשעפּערסאָן. — פּאַטערלענדער און מלכים. — ווו עס איז גוט, דאָרט איז דאָס פּאַטערלאַנד. — דאָס יידישע אינקאָגני־טאָ. — די רעליגיע פון טויט. — טראָג הויך דיין פאָן, מיין פאָלק.

גלויב איך ווירקלעך אין דער גאולה פון גלות? — איר פרעגט עס און זאָגט, אַז איך האָב זיך נאָך פריער אַרויסגעזאָגט פאַר דער דערפילונג פון דעם יידישן משיח־גלויבן, אין מיינע צוויי שריפטן: „די הייליקע געשיכטע פון דער מענטשהייט" און „די אייראָפּעאישע טריאַרכיע". איר זענט גערעכט, ווען איר דערמאָנט מיך, אַז איך בין

פּאַראַנטוואָרטלעך אויך פאַר מיינע אַמאָליקע אידעען. איך וויל פאַר אייך דערפאַר ברענגען אייניקע כאַראַקטעריסטישע מאָמענטן פון מיין פאַרגאַנגענהייט.

מיט צוואַנציק יאָר צוריק, בעת דעם בלוט־בלבול פון דמשק, דאַמאָלסט שוין, אינמיטן פון מיין סאָציאַליסטישער טעטיקייט, האָב איך דערפילט מיין צוגעהעריקייט צו אַן עלנט, פאַרלאָזן פאָלק און האָב שוין געוואָלט אויסדריקן מיין יידיש־פּאַטריאָטיש געפיל דורך אַ שמערץ־געשריי. דער געשריי איז אָבער אונטערגעדריקט געוואָרן אין מיין ברוסט דורך דעם גרעסערן שמערץ, וועלכן דער אייראָפּעאישער פּראָלעטאַריאַט האָט אין מיר דערוועקט.

אַנדערע פעלקער האָבן נאָר פּאַרטיי־מחלוקות; די דייטשן זייַנען נישט אין שלום, אַפילו ווען זיי שטייען אין דער זעלביקער פּאַרטיי. מיינע אייגענע סאָציאַליסטישע גענאָסן האָבן מיר געגעבן אַ סיבה צו ווערן אַן עמיגראַנט, און נאָך דעם זיג פון דער רעאַקציע בין איך פון אַ פרייוויליקן עמיגראַנט, געוואָרן אַן אומפרייוויליקער. אַ קורצע צייט נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע בין איך אַוועקגעפאָרן קיין פראַנקרייך. דאָ האָב איך דערקענט דאָס פאָלק, וואָס איז געוואָרן דער קעמפער פאַר אַלע סאָציאַלע שטרעבונגען.

נאָך נאַפּאָלעאָנס איבערקערעניש בין איך אָפּגעטראָטן פון דער פּאָליטיק און האָב זיך אָפּגעגעבן אויסשליסלעך צו נאַטורוויסנשאַפט. דעם אַלטן יינג־העגעליאַנער ד״ר אַ ר נ אָ ל ד ר ו ג ע, וועלכער האָט נישט געקענט מוחל זיין דעם „קאָמוניסטן ראַבי מאָזעס״ דאָס אָפּטרעטן פון דער „אידעע״, האָבן אויסגעוויזן די דאָזיקע מאַטעריאַליסטישע שטודיען ווי אַ שרעקלעכע זאַך. אַזאַ נאַטורוויסנשאַפטלעכן מאַטעריאַליזם האָט ער אָנגערופן אימפּעריאַליזם, באָנאַפּאַרטיזם. וואָס פאַראַ צוזאַמענהאַנג עס איז פאַראַן צווישן נאַטורוויסנשאַפטלעכע שטודיען און באָנאַפּאַרטיזם, דאָס האָט דער אַלטער רוגע נישט דערקלערט. איך האָב אָבער פון מיינע ראַסןשטודיען באַקומען די איבערצייגונג פון דעם אונטערגאַנג פון יעדער ראַסן־הערשאַפט און פון דער אויפלעבונג פון די פעלקער. באַזונדערס האָט מיך מיין אייגן יידיש פאָלק אָנגעהויבן צו אינטערעסירן. דער וויי־טאָג, וואָס איז דערוועקט געוואָרן דורך דעם עלילת־דם אין דמשק, איז געוואָרן איצט אַ שטענדיקע ריכטונג פון

מיין גייסט. איך האָב נישט מער געזוכט צו אונטערדריקן די שטים פון מיין יידישן געוויסן; נאָר איך האָב, פאַרקערט, אָנגעהויבן נאָכצוגיין אירע שפורן און אָט וואָס איך האָב געפונען געשריבן שוין אין מיינע אַלטע מאַנוסקריפּטן פון יאָר 1840 וועגן די געשעע־נישן פון דמשק.

„דער אופן און פאָרם, ווי די דאָזיקע פאַרפאָלגונג ווערט אויפגע־נומען אין אייראָפּע און אַפילו אין געבילדעטן דייטשלאַנד, דאַרף אַרויסרופן אַן איבערקערעניש אין יידנטום. דאָס באַווייזט נאָר, אַז צווישן די מערב־אייראָפּעאישע יידן און די אייראָפּעאישע פעלקער זיינען נאָך פאַראַן שייד־ווענט, ווי אין די צייטן פון טרויעריקן רע־ליגיעזן פאַנאַטיזם. אונזערע ברידער, וועלכע ווילן צוליב דער עמאַנציפּאַציע זיך און אַנדערע איינרעדן, אַז די מאָדערנע יידן האָבן נישט קיין נאַציאָנאַלן געפיל, ווייסן מער נישט ווו דער קאָפּ שטייט ביי זיי 1). זיי פאַרשטייען נישט ווי אַזוי מען קען אין איי־ראָפּע, אין ניינצנטן יאָרהונדערט, גלויבן אין אויגנבליק אין דעם בלוט־בלבול, אין דעם „ממזר־בלבול". פאַר אונזערע געבילדעטע דייטשע יידן איז דער יידן־האָס שטענדיק געבליבן אַ רעטעניש. האָבן דען די דייטשע יידן זייט מענדעלסאָנען נישט געשטרעבט צו זיין דייטשן און צו דענקען און פילן דייטש? זיינען זיי נישט גע־גאַנגען אין דעם „באַפרייאונגס־קריג"? זיינען זיי נישט געווען דייטשע פּאַטריאָטן און שונאים פון פראַנקרייך? האָבן זיי נישט נעכטן נאָך געזונגען מיט נ י ק אָ ל אַ ס ב ע ק ע ר: „זיי זאָלן אים נישט האָבן, דעם פרייען דייטשן ריין"? האָב איך נישט זעלבסט געמאַכט די נאַרישקייט און נישט אַריינגעשיקט דעם פּראָפעסער אַ מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע פאַר דער דאָזיקער „דייטשער מאַר־סעליעזע"?

מיט מיר האָט אָבער פּאַסירט דאָס זעלבע, וואָס מיט די דייי־טשע יידן בכלל נאָך זייער פּאַטריאָטישער באַגייסטערונג. דער דייטש האָט אויף מיין פּאַטריאָטישער צושריפט נישט נאָר געענט־פערט אין אַ זייער קאַלטן טאָן, נאָר האָט נאָך אויף דער אַנדערער זייט אויפגעשריבן מיט אַ פאַרשטעלטער האַנטשריפט: „דו ביזט אַ ייד". איך האָב בעקערס העפּ העפּ אָנגענומען פאַר אַ פּער־זענלעכע באַליידיקונג און האָב אים אָנגעשריבן אַ פּאָר בייסנדיקע ווערטער, אויף וועלכע בעקער האָט נישט געענטפערט. איצט וואָלט

איך ביי אים אפשר גאָר געבעטן מחילה. ער האָט מיך נישט גע־וואָלט באַליידיקן פּערזענלעך. מען קען נישט זיין אַ דייטשער שאָ־וויניסט און אַ יידן־פריינט, אַזוי ווייניק ווי אַן אָנהענגער פון מלחמה און פאָלקס־פרייהייט. דער דייטשער פּאַטריאָט ליבט אין זיין פאָ־טערלאַנד נישט דעם שטאַאַט, נאָר די ראַסן־הערשאַפט. ווי קען ער געבן גלייכבאַרעכטיקונג אַנדערע ראַסן, ווען זי איז נאָך אַן אויטאָפּיע פאַר די צאָלרייכע פאָלקס־קלאַסן אין דייטשלאַנד גופא!

דער סימפּאַטישער פראַנצויז אַסימילירט יעדן פרעמדן ראַסן־עלעמענט. אויך דער ייד איז דערין אַ פראַנצויז. ד ז ש ע פ ע ר־כ אָ ן האָט שוין געזאָגט בשעת דעם אַמעריקאַנישן באַפרייאונגס־קריג: יעדער מענטש האָט צוויי פאָטערלענדער, זיין אייגנס און פראַנקרייך. דער דייטש אָבער וויל באַזיצן פאַר זיך אַליין אַלע זיינע פאָטערלענדער און קעניגן. ער קען נישט אַסימילירן, עס פעלט אים די וואַרעמקייט.

אַזוי לאַנג ווי דער ייד האָט אַריבערגעטראָגן אַלע פאַרפאָלגונ־גען און דערנידעריקונגען אַלס אַ שטראָף פון גאָט און געהאָפט אויף דער גאולה, איז זיין שטאָלץ נישט צעבראָכן געוואָרן. פאַר די היינ־טיקע אויפגעקלערטע יידן איז אָבער יעדע פאַלשע אָנקלאָגע אַ קלאַפּ קעגן זייער ערע. וואָס העלפט זיי די עמאַנציפּאַציע, וואָס האָט עס פאַר אַ ווערט, ווען אַ ייד ווערט אַפילו גאָר אַ מיניסטער, ווען דער נאָמען ייד איז באַדעקט מיט אַ פלעק, וועלכן יעדער נאַרישער ייגגל, יעדער פינסטערער שמירער קען אויסנוצן מיט אַ זיכערן דער־פאָלג.

אַזוי לאַנג ווי דער ייד וועט פאַרלייקענען זיין נאַציאָנאַליטעט, ווייל ער וועט נישט וועלן מודה זיין זיין סאָלידאַריטעט מיט אַן אומגליקלעך פאַרפאָלגט פאָלק, מוז זיין פאַלשע שטעלונג ווערן אומ־דערטרעגלעכער יעדן טאָג. צו וואָס זאָל מען זיך נאַרן? די אייראָ־פּעאישע פעלקער האָבן שטענדיק באַטראַכט די עקזיסטענץ פון יידן צווישן פעלקער אַלס אומנאַרמאַל. מיר וועלן שטענדיק זיין פרעמדע צווישן די נאַציעס, וועלכע וועלן אונז אַפילו עמאַנ־ציפּירן פון מענטשן־ליבע וועגן, אָבער וועלן אונז קיינמאָל נישט אַכטן, אַזוי לאַנג ווי אונזער פּרינציפּ איז: ד אָ ר ט ן א י ז ד אָ ס פ אָ ט ע ר ל אַ נ ד, ו ו ו ע ס א י ז ג ו ט. נישט

קוקנדיק אויף דער אויפקלערונג און עמאַנציפּאַציע וועט דאָך דער ייד אין גלות, וועלכער פאַרלייקנט זיין נאַציע, נישט באַקומען די אַכטונג פון די פעלקער. נישט דער אַלטער פרומער ייד, וועלכער וואָלט זיך גיכער לאָזן אויסרייסן די צונג, איידער פאַרלייקענען זיין נאַציע, נאָר דער מאָדערנער ייד איז דער, וועלכער פאַרדינט פאַראַכטונג, וועלכער פאַרלייקנט זיין נאַציאָנאַליטעט, ווייל אויף איר ליגט די שווערע האַנט פון שיקזאַל. די שיינע פראַזן פון מענטשן־ליבע און אויפקלערונג, מיט וועלכע ער וואַרפט זיך אַרום, כדי צו פאַרדעקן זיין פאַראַט פון זיינע אומגליקלעכע פאָלקס־ברידער, וועלן אים נישט שיצן פאַרן אורטייל פון דער עפנטלעכער מיינונג. טוט אָן טויזנט מאַסקעס, פאַרענדערט די נעמען, די רעליגיע און זיטן, טרייבט זיך אַרום געגנבעטערהייט אין דער וועלט, כדי מען זאָל נישט דערקענען אין אייך דעם ייד; יעדע באַליידיקונג פון דעם יידישן נאָמען טרעפט אייך מער, איידער דעם ערלעכן מאַן, וועל־כער איז מודה אין זיין סאָלידאַריטעט מיט זיין פאַמיליע און שטעלט זיך איין פאַר איר כבוד".

* * *

איר זעט, מיין פריינדין, אַזוי האָב איך געקלערט אינמיטן פון מיינע קאַמפן פאַר דעם איראָפּעאישן פּראָלעטאַריאַט. מיין גלויבן אין משיחן איז געווען דאַמאָלסט אַזוי ווי היינט, דער גלויבן אין דער ווידעראויפלעבונג פון יידישן פאָלק. היינט, אַקוראַט ווי דאַ־מאָלסט, ווען איך האָב אַרויסגעגעבן מיינע ערשטע ביכער, גלויב איך נאָך, אַז דער קריסטנטום איז געווען אַ שריט אויף דעם וועג צו יענעם דערהויבענעם ציל, וועלכן די נביאים האָבן געשילדערט אַלס די ימות המשיח. היינט, אַקוראַט ווי דאַמאָלסט, גלויב איך נאָך, אַז די דאָזיקע גרויסע עפּאָכע הויבט אָן זייט ספּינאָזאַן אויפצושטייַן אין גייסט פון דער מענטשהייט. איך האָב אָבער קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז דאָס קריסטנטום איז דאָס לעצטע וואָרט פון דער הייליקער געשיכטע פון דער מענטשהייט, אָדער אַז די דאָזיקע גע־שיכטע האָט זיך געענדיקט מיט ספּינאָזאַן. מיר זוכן איצט אַ העכע־רע דערלייזונג, איידער דאָס קריסטנטום האָט אונז ווען עס איז גע־קענט געבן. דאָס קריסטנטום איז געווען דער נאַכט־שטערן, וועל־

בער האָט נאָך דעם זונען־אונטערגאַנג פון די אַמאַליקע פעלקער געבראַכט טרייסט און האָפענונג; עס האָט אַ לייכט געטאָן איבער די קברים פון די דערהרגעטע אַמאַליקע נאַציעס. די מיסיע פון קריס־טנטום, וואָס איז אַ רעליגיע פון טויט, האָט אויפגעהערט, ווי נאָר די פעלקער האָבן ווידער דערוואַכט צום לעבן. די געשיכטע פון די לעצטע דריי יאָר־הונדערטער גיט אונזביישפּילן דערפון אויף יעדן בלאַט. ס'איז גענוג, ווען איך מאַך אייך אויפמערקזאַם אויף די איצטיקע פּאַסירונגען אין איטאַליע. אויף די חורבות פון קריסט־לעכן רוים הויבט זיך אויף דאָס ווידעראויפגעלעבטע איטאַליע־נישע פאָלק. אַזוי ווי דאָס קריסטנטום, אַזוי האָט אויך דער מאָ־האַמעדאַניזם געלערנט די רעזיגנאַציע. זיי זיינען ביידע די אויפ־שריפטן אויף די מצבות, וועלכע דער באַרבאַרישער דרוק האָט געשטעל־ט אויף די קברים פון די נאַציעס. אַזוי לאַנג ווי די עסט־רייכער הערשן אין איטאַליע און די טערקן אין פּאַלעסטינע, האָבן דאָס איטאַליענישע פאָלק און דאָס יידישע נישט געקענט דער־וואַכן צום לעבן. די סאָלדאַטן פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע, די פראַנצויזן, צעברעכן די הערשאַפט פון די באַרבאַרן, זיי וואַרפן אַראָפּ מיט זייערע ריזן־הענט די מצבות פון די קברים, און די פעלקער לעבן אויף.

אין מזרח־איראָפּע, אין רוסלאַנד, פּוילן, פּרייסן, עסטרייך, טערקיי, לעבן מיליאָנען פון אונזערע ברידער, וועלכע בעטן צו גאָט פאַר דער גאולת ישראל. זיי האָבן בעסער פאַרהיט דעם לעבעדיקן קערענדל פון יידנטום, די יידישע נאַציאָנאַליטעט, איי־דער אונזערע ברידער פון מערב, וועלכע ווילן אַלץ ניי באַלעבן אין יידנטום, אַ חוץ דער הויפּט־זאַך, די האָפענונג אויף דער גאולה. צו יענע מיליאָנען טרייע ברידער וואָלט איך וועלן וואַנדערן און רופן צו זיי: טראָג הויך דיין פאָן, מיין פאָלק! אין דיר איז געבליבן דער לעבעדיקער זאָמען, וועלכער וועט נאָך ברענגען פרוכטן, ווען די האַרטע שאָלעכץ וועט צעבראָכן ווערן אין דער קולטיווירטער ערד פון דער קעגנוואַרט.

די פאַרגליווערטע אָרטאָדאָקסיע, וועלכע איז געווען באַרעכ־טיקט ביז היינט, קען צעבראָכן ווערן נאָר פון אינעווייניק, פון דער קראַפט פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט. נאָר פון דער נאַ־ציאָנאַלער ווידעראויפלעבונג וועט ציען דער רעליגיעזער געניוס

בייע קרעפטן און וועט באַהויכט ווערן פון דעם הייליקן גייסט פון די נביאים.

ביז איצט אָבער האָט זיך נאָך קיין קולטור־פּריינט, אַפּילו נישט מענדעלסאָנען, נישט איינגעגעבן צו צעברעכן די שאָלעכץ פון דעם ראַביניזם און נישט צעשטערן דערביי דעם אינעווייניקסטן וועזן פון יידנטום און נישט צו פאַרניכטן זיין הייליק לעבן.

## באַמערקונגען:

1) די אַלגעמיינע צייטונג פון יידנטום, וועלכע איז געוויינלעך נישט קולטור־פיינטלעך, האָט זיך דאַמאָלסט באַקלאָגט: „איראָפּע האָט קיינמאָל נישט פאַרשפּאָרט די אָנהענגער פון דער איזראַ־עליטישער רעליגיע אַ ווייטיק, אַ טרער, אַ קרענקונג”. וואָלטן יידן געווען נאָר אַ רעליגיעזע קאָנפעסיע, וואָלט דאָס געווען ווונ־דערבאַר, בפרט בנוגע צו דייטשלאַנד, ווו די יידן באַטייליקן זיך אַזוי שטאַרק אין דער קולטור. די לייזונג פון דאָזיקן רעטעניש ליגט דעריין, אַז די יידן זיינען נאָך אַ פאָלק, אַ נאַציע, וועלכע ווערט פאַרלייקנט און פאַרלאָזן פון אירע אייגענע קינדער און וואָס יע־דעס גאַסן־ייִנגל קען זי אויסשפּאָטן, וואָרום זי וואַנדערט היימאַט־לאָז אַרום אין דער גאַנצער וועלט.

---

## זעקסטער בריוו

די איידעלע פאַרטרעטער פון דעם דייטשן גייסט. — פּאַטריאַטישע יידן. — דער היסטאָריקער גרעץ. — מערסיער. — האַרבסט און פּרילינג פון דער וועלט־געשיכטע. — שבתי צבי. — חסידיזם. — נאַטור־רעליגיע און געשיכטע־רעליגיע. — די יידישע מוטער. — וויקטאָר הוגאָ. — בערנע, ברוך איטציק.

איר געפינט, אַז מיין אורטייל איבער די דייטשן און דער שטע־לונג פון די געבילדעטע דייטשע יידן צום יידישן פאָלק איז אַביסל צו אַבסאָלוט. ביי די דייטשן, זאָגט איר, זיינען פאַראַן אויך עכט הומאַניטאַרע גייסטער און ביי די פּראָמינענטע געביל־

דעטע יידן זיינען פאַראַן פיל, וועלעכע אָנערקענען זייער רעליגיע און פאָלק.

איך גיב דאָס צו. מיר קען נישט קומען מער אויפן זין, אָפּ־צולייקענען ביי דעם גייסטיק הויך שטייענדיקן דייטשן פאָלק די גייסטיקע קראַפט זיך אויפצוהויבן איבער די ראַסן־פאָראורטיילן. אַ פאָלק, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט מענער ווי לעסינג, הערדער, שילער, העגעל, הומבאָלד, מוז האָבן די פעאיקייט זיך אויפצוהויבן אויף דער העכסטער שטופע פון מאָראַל.

איך דערמאָן זיך דערביי אין אַ ביישפּיל, וואָס באַווייזט דעם כח פון דעם דייטשן גייסט איבער ראַסן־פאָראורטיילן, וועלכן מיר האָט דערציילט ל ו ד ו י ג ו ו י ה ל.

איר האָט געוויס געהערט מכח ה ע ק ע ר, וועלכער האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין דעם רעוואָלוציע־יאָר 1848. העקער, אַ ריינער דייטש, איז געווען אַ באַקאַנטער ליבעראַל אין באַדען. לכתחילה האָט דער דאָזיקער ליבעראַל געשטורעמט קעגן דעם יידישן „שונא״. העקער האָט פאַרעפנטלעכט אין פ ר א נ ק ־ פ ו ר ט ע ר ז ש ו ר נ אַ ל אַ גאַנצע ריי אַנאָנימע אַרטיקלען קעגן ד ע ר יי ד י ש ע ר ע מ אַ נ צ י פּ אַ צ י ע.

דער זעלבער העקער האָט אָבער אייניקע יאָר שפּעטער געמאַכט אין באַדען אַ ווענדונג צו דעם פאַרייניקטן בערלינער פאַרלאַמענט לטובת דער יידישער עמאַנציפּאַציע. ווען מען האָט אים דערמאָנט זיינע פריערדיקע יידן־פיינטלעכע איבערצייגונגען, האָט ער געענטפערט, אַז די פּרינציפּן פון רעכט און הומאַניטעט האָבן ביי אים מנצח געווען.

די דעמאָקראַטן פון 1848 האָבן אַריבערגעיאָגט די ראָמאַנטיש־פּאַטריאָטישע חברה פון דעם באַפרייאונגס־קריג, ווי י אָ ה ן, א ר נ ד ט און חברותא. איך גלויב אָבער, אויפן גרונט פון מיין לאַנגיאָריקער דערפאַרונג, אַז דייטשלאַנד איז סאָציאַל נאָך שטאַרק אָפּגעשטאַנען פון די ראָמאַנישע פעלקער. אין דייטשלאַנד מוז נאָך אויסגעקעמפט ווערן דער לעצטער ראַסן־קאַמף, איידער די דייטשן וועלן דורכגעדרונגען ווערן פון סאָציאַלער און הומאַניטאַרער בילדונג, אַזוי ווי די ראָמאַנישע פעלקער.

נאָך מער גיב איך צו אייער אָפּשוואַכונג פון מיין אורטייל בנוגע צו די געבילדעטע יידן פון מערב־אייראָפּע. איצט פילט זיך

אויך אין יידנטום אַן אָפּשוואַכונג פון דעם קאָסמאָפּאָליטיזם, וועל־כער, ווי ר ו ס אָ האָט זייער ריכטיק געזאָגט, ליבט די מענטשן פון דער ווייט, כדי נישט מחויב צו זיין צו ליבן זיי פון דער נאָנט. עס ווערן אומעטום דערוועקט בעסערע, נאַטירלעכערע און געזונ־טערע געפילן. אין אַמעריקע אַנטשטייען יעדן יאָר נייע יידישע געמיינדעס, אין פראַנקרייך אָרגאַניזירט זיך די חברה כל ישראל חברים, אין דער דייטשער און פראַנצויזישער ליטעראַטור האָבן שריפטשטעלער ווי ק אָ מ פּ ע ר ט, ס ט ר אַ ו ב ע ן, וו יי ל, ב ע ר נ ש ט יי ן אָנגעהויבן צו שילדערן דאָס יידישע לעבן. אין דער ליטעראַטור פון יידנטום האָט גרעץ דורך זיין ג ע ש י כ־ ט ע פ ו ן יי ד נ ט ו ם דערוואַרעמט די הערצער פון אונזער פאָלק פאַר זיינע העלדן און מאַרטירער.

פריער שוין האָט ג אַ ב ר י ע ל ר י ע ס ע ר, דעם נאָמען „ייד" געשטעלט אין שפּיץ פון אַ צייטשריפט, וועלכע האָט פאַרטיי־דיקט אונזערע פּאָליטישע און בירגערלעכע רעכט*). אויך ד"ר ל ו ד וו י ג פּ י ל י פּ ס אָ ן האָט שוין לאַנג קיין מורא נישט אָנצורופן דאָס קינד ישראל ביי זיין ריכטיקן נאָמען. ל ו ד וו י ג וו י ה ל באַזינגט מיט זיין מוזע די גרויסע געשעענישן פון אונ־זער אומשטערבלעכער נאַציע.

עס איז אַ צייכן פון דער צייט, ווען לודוויג וויהלס „וועסט־אָסטליכע שוואַלבן", וועלכע זיינען מיט פופצן יאָר צוריק גע־בליבן אומבאַמערקט אין דייטשלאַנד, זיינען איצט איבערגעזעצט געוואָרן אין פראַנצויזיש און לענקען די אויפמערקזאַמקייט פון דער פראַנצויזישער פּרעסע אויף דער יידישער נאַציע.

פּ י ע ר מ ע ר ס י ע ר, דער פראַנצויזישער איבערזעצער פון די „שוואַלבן", גיט אין זיין אָ פּ ה אַ נ ד ל ו נ ג וו ע ג ן ד ע ר יי ד י ש ע ר ל י ט ע ר אַ ט ו ר אַן אורטייל איבער דער דאָזיקער ליטעראַטור. אַלס קריסט פאַרשטייט ער אַפילו דעם יידנטום צו ספּיריטואַליסטיש. דאָך ווייזט אַרויס זיין אורטייל אַ גרע־סער פאַרשטענדעניש פון דעם רוח ישראל, איידער די דייטשע

---

*) נאָטע 4.

היסטאָריקער, וועלכע פאַרפאָלגן אונז מיט זייער יידן־האַס, ביז וויט אין דער תורה אַריין.

באַמערקונגסווערט איז זיין אורטייל וועגן דער נייער יידישער ליטעראַטור, אין וועלכער ער זעט אַ קעגנגיפט קעגן דער מאָדערנער ראָמאַן־ליטעראַטור. ער האָט אַ טעות, ווען ער האַלט דעם קוואַל, פון וועלכן די יידישע ליטעראַטור איז אַרויסגעקומען, פאַר אַ ספּיריטואַליסטישן. דאָס יידישע לעבן איז קיינמאָל נישט געווען ספּיריטואַליסטיש. אַפילו די איסיים איז נישט געווען קיין ספּיריטואַליסטישע סעקטע, אַזוי ווייניק ווי די ערשטע קריסטן. בשעת די דאָזיקע סעקטע איז געוואָרן ספּיריטואַליסטיש אין קריסטנטום, איז זי אָפּגעפאַלן פון יידנטום. זי איז פון דאַן אָן פאַרשווונדן פולשטענדיק פון יידנטום. יעדעס מאָל ווען עס טרעט אַריין אַ ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פון די היסטאָרישע פעלקער, אַנטשטייט אַ גרויסע באַוועגונג אין דעם פאָלק, וואָס איז דער טרעגער פון דער געשיכטע־רעליגיע. דער איבערגאַנג פון אַלטערטום אין מיטלאַלטער, האָט זיך געלאָזט אָנזאָגן דורך די גרויסע שטורעמס אין יידנטום, וועלכע האָבן באַשאַפן דאָס יידנטום און די שפּעטער פאַרשווונדענע יידישע סעקטעס. אויך היינט, אין דעם פרילינגסאָנקום פון דער מענטשהייט, קומען פאָר באַוועגונגען אינם יידנטום, פון וועלכע די וועלט וויים נאָך גאָרנישט, אָבער וועלכע האָבן נישט קיין קלענערע באַדייטונג, ווי יענע באַוועגונגען פון אַמאָל. אין אָנהויב פון דער מאָדערנער צייט, האָט אַרומגעכאַפּט די יידן פון מזרח און מערב־אייראָפּע אַ משיח־באַוועגונג, וואָס איר פאַלשער נביא איז געווען  ש ב ת י  צ ב י  און איר אמתער נביא ס פּ י נ אָ ז אַ. אויך די מאָדערנע צדוקים, פּרושים און איסיים, דאָס הייסט, די רעפאָרמאַטאָרן, אָרטאָדאָקסן און חסידים*) וועלן פאַרשווינדן אָן אַ שפור, ווען דאָס יידישע פאָלק וועט ווידער אויפלעבן. דאָס יידנטום לאָזט נישט צו ביי זיך קיין ספּיריטואַליסטישע און מאַטעריאַליסטישע סעקטעס. דאָס יידישע לעבן איז איינהייטלעך, ווי זיין געטלעכער אידעאַל, און איז קעגן דעם מאַטעריאַליזם, וועלכער איז נאָר די אַנדערע זייט פון דעם קריסטלעכן ספּיריטואַ־

*) נאָטע 6.

ליזם. איך רעד דאָ נישט פון פילאָזאָפישע סיסטעמען אדער רע־ליגיעזע דאָגמעס, נישט פון דער לעבנס־אַנשויאונג, נאָר פון לעבן, פון וועלכן זיי זיינען נאָר אַ פּראָדוקט. דאָס לעבן איז אַ פּראָדוקט פון דער ראַסע, וועלכע בויט אויף אירע סאָציאַלע אינסטיטוציעס לויט אירע איינגעבוירענע תכונות און נייגונגען. פון דער דאָזיקער געשטאַלטונג פון לעבן וואַקסט אַרויס די לעבנס־אַנשויאונג, וועלכע ווירקט אויפן לעבן, אָבער נאָר פאַרענדערנדיק און וואָס קען קיינ־מאָל נישט באַדייטנדיק ענדערן דעם אָריגינעלן טיפּ, וועלכער אַנט־שטייט שטענדיק אויפסניי.

איידער די גערמאַנישע ראַסן זיינען אַרויפגעטרעטן אויף דעם שוי־פּלאַץ פון וועלט־אַלטער, האָבן עקזיסטירט נאָר צוויי רעלי־גיעס, אַ נאַטור־רעליגיע און אַ געשיכטע־רעליגיע. די ערשטע האָט געפינען איר קלאַסישן אויסדרוק אין גריכנלאַנד, די צווייטע אין פּלשתנה. זייט דעם אויפטריט פון די גערמאַנישע ראַסן האָבן ביידע רעליגיעס אויפגעהערט. זייער אָרט האָט פאַרנומען די פאַר־געטלעכונג פון דעם איזאָלירטן אינדיווידואום. דאָס קריסטנטום האָט געפונען ביי די נאָרדישע ראַסן אַלס אַ נאַטירלעכע תכונה דאָס, וואָס ביי אים זעלבסט איז געווען נאָר דער פועל יוצא פון דעם אונטערגאַנג און דעם טויט פון די אַלטע פעלקער; איך מיין יענע לעבנס־אַנשויאונג, וועלכע זעט נישט אין דער נאַטור און נישט אין דער געשיכטע אַן איינהייטלעכן בונד, אַ געטלעך לעבן, נאָר זעט אומעטום נאָר איזאָלירטע עקזיסטענצן*).

אַזוי לאַנג ווי די גערמאַנישע ראַסן האָבן געהערשט אין איי־ראָפּע, האָט זיך נישט געקענט אַנטוויקלען קיין נאַציאָנאַל לעבן. די „רעליגיע פון ליבע”, אָפּגעטיילט פון דער רעליגיע פון דער נאַטור און געשיכטע, האָט געהאַט אין אויג נאָר די אינדיווידועלע דערלייזונג. די פאַרגעטלעכונג פון אינדיווידואום האָט זיך אויס־געפאָרעמט צום סוף אין אַן איבערגעטריבענעם פּרויען־קולט, וועל־כער רופט אַרויס ביי אונזערע יינגע מיידלעך היינט נאָך אַזוי פיל סימפּאַטיעס פאַר דעם קריסטנטום.

די יידן נאָר האָבן געהאַט אַ געזונטן חוש צו שטעלן די פּרוי־

*) נאָטע 6.

ר ע ד נ אַ ס ק ע ל אַ. מוטער־ליבע. דער אונטער עך־ליבע ווי יי ל לאָזט זאָגן אַ יידישער מוטער פֿאָלגנדיקע ווערטער: „דאַרף אַן ערלעכע יידישע מוטער זאָרגן וועגן ליבע? די ליבע איז לאַסטנ־דיקע געצנדינסט. אַ יידין דאַרף נאָר ליבן גאָט, אירע קינדער און אירע עלטערן". די אַלטע באָבע ביי ק אַ מ פּ ע ר ט זאָגט: „גאָט האָט נישט געקענט זיין אומעטום, דערפֿאַר האָט ער באַ־שאַפֿן די מוטער"... „די מוטער־ליבע איז אין יידישן ראָמאַן דער באַזיס פֿון דעם גאַנצן פֿאַמיליען־לעבן, זיין ליידנשאַפֿט, זיין גע־היימניש. דער זעלבער טיפּ פֿון דער יידישער מוטער, געפֿינט זיך אין אַלע יידישע ראָמאַנען. איך זע פֿאַר מיר דאָס בילד פֿון דער דאָזיקער יידישער מוטער, איר פּנים איז פֿריילעך אָבער בלאַס; אַ מעלאַנכאָלישער שמייכל שוועבט אויף אירע ליפּן; איר טיף אויג קוקט ווייט אין דער צוקונפֿט".

ווען איך לייענט די דאָזיקע ווערטער פֿון מערסיער, קלערט איר געוויס וועגן אייער אייגענער מוטער, אויך איך דערמאָן זיך דערביי אין מיין מוטער; איך האָב זי פֿאַרלוירן אַפֿילו אַלס יינגל פֿון פֿערצן יאָר, אָבער זי איז מיר ביז צו דער לעצטער צייט, יעדע נאַכט כמעט געקומען צו חלום. בשעת איך בין געווען זיבן יאָר אַלט, האָט זי מיר געזאָגט די ווערטער, וועלכע איך דערמאָן זיך נאָך ווי פֿון נעכטן. מיר זיינען שוין געלעגן אין בעט און איך האָב ערשט געענדיקט קריאת שמע. זי האָט צו מיר געזאָגט מיט אַ באַ־גייסטערטער שטים: „הער מיין קינד, דו מוזט נאָר פֿלייסיק לער־נען. מו״הריך איז איינער פֿון מיינע עלטער־זיידעס און דו האָסט דאָס גליק צו לערנען ביי דיין זיידן. עס שטייט, אַז ווו אַ זיידע מיט אַן אייניקל לערנען תורה, דאָרטן פֿאַרשווינדט שוין נישט די תורה פֿון קינד צו קינד".

די ווערטער פֿון מיין מוטער האָבן אויף מיר געמוזט מאַכן אַ טיפֿן איינדרוק, וואָרום איך דערמאָן זיך אין זיי נאָך עד היום, באָטש איך האָב וועגן יענעם וואָרט מכח זיידע און אייניקל קיינ־מאָל גאָרנישט געהערט און נישט געלייענט.

יאָ, די קינדער זיינען דער צענטער, אַרום וועלכן עס דרייט זיך דאָס גאַנצע יידישע לעבן און ליבע. די ליבע איז אין דעם יידישן האַרץ צו מעכטיק און צו אומענדלעך, אַז זי זאָל קענען בלייבן שטיין ביים געשלעכט און נישט אויסברייטערן זיך אויף

דורות פון דער צוקונפט. ווייל דאָס אויג פון דער יידישער ליבע קוקט אַזוי ווייט אין דער צוקונפט, דערפאַר זיינען געווען אַזוי פיל הייליקע נביאים צווישן יידן.

אַ פאָרפאָלק אָן קינדער, איז ביי יידן די שמערצלעכסטע זאַך. אַ מענטש אָן קינדער איז גלייכן געוואָרן צו אַ טויטן. נאָר די יידן קענען בעטן צו גאָט אין די ווערטער פון גרעסטן פראַנצויזישן ליריקער ווי קטאָר הוגאָ, גאָט זאָל פאַרהיטן צו זען „דאָס הויז אָן קינדער"...

מיטן דאָזיקן פערז, וועלכן מערסיער ציטירט, שליס איך אָפּ די דאָזיקע באַטראַכטונג, וועלכע איך האַלט פאַר וויכטיק צוליבן ווי־דערגעבורט פון אונזער פאָלק. אויב עס איז שוין אַ פריילעכע דער־שיינונג, אַז פאָעטן און שריפטשטעלער טרעטן אויף פאַר אונזער נאַציע, איז עס נאָך בעסער, וואָס דאָס פראַנצויזישע פאָלק ווערט באַקאַנט מיט די יידישע פאַטריאָטישע טענדענצן. וואָס וואָלט דאָס פראַנצויזישע פאָלק געדאַרפט וועגן אונז קלערן, ווען אין דעם פעלקער־פרילינג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָלט קיין פאַטריאָטישער קול פון אונזער צד נישט דערגרייכט אים? אַ דאַנק דעם פראַנצויזישן איבערזעצער פון די „שוואַלבן", איז די דאָזיקע שאַנד אַראָפּ פון אונז. אויב אַפילו די יידישע פאָלקס־שרייבער און פאָעטן האָבן נישט גערעדט וועגן אונזער פאָליטישן ווידערגעבורט, האָבן זיי דאָך געוויזן דער וועלט, אַז אין דעם אויפגעקלערטן יידנטום זיינען נאָך פאַראַן פאַטריאָ־טישע דערינערונגען, וועלכע קענען איבערגיין אין טאַט. איך צווייפל נישט, אַז איצט וועלן אויפגעקלערטע יידן זיין אַקוראַט אַזוי טעטיק פאַר דער פאָליטישער ווידעראויפלעבונג פון אונזער פאָלק, ווי אַנדערע האָבן געקעמפט אַמאָל פאַר דער עמאַנציפּאַציע פון די יידן אין גלות. דער יינגער יידישער דור וועט זיך אָנשליסן מיט באַגייסטערונג אין די יידישע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען און ווען די יוגנט וועט אויסשפּראָצן, וועט אויך דאָס פאַרדאַרטע האָלץ זיך באַדעקן מיט די בלעטער און בלומען פון ישראל. ביז איצט אָבער, מיין ליבע פריינדין, איז אין מערב־אייראָפּעאישן יידנטום נאָך זייער מעכטיק דאָס פאַרדאַרטע האָלץ פון דער אויבערפלעכלעכער אויפקלערונג. דער גרעסטער טייל פון די דייטשע יידן שעמען זיך נאָך אַלץ מיט זייער רעליגיע און פאָלק, ווי באַלד זיי קומען אין

באַרירונג מיט דער אייראָפּעאישער בילדונג. אונזערע יידישע דייטשע פּאַטריאָטן האָבן אָבער געהאַט אַ גרויסן טעות אין חשבון. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן מ יי ע ר ב ע ר ז, ווען ער האָט שטענדיק אויסגעמיטן אין ציטערניש צו באַארבעטן אַ יידישן שטאָף פאַר אַן אָפּערע. די יידן־פיינטלעכע אויגסבורגער אַלגעמיינע צייטונג דערמאָנט זעלטן מייערבערס נאָמען, אַז זי זאָל דערביי נישט צושרייבן: יעקב מאיר ליפּמאַן בעער! אויך דעם דייטשן פּאַטריאָט בערנע האָט עס נישט געהאָלפן, ווען ער האָט איבערגעטויפט זיין פאַמיליען־נאָמען ברוך. ער אַליין איז זיך מודה: „ווען מיינע קעגנער קענען גאָרנישט מאַכן מיט מיין בערנע", זאָגט ער ערגעץ ווו, „כאַפּן זיי זיך אָן אין מיין ברוך". איך זעלבסט האָב עס דורכגעמאַכט נישט נאָר ביי קעגנער, נאָר ביי מיינע אייגענע סאָציאַליסטישע גענאָסן, אַז זיי געברויכן ביי יעדן פּערזענלעכן שטרייט דעם דאָזיקן וואָפן פון העפּ העפּ, וועלכער מאַכט שטענדיק אַן איינדרוק אין דייטשלאַנד. איך מאַך זיי דעם געברויך פון דאָזיקן וואָפן נאָך באַקוועמער און נעם אָן פון היינט אָן דעם נאָמען משה און באַדויער נאָר, וואָס איך הייס נישט א י ט צ י ק.

---

## זיבעטער בריוו

דער רעפאָרם־שווינדל און די קריטיקלאָזע רעאַקציע. — לוטער און מענדעלסאָן. — דער שליסל צו דער רעליגיע פון דער צוקונפט. — די דריי עפּאָכן פון יידישן געזעץ. — דער ווידער־אויפבוי פון דער יידישער מלוכה.

אייער פראַגע באַווייזט מיר, אַז איר האָט זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט דעם יידנטום. איר זענט נישט קעגן דעם, אַז אונזער נאַציע זאָל ווערן אַ היסטאָרישע, איר מיינט אָבער, אַז דאָס איז נאָר אַ שיינער ווונטש; דאָס יידנטום עקזיסטירט זייט צוויי טויזנט יאָר שוין נאָר אין צעשטרייטע פאַמיליעס. דער רעליגיעזער בונד איז דורך דער באַרירונג מיט דער קולטור צעריסן געוואָרן. די רעפאָרם האָט עס געוואָלט אַביסל פאַרריכטן, האָט אָבער געמאַכט נאָך ערגער.

מיט דער אָרטאָדאָקסיע און דער רעאַקציע, וועלכע האַלט דאָס פּוי־לישע שטריימל פֿאַר אַ הלכה למשה מסיני, קען מען דאָך אַודאי גאָר־נישט מאַכן.

די פֿאָלגן דערפֿון זיינען, ווי איר מיינט, דער אינדיפֿערענטיזם, דאָס אָפּפֿאַלן פֿון יידנטום. מען קען קיינעם נישט מאַכן פֿאַראַנט־וואָרטלעך דערפֿאַר. די קראַפֿט פֿון די פֿאַרהעלטענישן האָט צעשטערט דאָס אָרטאָדאָקסישע יידנטום. צו וועלכער געמיינדע, זאָגט איר, צו וועלכער סינאַגאָגע זאָל מען זיך היינטיקע צייטן אָנשליסן? זאָלן מיר מאַכן, אַזוי רופֿט איר אויס, אונזערע געבילדעטע יידן אַ פֿאָרוואורף, ווייל זיי האָבן אָנשטאָט די שאָלעכץ פֿון דעם ראַבינער געבראַכט דאָס ליכט פֿון דער וויסנשאַפֿט?

ניין, ליבע פֿריינדין, מיר ווילן קיינעם נישט מאַכן פֿאַראַנטוואָרט־לעך פֿאַר אַ געפֿערלעכן, אָבער דאָך געזונטן און בויטיקן קריזיס, וואָס זיינע שלעכטע סימפּטאָמען זיינען שוין פֿאַריבערגעגאַנגען און וועלן זיך שוין נאָכאַמאָל נישט איבערחזרן. דאָס יידנטום איז איבערגע־שטאַנען זיין לעצטע גרעסטע סכנה. עס האָט קעגנער נישט פֿון דער זייט פֿון דער וויסנשאַפֿט, אָדער פֿון לעבן, נאָר פֿון די, וועלכע שטעלן זיך אַרויס אַלס זיינע פֿאַרטרעטער.

איך בין ווייט דערפֿון צו אונטערשאַצן די אַרבעטן פֿון יענע יידישע געלערנטע, וועלכע דער היינטיקער יידישער דור האָט אַלץ צו פֿאַרדאַנקען: בילדונג, רייכטום, שטעלונג און פֿאַרשריט און וועל־כע האָבן געהאָלפֿן אויפֿהאַלטן די ריינע יידישע פֿאַמיליע. יענע גע־לערנטע און לערער זיינען די יורשים פֿון אונזערע פֿאַרצייטיקע רבנים, וועלכע האָבן אין די צוויי טויזנט יאָר פֿון גלות געשיצט דאָס יידנטום. ווען זיי גייען אפֿילו, אַקוראַט ווי אונזערע דיכטער, מיט דעם אַלגעמיינעם שטראָם, דאַרף נאָר צוקומען אַן אויסערלעכע סיבה, כדי זיי זאָלן ווערן יידישע פּאַטריאָטן, ווי זיי זיינען דאָס איצט אין האַרץ. אַ סכנה איז געווען פֿאַרן יידנטום פֿון דער זייט פֿון די רעפֿאָרמאַטאָרן, וועלכע האָבן מיט זייערע צערעמאָניעס און אָפּגעשטאַנענע דרשות אויסגעזויגן פֿון יידנטום דעם מאַרך און האָבן איבערגעלאָזט פֿון דער דאָזיקער גרויסאַרטיקער דערשיינונג פֿון דער וועלט - געשיכ־טע נישט מער ווי אַ סקעלעט. זיי האָבן נישט געוואָלט אויפֿהויבן דאָס יידנטום אויף דער הויכקייט פֿון דער מאָדערנער וויסנשאַפֿט און פֿאַרשענערן און פֿאַראיידעלן דעם אַלטן רעליגיעזן קולט. זיי

האָבן נאָר געוואָלט דורכפירן אַ טויטע רעליגיע – רעפאָרם, וועלכע שטאַמט פון אַן אַנדער רעליגיע און וועלכע האָט נישט דעם קלענסטן אינהאַלט, נישט אין דער מאָדערנער וועלט און נישט אין דעם נאַציאָנאַלן יידנטום. איך פאַרשטיי דעם ווערט פון דער רעליגיעזער רעפאָרם פון ל ו ט ע ר אין דער קריסטלעכער צייט און די עסטעטישע רעפאָרם אין מ ע נ ד ע ל ס אָ נ ס צייט אין דער יידישער וועלט. יענע רעפאָרמאַטאָרן האָבן דורכאויס נישט געוואָלט אָנרירן דעם היסטאָרישן יסוד פון אַ קולט, וואָס מען קען נישט אויסקלערן בכונה אַ נייעם אויף זיין פּלאַץ. אונזערע היינטיקע רעפאָרמער אָבער ווילן דעם דאָזיקן יסוד זעלבסט רעפאָרמירן: זייער רעפאָרם האָט נאָר דעם נעגאַטיוון זין פעסטצושטעלן דעם אומגלויבן אין דעם נאַציאָנאַלן יסוד פון אונזער רעליגיע. זיי האָבן דערפאַר נאָר געשטיצט דעם אינדיפערענטיזם און דאָס אָפּפאַלן. אויב דאָס יידנטום איז נישט מער ווי אַ דאָגמאַטישע רעליגיע, וואָלט עס זיך געדאַרפט אויפלייזן אַזוי ווי דאָס קריסטנטום. די יידישע רעפאָרמאַטאָרן באַמיען זיך אָבער נאָר אויסצושיידן אַלץ פון דער לערע און דעם קולט, וואָס דערמאָנט אין דער יידישער נאַציאָנאַליטעט. זיי דוכט זיך אויס, אַז אַן אייגענער פאַבריצירטער סדור, אין וועלכן אַ פילאָזאָפישער טעאיזם איז אויסגעדריקט אין שירים און מוזיקנאָטן, אַז אַזאַ סדור איז ריינדיקער, איידער די אַלטע העברעאישע תפילות, וועלכע דריקן אויס דעם שמערץ וועגן דעם פאַרלוירענעם פאָטערלאַנד און וועלכע זיינען נאָך היינט דער בונד, וואָס פאַראייניקט אַלע יידן אויף דער גאַנצער ערד.

אונזערע רעפאָרמאַטאָרן האָבן געוואָלט מאַכן פון דעם נאַציאָנאַלן און הומאַנעם יידנטום אַ צווייט קריסטנטום לויט דעם ראַציאָנאַליסטישן צושניט. דער דאָזיקער שאָטן פון קריסטנטום איז אָבער גאַנץ איבעריק, ווען דער אָריגינאַל גופא ליגט שוין קראַנק פון שווינדזוכט. „די רעליגיע פון דער צוקונפט״, פון וועלכער איינִיקע פילאָזאָפן פון פאַריקן יאָרהונדערט און זייערע היינטיקע נאָכפאָלגער חלומען, וועט נישט זיין קיין קאַריקאַטור פון דער געצנדינערישער נאַטור־רעליגיע, נישט אַ שאָטן פון דעם ניי־קריסטלעכן און ניי־יידישן סקעלעט, וועלכער לעבט נאָך ווי אַ דבוק אין די קעפּ פון אונזערע רעפאָרמאַטאָרן. יעדע נאַציע מוז האָבן איר איי־

גענע געשיכטע־רעליגיע, יעדעס פאָלק מוז ווערן, ווי דאָס יידישע — גאָטס פאָלק.

די יידישע רעליגיע קומט נישט אַריין אין סכנה, אַזוי ווי די קריסטלעכע, דורך די הומאַניטאַרע און נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון אונזער צייט. עס איז אַ טעות, וועלכער שטאַמט נאָך פון קריס־טנטום, אַז אין אַ דאָגמאַט ליגט די גאַנצע וועלט־אַנשויונג. איך זאָג נישט מיט מענדעלסאָנען, אַז דאָס יידנטום האָט נישט קיין דאָגמאַט, איך זאָג נאָר, אַז זיין תורה איז קיינמאָל נישט געווען פאַרטיק און פאַרגליווערט, אַז זי האָט זיך שטענדיק ווייטער אַנטוויקלט אויף דעם יסוד פון דער געטלעכער איינהייט פון לעבן מיט דעם גייסט פון יידישן פאָלק און דער מענטשהייט. די פרייע אַנטוויקלונג פון דער תורה דורך לערנען און פאָרשן איז ביים ייד אַ הייליקער חוב. דאָס איז דער גרונט, פאַרוואָס דאָס יידנטום האָט קיינמאָל נישט אויסגע־שלאָסן דאָס פילאָזאָפישע דענקען און פאַרוואָס קיין עכטן ייד איז נישט געקומען אויפן שכל צו רעפאָרמירן דאָס יידנטום אויף דעם יסוד פון אַ פילאָזאָפישער וועלט־אַנשויאונג. דערפאַר זיינען אין יידנטום נישט אַנטשטאַנען קיין סעקטעס. אויב אין דער לעצטער צייט זיינען אַרויסגעטרעטן אין יידנטום אָרטאָדאָקסישע און נישט אָרטאָדאָקסישע דאָגמאַטיקער, זיינען דאָך אָבער נישט אַנטשטאַנען קיין סעקטעס, ווייל דאָס יידנטום האָט פלאַץ פאַר יעדער פרייער גייסטיקער שאַפונג. מיינונגס־פאַרשידנהייטן וועגן מעטאַפיזישע פראַגן האָבן שטענדיק עקזיסטירט ביי יידן. אין יידנטום זיינען נאָר פאַראַן אָפגעפאַלענע, וועלכע האָבן זיך איינגאַנצן אויסגעשלאָסן פון כלל ישראל.

„און אַזעלכע זיינען שוין נישטאָ", האָט מיר געענטפערט דערויף אַ רב, פאַר וועלכן איך האָב אויסגעדריקט די דאָזיקע מיינונג.

דאָס יידנטום אַלס נאַציאָנאַליטעט האָט אַ נאַטירלעכן יסוד, וועלכער קען נישט אַרויסגעשטויסן ווערן ווי אַן אמונה. אַ ייד גע־הערט לויט זיין אָפשטאַמונג שטענדיק צום יידנטום, כאָטש ער אָדער זיינע אבות זיינען געוואָרן מומרים. דאָס קען קלינגען פאַ־ראַדאָקסאַל, אין דער פּראַקטיק איז דאָס אָבער שטענדיק ריכטיק. אויך אַ געטויפטער ייד בלייבט אַ ייד, כאָטש ער קען זיך קעגן דעם ווערן. היינט קען מען שוין מער נישט אונטערשיידן צווישן אַ געשמדטן ייד און אַ נישט געשמדטן. מיין פריינט אַרמאַן ל., ווע־

מענס זיידע עס האָט זיך געשמדט, אינטערעסירט זיך מער וועגן ייִדן, איידער פיל געמלטע ייִדן און גלויבט אין דער ייִדישער נאַציאָנאַליטעט מער, איידער די אויפגעקלערטע רבנים.

דער ייִד איז מחויב נישט צו גלויבן, נאָר צו פאָרשן די תורה. דער פלאַכער ראַציאָנאַליזם באַגנוגנט זיך גרינג מיט דעם גלויבן. די דערקענטעניש אָבער אַנטוויקלט זיך מיט דעם אינדיווידואום און דער מענטשהייט, זי איז נישט איינמאָל פאַר אַלעמאָל פעסט און אָפּגעשלאָסן. אין ייִדנטום האָבן געקאָנט זיך אַנטוויקלען פאַרשיידענע לעבנס־אָנשויאונגען; פאַרן שפּעטערישן ייִדנטום זיינען די דאָזיקע אַלע לעבנס־אָנשויאונגען נאָר אַריבערגייענדיקע מאָמענטן, וועלכע ענדערן זיך לויט אויסערלעכע און אינערלעכע געשעענישן, אָבער וועלכע שפּיגלען אַלע אָפּ דעם אָריגינעלן טיפּ און באַשאַפן אים סוף כל סוף אויפסניי אַלס אַ רייפע פרוכט פון לעבנס־בוים.

די גרויסע דענקער און אידעלע כאַראַקטערן האָבן שטענדיק פאַרשטאַנען אויף אַזאַ אופן די ייִדישע געשיכטע־רעליגיע; זיי האָבן זיך נישט איינגערעדט, אַז זיי וועלן רעפאָרמירן דעם היסטאָרישן יסוד פון אונזער רעליגיע. סעדיה גאון און דער רמב"ם, ספּינאָזאַ און מענדעלסאָן זיינען נישט געווען קיין מומרים, כאָטש די פרומאַקעס האָבן זיי געוואָלט מחרים זיין און האָבן זיי אויך מחרים געווען. אויך אונזערע ראַציאָנאַליסטישע דאָגמאַטיקער וואָלטן די ספּינאָזיסטן מחרים געווען און געבלאָזן אין שופר, ווען זיי וואָלטן געהאַט די מאַכט דערצו.

זייענדיק אומבאַפרידיקט פון דער אָרטאָדאָקסיע און דער רעפאָרם פרעגט איר, אין וועלכער חברה מען זאָל זיך איצט אָנשליסן אין ייִדנטום? איך ווייס נאָר פון איין חברה און דאָס איז די אַלטע ייִדישע שול, וועלכע עקזיסטירט נאָך און וועט נאָך עקזיסטירן, ביז עס וועט זיך פאַרווירקלעכן די נאַציאָנאַלע אויפלעבונג פון ייִדישן פאָלק. ווען איך וואָלט געהאַט אַ פאַמיליע, וואָלט איך, נישט קוקנדיק אויף מיינע אַפּיקורסישע געדאַנקען, מיך אָנגעשלאָסן נישט נאָר אין עפנטלעכן לעבן אין אַ פרומער ייִדישער געמיינדע, נאָר אויך אין מיין פאַמיליע געהיט אַלע ייִדישע יום־טובים, כדי צו דערהאַלטן לעבעדיק ביי מיר און מיינע קינדער די ייִדישע טראַדיציע. איך וואָלט געוויס געהאָלפן פאַרשענערן די סינאַגאָגע און וואָלט

געטאָן פאַר דער וויסנשאַפטלעכער אויסבילדונג פון רבנים און לעדער. איך וואָלט געגעבן מיין האַנט צו רעפאָרמען, אָבער צו גאַנץ אַנדערע, ווי עס ווילן דאָס אונזערע רעפאָרמאַטאָרן. איך וואָלט נישט אָפּגעשאַפט קיין אַלטע מנהגים, נישט פאַרקריפּלט דאָס העברעאישע וואָרט, נישט פאַרקירצט די אַלע שבתים און יום־טובים. די חזנים און זינגער דאַרפן נישט זיין קיין טויטע אינסטרומענטן; די תפילות דאַרפן געדאַוונט ווערן פון פרומע לייט און קינדער און דאַרפן באַפרידיקן מער נאָך די פאָדערונגען פון רעליגיע, איידער פון קונסט. די שול איז נישט קיין טעאַטער און די חזנים זיינען עפּעס וואָס אַנדערש, איידער גוטע קאָמעדיאַנטן. וואָס עס קומט נישט פון האַרץ, גייט נישט אין האַרץ. קורץ, איך וואָלט אַלץ אונטערגעשטיצט, וואָס איז נוצלעך פאַר דער דערהויבונג און בילדונג פון דער געמיינדע. אין מיין אייגענער פאַמיליע וואָלט איך אָפּגעהיטן די טראַדיציע, איך וואָלט אָבער נישט אָנגענומען קיין רעליגיעזע גלויבונגען און דאָגמעס.

דאָס וואָלט בעסער געדינט דעם שלום אין די געמיינדעס און דער רעליגיעזער באַדערפעניש, איידער די רעפאָרמען, וועלכע יעדער גייסטיקער גאָרנישט מאַכט און וועלכע פאַרפרעמדן די נייע דורות פון יידנטום.

מען גיט אָפּ צו פיל כבוד דער רעפאָרם, ווען מען רופט זי אָן אַ פרייע גייסטיקע ריכטונג. נעגאַטיוו איז יעדע קריטיק, אַפילו אַ פרייע ריכטונג. די פּאָזיטיווע פרייהייט אָבער איז פרייע אַנטוויקלונג, און די ראַציאָנאַליסטישע רעפאָרם, וועלכע פאַרלייקנט דאָס וועזן פון יידנטום, די נאַציאָנאַליטעט, קען נישט זיין שעפעריש און דערפאַר קען זי נישט זיין פריי. פאַר דער קריטיק פון דעם אָפּגעלעבטן האָט זי זייער ווייניק אויפגעטאָן. אין דעם פּרט האָט אויפגעטאָן די רעוואָלוציאָנערע צייט און נישט די אַזוי גערופענע רעפאָרמאַטאָרן, די יידישע אָדער די קריסטלעכע. די מאָדערנע געזעלשאַפט, וועלכע איז אַרויסגעקומען פון דער רעוואָלוציע, איז אַ רעגענערירטע, זי רעפאָרמירט נישט, נאָר זי שאַפט נייעס. יעדע שאַפונג באַדאַרף עפּעס, פון גאָרנישט ווערט גאָרנישט. דער קערן פון די צוקונפטיקע סאָציאַלע שאַפונגען ליגט אין דער יידישער נאַציאָנאַל־הומאַניטאַרער רעליגיע. אַזוי לאַנג ווי די יידן האָבן נישט פאַרשטאַנען דעם רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער פון דער נייער צייט, וועל־

כער איז אויך זייער תוכן, זיינען זיי נישט פּריוויליק אַריינגעריסן געוואָרן אין דעם שטראָם פון דער מאָדערנער געשיכטע. דערצו איז גאָרנישט נויטיק געווען קיין רעפאָרם. אין פראַנקרייך און ביים ריין, ווו די מאָדערנע שטרעמונג איז שטאַרקער ווי אַנדערשווו, איז קיין רע־פאָרם נישט געווען, אָבער דער אידעאַל פון די רעפאָרמאַטאָרן, דער רעליגיעזער אינדיפערענטיזם, איז דאָרט דערגרייכט געוואָרן. די רע־פאָרם האָט נאָר פעסטגעשטעלט דעם אומגלויבן, וועלכער האָט שוין פריער עקזיסטירט און פון דער נעגאַציע געמאַכט אַ פּרינציפּ. מען וואָלט געקענט שענקען דער רעפאָרם דעם כבוד, ווען זי וואָלט זיך נישט וועלן דערביי אויך אַרויסשטעלן אַלס אַ פּאָזיטיווער פּרינציפּ און נישט פּרווון אָוועקשטעלן די תורת משה אַלס די פירערין פון דעם באַנייטן יידנטום, אין קעגנזאַץ צום תלמוד. דאָס איז נאָך אַ מער באַשרענקטער שטאַנדפּונקט, איידער דער אָרטאָדאָקסישער, אָפּצוזאָגן זיך פון תורת שבעל פה און אָנערקענען נאָר די תורה שבכתב. דער שטאַנדפּונקט איז דערביי אויך דורכאויס נישט היס־טאָריש. ביז צום גלות בבל און די סופרים זיינען תורת שבכתב און תורת שבעל פה גאָרנישט געווען אָפּגעטיילט איינס פון אַנדערן. ווי די פאַנאַנדערשיידונג פון תורה שבכתב און תורה שבעל פה איז פאָרגעקומען, איז נאָך נישט גאָר קלאָר היסטאָריש, אָבער דער גייסט פון די סופרים און אנשי כנסת הגדולה איז געווען אַקוראַט אַזאַ פרייער, הייליקער און פּאַטריאָטישער, ווי פון משה און די נביאים. יעדע באַפרייאונג פון סאָציאַל־פּאָליטישער קנעכטשאַפט איז אויך אַ גייסטיקע באַפרייאונג און באַפרוכפּערונג פון דעם נאַציאָ־נאַלן געניוס. די יידישע תורה האָט געהאַט צוויי הויפּט־עפּאָכן, נאָך דער באַפרייאונג פון דער עבודת מצרים און נאָך דער באַפרייאונג פון גלות בבל. די דריטע דאַרף ערשט קומען, דאָס איז די עפּאָכע נאָך דער באַפרייאונג פון דריטן גלות. די באַדייטונג פון דער צוויי־טער עפּאָכע איז פון אונזערע רעפאָרמאַטאָרן, וועלכע פאַרשטייען גאָרנישט דעם שעפערישן געניוס פון דער יידישער נאַציע, וויניקער פאַרשטאַנען געוואָרן איידער פון די רבנים, וועלכע האָבן געשטעלט עזראן אַזוי הויך ווי משהן. די תורה שבכתב האָט נישט קיין היי־ליקערן אורשפּרונג, איידער די תורה שבעל פה. פאַרקערט, פון דעם בית שני אָן איז די לעבעדיקע מסורה בעל פה באַטראַכט געוואָרן נאָך הייליקער, איידער די געשריבענע תורה. דאָס איז אויך פאַר־

שטענדלעך. דער נאַציאָנאַל־געזעצגעבנדיקער געניוס וואָלט אָפּגע־שטאָרבן, ווען ער וואָלט זיך נישט באַשעפטיקט מיט דער לעבע־דיקער אַנטוויקלונג פון דער תורה. אַ דאַנק דער באַשעפטיקונג האָט דאָס יידנטום אויפגעלעבט נאָך דעם גלות בבל און האָט זיך דער־האַלטן אין גלות. אים וועט עס אויך האָבן צו פאַרדאַנקען זיין צו־קונפטיקע נאַציאָנאַלע אויפלעבונג.

דערפאַר איז פאַרבאָטן געוואָרן צו שרייבן די תורה שבעל פה. וואָלט מען די תורה נאָר געלערנט בעל פה אין די שולן, וואָלט דאָס יידנטום נישט פאַרלוירן זיין נאַציאָנאַלן געניוס. אָבער מען האָט געמוזט אויפשרייבן די תורה שבעל פה, כדי זי זאָל נישט פאַרגעסן ווערן אין גלות. די סכנה איז היינט נישטאָ. פון דער אַנדערער סכנה פון פאַרשטיינערונג וויכן מיר דערמיט, וואָס מיר דערוועקן אין אונז קעגן דעם פאָרמאַליזם דעם גייסט פון קריטיק, קעגן דעם ראַציאָנאַליזם דעם הייליקן פאַטריאָטישן גייסט פון אונ־זערע נביאים, געזעצגעבער און סופרים. מיר דאַרפן זיך באַשעפטיקן מיט אונזער פאָלקס־געשיכטע און דערוועקן אין אונזער יוגנט ווי־דער יענעם גייסט, וועלכער איז דער אור־קוואַל, פונוואַנען עס האָבן געשעפּט אונזערע נביאים. ווען מיר וועלן שעפּן פון יענעם קוואַל, וועלן אונזערע תלמידי־חכמים באַקומען אין פאָלק דעם אויטאָרי־טעט, וועלכן זיי האָבן מיט רעכט פאַרלוירן זייט דעם מאָמענט, ווען זיי זיינען געוואָרן פרעמד צום גייסט פון יידנטום און האָבן עס געוואָלט רעפאָרמירן צוליב זייטיקע צוועקן. מיר וועלן באַקומען אין אונז די מאַכט צו אַנטוויקלען די תורה און צו רעפאָרמירן זי לויט דער באַדערפעניש פון יידישן פאָלק. ווען עס וועט קומען דער סוף פון יידישן גלות, דער ווידעראויפבוי פון דער נייער יידישער מלוכה, וועט מען אונז געפינען ריכטיק צוגעגרייט.

## באַמערקונגען:

1) ווען מען קען נישט מאַכן פון די תפילות געזאַנג־ביכער, באַגנוגנט מען זיך מיט וויניקער. ד"ר הירש, ראַבינער אין לוקסעמ־בורג, האָט אין די י"ח ברכות המחזיר שכינתו לציון רעפאָרמירט אין שאותך ביראה נעבוד! אַנדערע רעפאָרמאַטאָרן באַגנוגענען זיך דערמיט, וואָס זיי פאַרטרייבן די שיינע תפילה יגדל פון שול, וואָ־

רום אויך אין דער תפילה האָט דער משיח־גלויבן געפונען אַ פּאַ־
טעטישן אויסדרוק. אַקוראַט ווי דער גלויבן, וועלכער איז די נשמה
פון יידנטום, וואָלט נאָר געווען אויסגעדריקט אין די איינצלנע תפי־
לות און שירים און וואָלט נישט געווען דער תוכן פון דעם גאַנצן
יידישן קולט.

---

## אַ כ ט ע ר ב ר י ו

ניי אויפבליענדיקע יידישע ליטעראַטור. — לוצאטא, ראַפּאַפּאָרט,
פראַנקעל, קראָכמאַל. — זאַקס און היינע וועגן יהודה הלוי. —
מענדעלסאָן און די ניי מאָדישע. — שאָר. — סעקטאַנטן אָן
סעקטעס. — סאַלוואַדאָר. — רעליגיע־צונויפמישער און פריי־
מוירער. — הירש. — די כלומרשטע מיסיע פון יידן אין גלות.

איר האָט אַ טעות, ליבע פריינדין, ווען איר גלויבט, אַז נאָר
אונזערע אַזוי גערופענע אויפגעקלערטע האָבן זיך באַקאַנט מיט
דער וויסנשאַפט און קולטור פון דער צייט; אָבער אַז צווישן די פרו־
מע יידן הערשט נאָך פינסטערניש, וועלכע איז אַקוראַט אַזוי שעד־
לעך פאַר דער ווידעראויפלעבונג פון אונזער פאָלק, ווי דער מאָ־
דערנער אינדיפערענטיזם. זייט דער צייט, וואָס איך האָב מיך גע־
ווידמעט דער זאַך פון מיין פאָלק, בין איך פערזענלעך און דורך
זייערע שריפטן באַקאַנט געוואָרן מיט פרומע לייט פון דעם על־
טערן, אָבער נאָך מער פון דעם יינגערן דור. די פרומע יידן שטייען
נישט אָפּ אין וויסנשאַפטלעכער און ליטעראַרישער בילדונג, פאַר־
שטייען אָבער בעסער צו שעצן די נאַציאָנאַלע פאַרגאַנגענהייט און
צוקונפט פון אונזער פאָלק, איידער יענע אויפגעקלערטע קעפּ, ביי
וועלכע עס פעלט דער פילאָזאָפישער גייסט און דער היסטאָרישער
זין.

דאָס אָרטאָדאָקסישע יידנטום האָט אין ענגלאַנד, פראַנקרייך,
איטאַליע, דייטשלאַנד, אונגאַרן, פוילן, בעמען אַקוראַט אַזוי גוט
זיינע ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכע פאַרטרעטער, ווי דאָס אויפגע־
קלערטע יידנטום. צייט־שריפטן און פילאָזאָפישע ווערק ווערן פון
אונזערע פרומע ברידער אַרויסגעגעבן זייער אָפט אין לשון קודש

און זיינען דורכגעדרונגען פון דעם גייסט פון עכטער הומאַניטעט, אַזוי ווי די נאַציע, צו וועלכער זיי געהערן. די העברעאישע ליטע־ראַטור האָט אין אונזער יאָרהונדערט פון נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט, אַ דאַנק די אויסגעצייכנטע אַרבעטן פון ל ו צ אַ ט אַ, ר אַ פּ אַ־פּ אָ ר ט, פּ ר אַ נ ק ע ל, ק ר אָ כ מ אַ ל אאַ"וו דערוואַכט צו נייעם לעבן און אויך די דייטשע געבילדעטע ראַבינער באַנוצן שוין די העברעאישע שפּראַך אין זייערע בריוו. אַפילו דער פאַרשטאָר־בענער ה אָ ל ד ה יי ם האָט דאָך זיין לעצט בוך געשריבן אין לשון קדש און ש אָ ר, וועלכער איז אַזאַ שטאַרקער קעגנער פון דער אָרטאָדאָקסיע, ווי האָלדהיים, גיט אַרויס זיין צייט־שריפט „החלוץ" אין לשון קדש. דאָס נאַציאָנאַלע יידנטום האָט אפנים שוין היינט באַקומען אַ גרויסן איינפלוס, ווען אַפילו זיינע קעגנער מוזן באַטרעטן דעם נאַציאָנאַלן באָדן, כדי מען זאָל זיי הערן!

לייענט דאָך די „רעליגייעזע פּאָעזיע פון די יידן אין שפּאַניע" פון ד"ר זאַקס. דאָס ווערק איז געשריבן געוואָרן אין איידלסטן סטיל און וועט אייך איבערצייגן, אַז געבילדעטע און דערצו פרומע יידן ווירקן פיל בעסער אויפן יידנטום, ווי די רעפאָרמאַטאָרן. די רע־פאָרמאַטאָרן שפּיגלען נאָר אָפּ דאָס געבאָרגטע, קאַלטע ליכט פון דער אָפּגעשטאָרבענער אַסימילאַציע־עפּאָכע אויף די חורבות פון דער פאַרגליווערטער אָרטאָדאָקסיע, אָבער זיי אַליין טראָגן אין זיך נישט דאָס ליכט און נישט די וואַרעמקייט פון דעם נייעם לעבן.

איר ווייסט אפשר פון ה יי נ ע ס ראמאנצערא דעם טראַגישן סוף פון אונזער יידישן פּאַטריאָט און הייליקן זינגער יהודה הלוי, פון וועלכן די מעשה דערציילט, אַז ער איז געשטאָרבן אויף די חורבות פון ירושלים, וווהין עס האָט אים געטריבן די תשוקה צו די ארץ אבותינו. עס וועט אייך אינטערעסירן זיך עטוואָס צו דער־וויסן פון דעם לעבן און כאַראַקטער פון דאָזיקן פרומען זינגער, וועל־כער האָט באַרייכערט אונזער סדור מיט אַזאַ הערלעכער פּאָעזיע.

„ווער עס קען נישט", אַזוי שרייבט ד"ר זאַקס, „טעאָרעטיש לייזן דאָס פּראָבלעם, ווי אַזוי אַ צעשטרייט פאָלק קען האָבן אַ נאַ־ציאָנאַליטעט און אַ היימלאָז פאָלק אַ פאָטערלאַנד, דער וועט געפינען די זאַכלעכע פּראַקטישע לייזונג דערפון אין דער פּערזאָן פון דאָזיקן זינגער".

איך קען דאָ נישט פאַרשווייגן די באַמערקונג, אַז די שפּאַניש־

יידישע קולטור־עפּאָכע האָט פּראַקטיש געלייזט נאָך אַן אַנדער פּראָ־בלעם, דאָס פּראָבלעם, ווי מען קאָן זיין אין דער זעלבער צייט אַ פּאַטריאָטישער נאַציאָנאַלער ייד אין פולסטן זין פון וואָרט און דאָך זיך באַטייליקן אין דעם קולטור־לעבן און מלוכה־לעבן פון לאַנד, וווּ מען איז אַ בירגער, אַזוי אַז דאָס לאַנד זאָל ווערן אַ צווייט פאַ־טערלאַנד.

„די תשוקה צו דער שעה פון דער גאולה", אַזוי שרייבט ווייַ־טער זאַקס, „איז, פאַרשטייט זיך, ביי אַלע שפּאַנישע פּאָעטן דער הערשנדיקער שטריך. פאַל אָבער ווערן געטריבן צו אַזעלכע האָפע־נונגען און ווונטשן דורך דער שווערער צייט, אין וועלכער זיי לעבן. ביי ר' יהודה הלוי איז עס אַ קלאָר ליבנדיקער פאַרלאַנג, וועלכער דריקט זיך אויס אַמאָל קינדיש־איינפאַך און אַמאָל מיט פייערדיקער אינערלעכקייט. די ענערגיע און לעבעדיקייט, מיט וועלכער ער דריקט אויס דעם גלויבן אין דער דערלייזונג פון זיין פאָלק, איז נאָך שטאַרקער דערמיט, וואָס אין די שירים קלינגט נישט אָפּ די שווערע קעגנוואַרט, אַזוי אַז די משיח־האָפענונג איז ביי אים נישט דאָס פאַרצווייפלטע אַנטלויפן פון אַ טונקעלער אומגעבונג אין ליכ־טיקע הימלען. ער האָט אין זיך דעם צוטרוי, און די פרייד פון זיין גלויבן באַגייסטערט אים".

די דאָזיקע זעלבסטזיכערקייט און פרייד פון גלויבן דערמאָנט מיך ווידער אין מיין פרומען זיידן. ווען מען פלעגט צו אים רעדן מכּח פלענער פון דער צוקונפט, פלעגט ער זיי צוריקווייזן מיט דער באַמערקונג, אַז מיר דאַרפן אין גלות נישט מאַכן קיין פלענער פאַר דער צוקונפט, וואָרום די גאולה איז נאָענט. מיין זיידע איז נישט געווען קיין פּאָעט און נישט קיין נביא, נאָר אַ געשעפטס־מאַן, וועל־כער פלעגט ביי טאָג מאַכן מסחר און ביינאַכט לערנען תורה, ווי איך האָב אייך שוין פריער געשריבן. דאָס לערנען תורה איז אין גלות געוואָרן דער הויפּט־טייל פון נאַציאָנאַלן קולט. „דער בית מדרש, זאָגט ער, איז געוואָרן דער איינציקער מיטלפונקט פון זעלבשטענ־דיקן לעבן און די תלמידי חכמים זיינען געוואָרן די טרעגער פון דער גייסטיקער נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ט ע ט". די סינאַגאָגע איז געווען אַ בית התפילה און אַ בית המדרש. זי רופט זיך דערפאַר נאָך עד היום ביי די דייטשע יידן „שול". דער אייגנטימלעכער נאַ־ציאָנאַלער קולט, וועלכער באַשטייט אין לערנען און אין דער אָפּ־

היטונג פון טויזנטער קליינע דינים, מיט וועלכע דאָס יידנטום האָט זיך אַרומגעצוימט, כדי צו באַשיצן זיין גאַנצקייט אין גלות, אַזוי ווי אַמאָל שוין קעגן דעם העלעניזם, די דאָזיקע יוריסטיש־רעליגיעזע דינים, וועלכע דרינגען דורך דאָס גאַנצע לעבן פון יידן, ווערן אויסגעשפּאָט פון פוסטע קעפּ. פון פוסטע קעפּ, וועלכע פאַרשטייען נישט דעם טיף־פּאַטריאָטישן זין פון די דינים און וועלכע האַלטן זיך פאַר אויפגעקלערט, ווייל זיי האָבן זיך אָפּגעווענדעט פון די פאָלקס־טראַדיציעס. עס איז נאָך אַלץ דאָס אַלטע אומגליק, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן גלייך נאָך מ ע נ ד ע ל ס אָ נ ע ן און האָט מענדעלסאָנען זעלבסט געקאָסט גענוג שמערצן. וואָרום שוין אין דער צייט פון מענדעלסאָנען זיינען אויפגעטרעטן יענע „ניי מאָדישע", וועלכע מעסטן זייער אויפקלערונג נאָך דעם גראַד פון זייער אָפּטיילן זיך פון יידנטום און באַקומען צום סוף אין דעם טויף־צעטל אַ צייגניש פאַר מלוכה־פּאָסטנס. פון יענע ערשטע צייטן פון דער יידישער אויפבליאונג איז פאַראַן אַן אַנעקדאָט, וועלכער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער עפּאָכע. אַ ייד איז געקומען צו מענדעלסאָנען און האָט זיך באַרימט מיט די פילאָזאָפישע פעאיקייטן פון זיין זון. אויף מענדעלסאָנס פראַגע, אין וואָס אייגנטלעך האָבן זיך די פעאיקייטן פון דעם זון אויסגעדריקט, האָט דער גליקלעכער פאָטער געענטפערט, אַז דער זון לייגט שוין זייט פיל חדשים קיין תפילין נישט!

איר ווייסט, אַז תפילין איז אַ מצוה מן התורה. די תורה פאַרזאָגט, אַז מען זאָל געדענקען די געטלעכע לערע און מען זאָל זי אויפשרייבן איבער דער טיר, מאַכן אַ סימן פון זיי אויף די עקן פון בגד, מאַכן אַ סימן פון איר אויף דער האַנט און אויפן שטערן צווישן די אויגן. מען געפינט ווירקלעך אויף די אַלטע עגיפּטישע מאָנומענטן יידן מיט ציצית, אַ סימן, אַז דער מנהג איז זייער אַלט. אויב אָבער אַפילו תפילין איז נישט אַזאַ אַלטער מנהג, ווי ציצית, אַזוי ווי דאָס מיינט ש אָ ר, זיינען דאָך אָבער יענער אויפגעקלערטער זון און זיין גליקלעכער פאָטער אַזוי וויניק באַקאַנט געווען מיט שאָרס פאָרשונגען, ווי מענדעלסאָן זעלבסט, וועלכער האָט געלייגט יעדן טאָג תפילין און אָפּגעהיטן אַלע יידישע דינים און פירונגען. די אויפגעקלערטע תלמידים האָבן קיינמאָל נישט געקענט פאַרשטיין מענדעלסאָנס טרייקייט צו אונזערע אַלטע יידישע טראַדי־

ציעס. מענעדלסאָנס שטעלונג צום אָרטאָדאָקסישן יידנטום איז אי־בערהויפּט נישט געווען קיין רעזולטאַט פון זיין דענקען, נאָר די נאַטירלעכע שטרעמונג פון זיין יידישן געפיל. זיין פיינער טאַקט האָט עס ריכטיק געפילט, אַז ווען מען זאָגט זיך אָפּ פון די יידישע טראַ־דיציעס, זאָגט מען זיך אָפּ פון יידנטום בכלל. מען קען די טראַדיציעס דערקלערן און אַרויסברענגען זייער אַנטשטייאונג דורך היסטאָרי־שער קריטיק, אָבער נישט אוועקוואַרפן זיי און אויסשפּאָטן פון איב־דיפערענטיזם און מאָדע־יאָגעניש. איר, וועלכע דערקלערט די לערע און געבאָטן פון אונזערע חכמים פאַר נאַרישקייטן, זאָגט, וואָס וואָלט געוואָרן פון יידנטום און יידן, ווען זיי וואָלטן זיך נישט ביז צום טאָג פון זייער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג אַריינגעשפּונען אין זייער תלמוד, כדי זיך ערשט שפּעטער נאָך זייער פולער גייסטיקער ווידערגעבורט ווי אַ שמעטערלינג אויפהויבן צו דער זון, נעבן אַלע איבעריקע פריי געוואָרענע נאַציעס? וואָלטן זיי זיך געקענט דער־האַלטן אַכצן הונדערט יאָר און וואָלטן זיי זיך געקענט באַטייליקן אין דער קריסטלעכער און מאַכמעדאַנישער רעליגיע, וואָלטן זיי דען נישט לאַנג שוין פאַרשוווּנדן אַלס נאַציע פון דער ערד, ווען זיי וואָל־טן זיך נישט געשאַפן אומעטום מיט זייער לעבנס־פירונג אַ הייליקן באָדן, נאָכדעם ווי זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון הייליקן לאַנד פון זייערע אבות?

עס פאַרשטייט זיך, ווען עס פעלט דער חוש פאַר געשיכטלע־כער אַנטוויקלונג, יענעם איז עס גלייכגילטיק, צי די יידישע נאַציע איז געבליבן לעבן, אָדער זי וואָלט אונטערגעגאַנגען. יענע גרויסע אָרגאַנישע שאַפונג פון דער יידישער ליטעראַטור, וועלכע איז דורך דריי טויזנט יאָר אַרויסגעוואַקסן מיט אינערלעכער נויטווענדיקייט פון דעם נאַציאָנאַלן וועזן פון יידנטום, זעט אויס ביי אונזערע ראַ־ציאָנאַליסטישע קליין־גייסטער, ווי אַן איבעריקע פלאַנצונג, וועלכע האָט געדאַרפט גיך און ראַדיקאַל אויסגעוואָרצלט ווערן, וויבאַלד זיי זיינען געוואָרן קלוג. די קאַרליקעס פון אַ ריזן־גרויסער צייט ווייסן נישט, אַז זייער גאַנצע עקזיסטענץ איז שוין היינט אַ פאַרעלטערטע. פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אין יאָרהונדערט פון דער „קריטיק פון ריינעם שכל", איז דער ראַציאָנאַליזם געווען באַרעכ־טיקט. היינט, בשעת דער דאָגמאַטיזם איז שוין צעבראָכן געוואָרן, האָבן מיר די באַדערפעניש צו שאַפן מיט אונזער פריי געוואָרענעם

גייסט און זיך דערפֿאַר צו פֿאַרבינדן מיט די שעפֿערישע גייסטער פֿון אַלע צײַטן און נישט בלייבן פֿאַראײנס ביי נעגאַטיווער קריטיק, וועלכע האָט פֿאַר אונז קיין ווערט נישט. די באַדערפֿעניש צו נייע שאַפֿונגען פֿילן, פֿאַרשטייט זיך, אויך די יידן, וועלכע זיינען אומבּעאײַק צו פֿאַרשטיין דאָס שעפֿערישע אין דער התגלות פֿון דעם יידישן גייסט און קענען נישט ווייטער בויען אויפֿן דאָזיקן יסוד. אין זייער גייסטיקער הילפֿלאָזיקייט אָבער כאַפּן זיי זיך אָן אין אויסערלעכע צערעמאָניאַלע מיטלען, וועלכע פֿליסן נישט פֿון דעם טיפֿן לעבנס־ברונעם פֿון אונזער נאַציע.

אין יידנטום, אַזוי ווי אין דער גאַנצער וועלט, זיינען פֿאַראַן צוויי ריכטונגען, וועלכע זיינען אַפֿילו אַנטקעגנגעזעצט, אָבער וועלכע שטאַמען ביידע פֿון דער באַדערפֿעניש צו געפֿינען אָביעקטיווע אמתן, און פֿון דער אומפֿעאיקייט די דאָזיקע אמתן צו באַשאַפֿן. אייניקע קערן זיך דערפֿאַר אום צו דעם אַלטן קריטיקלאָזן גלויבן, וועלכער האָט אָבער פֿאַרלוירן ביי זיי דעם אמתן קריטיקלאָזן נאַאיוון כאַראַקטער. אין זייער פֿאַרצווייפֿלטן פֿאַרלאַנג צו ראַטעווען זיך פֿון ניהיליזם, פֿאַרבלייבן זיי אין באַוווּסטזיניקן ווידערשפּרוך מיטן שכל. די פֿאַרצווייפֿלטע רעאַקציע, וועלכע טרעט אַרויס קעגן די נצחונות פֿון שכל און דער רעוואָלוציע, איז אין דער קריסטלעכער וועלט באַקאַנט אַלס סופּערנאַטוראַליזם. אין דער יידישער וועלט ווערט זי פֿאַרטרעטן פֿון רבי רפֿאל הירש אין פֿראַנקפֿורט און אַנדערע ווייניקער באַגאַבטע גייסטער, אָבער אויך פֿון פֿיל רייבע עם־הארצים און צבועים, וואָס איר קענט בלייבן אומבאַקאַנט מיט זייערע נעמען. קעגן די דאָזיקע רעאַקציאָנערן האָבן די נעגאַטיווע רעפֿאָרם־שטרעבונגען אַ געוויסע באַרעכטיקונג אַלס קעגן־גיפֿט. כאָטש דער אַבסטראַקטער שכל, אויף וועלכן די רעפֿאָרם שטיצט זיך, קען קיינמאָל נישט פֿירן צום אָביעקטיוון אמת. דערפֿאַר איז די גאַנצע רעפֿאָרם אינדיווידועל צעריסן און צעשפּאָלטן. די מאָדערנע רעליגיע־רעפֿאָרמער און רעליגיע־פֿאַבריקאַנטן זיינען סעקטאַנטן אָן סעקטעס. יעדער פֿון אונזערע יידישע פּראָטעסטאַנטן האָט זיין אייגענעם שולחן־ערוך. פֿון דעם כאַאָס פֿון מיינונגען וועט זיך געוויס אַנטוויקלען אַ ניי לעבן, וואָס הויבט שוין אָן זיך אַרויסצווייזן ביי דעם יינגן דור פֿון אונזערע יידישע געלערנטע און וואָס וועט ברענגען

גאַנץ אַנדערע רעזולטאַטן, איידער מען האָט זיי ביז איצט דערוואַרט צווישן די דייטשע קולטור־יידן.

אויך דאָס פראַנצויזישע יידנטום, אין וועלכן עס איז נאָך נישט פאָרגעקומען קיין שפּאַלטונג צווישן רעפאָרם און אָרטאָדאָקסיע און וועט אויך אויף להבא נישט מער פאָרקומען, איז דאָך נישט געבליבן פריי פון דער טענדענץ, צונויפצומישן די פאַרשידענע היסטאָרישע קולטן, וועלכע זוכט צו דערגרייכן איר ציל דערמיט, וואָס זי נעמט אַוועק פון די קולטן זייער היסטאָרישן און באמת כאַראַקטעריסטישן אינהאַלט.

איר האָט שוין געוויס געהערט פון דזשאָזעף ס אַ ל וואַ ד אָ ר, דעם פּראָפעסער פון דעם ווערק: ג ע ש י כ ט ע פ ו ן ד ע ר אי נ ס ט י ט ו צ י ע פ ו ן מ ש ה א ו ן פ ו ן ד ע ם יי ד י־ ש ן פ אָ ל ק. נישט לאַנג האָט סאַלוואַדאָר אַרויסגעגעבן אַ ווערק אונטערן נאָמען: פּאַריז, רוים, ירושלים, פון וועלכן איר ווייסט, אַגב אורחא, קענען זען, אַז אפילו צווישן אונזערע אויפגעקלערטע ברידער זיינען פאַראַן טרוימער פון דעם ווידעראויפבוי פון ירושלים און פון דעם בית המקדש. אָבער זייער נייער בנין פון ירושלים און דעם בית־המקדש וועט נישט געפעלן נישט די פרומע און נישט די אויפ־געקלערטע יידן און קריסטן. זייער נייער ירושלים דאַרף זיין די וועלט - הויפּט - שטאָט פון אַלע רעליגיע - צונויפמישער. סאַלוואַדאָר מיינט נאָך, אַז די יידן מוזן פריער ווערן קריסטן, כדי דערנאָך מאַכן די קריסטן פאַר יידן. די דאָזיקע אַרבעט האָט זיך אָבער שוין אָנ־געהויבן מיט אַכצן הונדערט יאָר צוריק, און איז דערפאַר נישט אַזוי ניי, ווי סאַלוואַדאָר מיינט. דאָס יידנטום, וואָס סאַלוואַדאָר האָט זיך געמאַכט אין זיין קאָפּ, איז, פאַרשטייט זיך, אַזוי ניי, ווי זיין קריס־טנטום.

אַנדערע רעליגיע־צונויפמישער, ווי מיין פריינט ה י ר ש פון לוקסעמבורג, ווילן באַנוצן דאָס פריימויערערטום, כדי צונויפצו־שמעלצן אַלע היסטאָרישע קולטן. דער לוקסעמבורגער ראַבינער הירש, דער היפּך פון דעם פראַנקפורטער ראַבינער הירש, האָט אין זיינע אויסגעצייכנטע פאָרטראַגן, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין דער לוקסעמבורגער לאָזשע און אַרויסגעגעבן אונטער דעם נאָמען: „די הומאַניטעט אַלס רעליגיע" דערפירט דעם געדאַנק פון רעליגיע־צונויפמישונג ביז צום לאָגישן סוף. די יידישע גלחים דאַרפן איצט

נאָר צומאַכן זייערע רעפאָרם־טעמפּלען און שיקן זייערע יידישע קירכן־קינדער אין דעם טעמפּל פון די פריימויערער. די קאָנסעקווענצן פון דער רעפאָרם האָבן, קעגן איר אייגענעם רצון, באמת געפירט אויפן דאָזיקן וועג אַלע יידן, וועלכע האָבן זיך גערעכנט ערנסט מיט די דרשות פון די יידישע פּרעדיקער, ווי איר ווייס עס זייער גוט אַלס פראַנקפורטער קינד. אומזיסט האָט מען שפּעטער פאַרפּוצט די דרשות וועגן רעליגיע ־ פאַרמישונג מיט תלמודישע מאמרים און ווערטער, עס איז שוין געווען צו שפּעט, און מען האָט געמוזט פּרעדיקן די דרשות פאַר פּוסטע בענק.

אונזערע יידישע ראַציאָנאַליסטן, וועלכע האָבן קיין גרונט ניט צו בלייבן אין יידנטום, אַזוי ווי די קריסטלעכע ראַציאָנאַליסטן האָבן נישט קיין גרונט צו בלייבן אין קריסטנטום, זיינען אַקוראַט אַזוי ווי יענע דערפינדעריש אין דער אויסקלערונג פון גרונטן פאַר דער דערהאַלטונג פון אַ רעליגיע, וועלכע האָט פאַרלוירן פאַר זיי יעדן זין — לויט זייער מיינונג איז דער גלות פון יידן די מיסיע פון יידנטום. די יידן אין גלות דאַרפן אַלזאָ נאָך אַ סך זאַכן באַזאָרגן! ערשטנס דאַרפן זיי פאַרטרעטן דעם „ריינעם" מאָנאָטעאיזם קעגן דעם קריסטנטום. צווייטנס דאַרף דאָס „טאָלעראַנטע" יידנטום לערנען דעם נישט טאָלעראַנטן קריסטנטום הומאַניטעט. ווייטער דאַרף דאָס יידנטום אין גלות זיך מיען, אַז די לערע און דאָס לעבן, וועלכע זיינען אין קריסטנטום צעריסן, זאָלן זיך ווידער פאַראייניקן. — איז דאָס שוין אַלץ? ניין, די יידן זיינען אויך נויטיק פאַר די גוים, צווישן וועלכע זיי לעבן, צוליב דער אַנטוויקלונג פון האַנדל און אינדוסטריע, און זיי טראָגן אויך אַריין גייסטיקע אומרואיקייט. יאָ, איך האָב אַפילו געהערט, אַז די אינדאָ־גערמאַנישע ראַסע מוז פאַרבעסערט ווערן דורך דער יידישער!

אָבער איר דאַרפט וויסן, אַז פון אַלע אמתע און אויסגעטראַכטע טובות, וועלכע די יידן האָבן אין גלות געבראַכט דער ציוויליזירטער וועלט, וועט קיין איינע נישט גיין לאיבוד, ווען עס וועט זיין אַ יידישע מלוכה. וואָרום אַזוי ווי אין בית שני זיינען נישט אַלע יידן צוריקגעקומען אין ארץ־ישראל, נאָר דער גרעסטער טייל איז געבליבן אין דאַמאָלסדיקן גלות, אַזוי קענען מיר נישט דערוואַרטן ביי דער צוקונפטיקער אויפלעבונג אַזאַ וווּנדער. איבריקנס דוכט זיך מיר, אַז די יידישע טובות פאַר דער וועלט זיינען אַביסל איבערגע־

טריבן. עס איז אַ פֿאַרעלטערטע זאַך, ווען מען גיט ייִדן מיסיעס, וועלכע זיי האָבן געהאַט אין אַלטערטום, אפשר טיילווייז נאָך אין מיטלאַלטער, וועלכע זיי קענען אָבער איצט מער נישט האָבן. וואָס איז נוגע דער איינהייט פֿון דער לערע און דעם לעבן, איז זי נאָר מעגלעך ביי אַ נאַציע, וועלכע איז אָרגאַניזירט אין אַ מלוכה און פֿאַרווירקלעכט זי אין די סאָציאַלע אינסטיטוציעס. פֿון וועלכע ייִדן אין גלות זאָלן זיך די קריסטן אייגנטלעך לערנען טאָלעראַנץ און מענטשלעכקייט? ווען מען גיט די ייִדן די מיסיע צו באַפֿרייען די וועלט פֿון פֿאַנאַטיזם און אַבערגלויבן, מיינט מען דאָס א ו י פ ג ע ק ל ע ר ט ע ייִדנטום. איז דען אָבער דער אויפֿגעקלערטער ק ר י ס ט נישט באַרעכטיקט צו ענטפֿערן דעם אויפֿגעקלערטן ייִד דאָס זעלבע, וואָס ל ע ס י נ ג לאָזט זאָגן אין זיין נ ת ן ד ע ר ח כ ם דעם אויפֿגעקלערטן קריסט צו דעם אויפֿגעקלערטן ייִד?

„וואָס עס מאַכט מיך פֿאַר אייך אַ קריסט,
דאָס מאַכט אייך פֿאַר מיר אַ ייִד".

אָדער, ווען פֿאַרקערט, דער א ו י פ ג ע ק ל ע ר ט ע ר ייִד זאָל קענען זאָגן צום אָ ר ט אָ ד אָ ק ס י ש ן קריסט: דיין גלויבן איז אַבערגלויבן, דיין רעליגיע איז פֿאַנאַטיזם, קען דאָך דער אויפֿגעקלערטער קריסט זאָגן עפּעס ענלעכעס צום אָרטאָדאָקסישן ייִד לטובֿת דער קריסטלעכער רעליגיע! אונזערע אויפֿגעקלערטע קולטור־ייִדן, וועלכע באַשולדיקן די קריסטן אין דעם באַגער צו פֿאַרפֿאָלגן, דענקען אַקוראַט אַזוי, ווי בעטמאַן־האָלוועג, וועלכער מאַכט דעם זעלבן פֿאָרוואָרף די ייִדן. דורך אַזעלכע דערקלערונגען ווערט די געשיכטע נישט געענדערט און ווערט נישט געשטערט אין איר לויף.

פֿון א ו י פ ג ע ק ל ע ר ט ן שטאַנדפּונקט זע איך נישט קיין גרונט פֿאַר דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פֿון ייִדנטום אָדער פֿון קריסטנטום. דער ייִד, וועלכער גלויבט נישט אין דער נאַציאָנאַלער אויפֿלעבונג פֿון זיין פֿאָלק, קען נאָר אַרבעטן, אַזוי ווי דער קריסט, פֿאַר דער א ו י פ ל יי ז ו נ ג פֿון זיין רעליגיע. איך פֿאַרשטיי, אַז מען קען האָבן אַזאַ מיינונג. איך פֿאַרשטיי אָבער נישט גוט, ווי אַזוי מען קען אַרבעטן אין דער זעלבער צייט פֿאַר אויפֿקלערונג און פֿאַר דער „מיסיע פֿון ייִדנטום אין גלות", דאָס הייסט זיין

באַגייסטערט פאַר זיין אויפלייזונג און פאַר זיין ווייטערדי־קער דערהאַלטונג.

### באַמערקונג:

1) נאָכדעם ווי איך האָב געשריבן די דאָזיקע שורות, איז פיל מאָל אויסגעדריקט געוואָרן די מיינונג, אַפילו צווישן די פרומסטע יידן און קריסטן, אַז דער אויפבוי פון אַ יידישער מלוכה איז מעג־לעך אויף אַ נאַטירלעכן אופן. (זע נאָטע 10).

---

## ניינטער בריוו

אַ דילעמע. — היליקע געשיכטע פון דער מענטשהייט. — אונזערע בונדעס־גענאָסן. — איינהייט פון מענטשן־געשלעכט. — ראַסן און פאָלקס־טיפּן. — אָרגאַניזם פון דער מענטשהייט. — אָרגאַן פון ליבע.

איר שטעלט אויף אַ דילעמע, אָדער מען מוז מיט דעם לוקס־עמבורגער הירש זען דעם ציל און דאָס וועזן פון יידנטום אין דער הומאַניטעט, און דאַן איז איר מענטשלעכער און נישט איר נאַציאָנאַלער ציל דאָס ווירדיקע, און דאַן מוז דאָס יידנטום, ווי יעדע קירכלעכע אָדער שטאַאַטלעכע פאַריייניקונג, פאַרשלונגען ווערן פון דער אַלגעמיינער מענטשהייט; אָדער מען זעט, אַזוי ווי דער פראַנקפורט'ער הירש, אין יידנטום די איינציקע דער־לייזונג, דאַן קומט מען אַריין אין סתירה מיט די מאָדערנע הומאַני־טעטס־שטרעבונגען און מען האָט קיין רעכט נישט, אַזוי ווייניק ווי דאָס אָרטאָדאָקסישע קריסטנטום, זיך צו ווענדן צו דער עפנטלע־כער מיינונג פון אונזער יאָרהונדערט.

ליבע פריינדין, איך מיין, אַז מיינע געדאַנקען געהערן צו אַ גאַנץ אַנדערער אָרדענונג פון אידעען. איך מיין, אַז דאָס נאַציאָנאַלע וועזן פון יידנטום שליסט נישט אויס די הומאַניטעט און ציוויליזאַציע, נאָר פאַרקערט, די הומאַניטעט איז איר קאָנסעקווענץ. ווען איך אונ־טערשטרייך אָבער מער דעם נאַציאָנאַלן וואָרצל פון יידנטום, איידער

זיינע הומאַנע בלומען, האָט עס דעם גרונט דעריין, ווייל מען איז אין דער היינטיקער צייט מער גרייט צו זאַמלען די שיינע בלומען פון דער קולטור־געשיכטע און זיך מיט זיי אויסצופוצן, איידער צו קולטיווירן זיי אין דעם באָדן, אויף וועלכן זיי וואַקסן. פון דעם יידנטום איז אַרויסגעוואַקסן אונזער היינטיקע גאַנצע הומאַניטאַרע לעבנסאָנשויאונג, ס׳איז גאָרנישט ניטאָ אין דער קריסטלעכער מאָראַל, אין דער סכאָלאַסטישער פילאָזאָפיע פון מיטלאַלטער 1). אין דער מאָדערנער פילאָזאָפיע, און אַפילו נישט אין ספינאָזיזם, אין דעם לעצטן אויסדרוק פון יידנטום, אויך נישט אין דער מאָדערנער פילאָזאָפיע, וואָס די וואָרצלען דערפון זאָלן זיך נישט געפינען אין יידנטום. דאָס יידישע פאָלק איז ביז צו דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע געווען דאָס איינציקע פאָלק פון דער וועלט, וואָס האָט געהאַט אַ נאַציאָנאַלן קולט צוזאַמען מיט אַ הומאַניטאַרן. דורכן יידנטום איז געוואָרן די געשיכטע פון דער מענטשהייט אַ הייליקע געשיכטע, דאָס מיינט, אַן איינהייטלעכער, אָרגאַנישער אַנטוויקלונגס - פּראָצעס, וועלכער הויבט זיך אָן מיט דער פאַמיליען־ליבע און מוז זיך ענדיקן מיט דער מענטשהייט־פאַמיליע, וואָס אירע גלידער וועלן זיין אַקוראַט אַזוי סאָלידאַריש פאַרבונדן דורכן הייליקן גייסט, דורך דעם שעפערישן געניוס פון דער געשיכטע, אַזוי ווי די פאַרשידענע אָרגאַנען פון אַ לעבעדיקן קערפער זיינען פאַרבונדן דורך דער הייליקער שעפערישער נאַטור־קראַפט. אַזוי לאַנג ווי קיין אַנדער פאָלק האָט נאָך נישט געהאַט דעם נאַציאָנאַל - הומאַניטאַרן געשיכטע־קולט, זיינען די יידן אַליין געווען דאָס פאָלק פון גאָט. זייט דער גרויסער רעוואָלוציע פון פראַנקרייך האָבן מיר געפונען אין דעם פראַנצויזישן פאָלק און די פעלקער, וועלכע שליסן זיך אָן צו דער פראַנצויזישער נאַציע, איידעלע מיטקעמפער און טרייע גענאָסן. נאָך דעם נצחון פון די פעלקער איבער דער מיטלאַלטערלעכער רעאַקציע וועלן די הומאַניטעט־שטרעבונגען, אויב זיי זיינען נאָר נישט קיין היפּאָקריטישע ווערטער, ווירקלעך טראָגן בליטן און ברענגען פרוכטן. די אַנטי־נאַציאָנאַלע הומאַניטעט־שטרעבונגען זיינען אָבער אַזוי אומפרוכטבאַר, ווי די אַנטי־הומאַנע נאַציאָנאַלע טענדענצן פון דער מיטלאַלטערלעכער רעאַקציע. אין די אַנטי־נאַציאָנאַלע, טעאָרעטישע הומאַניטעטס־שטרעבונגען זע איך מער אידעאַליזם, איידער רעאַליטעט. מען גיט אונז דאָ צו אָטעמען ספּיריטואַליסטישן טשאַד און הו־

מאַניסטישן כלאַראַפּאַרם, אַזוי אַז מיר ווערן גאַנץ פאַרשיכורט און נישט עמפּינדלעך צו דעם שמערץ, וועלכן דער נאָך דויערנדיקער אַנטאַגאַניזם פון דער גרויסער מענטשלעכער פאַמיליע רופט באמת אַרויס. דער דאַזיקער אַנטאַגאַניזם ווערט נישט באַזייטיקט דורך פריינטלעכע פּרעדיקטן. דערצו איז נויטיק אַ געשיכטלעכע אַנט־וויקלונג לויט געזעצן, וועלכע זיינען אַזוי אייביק ווי די נאַטור־געזעצן. אַזוי ווי די נאַטור פּראָדוצירט נישט קיין אַ ל ג ע מ יי נ ע בלומען און פּרוכטן, קיין אַ ל ג ע מ יי נ ע חיות און פלאַנצן, נאָר פלאַנצן־טיפּן און חיות־טיפּן, אַזוי באַשאַפט אויך דער שעפער אין דער געשיכטע נאָר פ אָ ל ק ס ־ ט י פּ ן. אין דער מענטשהייט האָט זיך דער פּלאַן פון דער פלאַנצן־מלוכה און חיות־מלוכה פאַר־ענדיקט. אָבער די מענטשהייט, אַלס זעלבשטענדיקע לעבנס־ספּערע, אַלס די ספּערע פון דעם ס אָ צ י אַ ל ן לע ב ן, שטייט נאָך אין דער אַנטוויקלונג. אין דער מענטשהייט געפינען מיר אַן אורשפּרינג־לעכע פאַרשידנקייט פון פאָלקס־טיפּן, וועלכע האָבן פריער, אַזוי ווי אין דער פלאַנצן־מלוכה, עקזיסטירט איינע נעבן דער אַנדערער, וועלכע האָבן זיך שפּעטער, נאָך דעם פלאַן פון דער חיות־מלוכה באַקעמפט און פאַרניכטעט, און וועלכע ווערן איצטער פריי, כדי צו לעבן אין פרידן מיט איינאַנדער, נישט פאַרלירנדיק דערביי זייערע טיפּישע אונטערשיידן. די געזעצן פון דער וועלט־געשיכטע, איך מיין די געזעצן פון דער ג ע ש י כ ט ע פ ו ן ד ע ר ו ו ע ל ט, פון דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דעם קאָסמישן, אָרגאַנישן און סאָציאַלן לעבן, זיינען נאָך ווייניק דערקענט געוואָרן. מיר האָבן איינצלנע וויסנשאַפטן, אָבער נאָך נישט קיין וועלט־וויסנשאַפט. מיר ווייסן נאָך נישט דעם צוזאַמענהאַנג פון דעם גאַנצן לעבן. אויף אַזוי פיל איז זיכער, אַז דורך דער צונויפמישונג פון די די רעליגיעס, וועלכע האָט זיך ·שוין אייגנטלעך אָנגעהויבן אין אַמאָליקן רוים, איז נישט באַשאַפן געוואָרן קיין אמתער שלום אין דער מענטש־לעכער געזעלשאַפט, אַזוי ווייניק ווי דאָס קען נישט געשען דורך דעם אויפגעפרישטן גלויבן אין דער אייגנאַרטיקייט פון אַלע מענ־טשן. מען פאַרבייט די סאָלידאַרישע אָרגאַניזאַציע פון דעם סאָציאַלן לעבן, וועלכע קען דערגרייכט ווערן דורך מיזאַמער אַרבעט אין לויף פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, מיט נישט אָרגאַנישער גלייכהייט, ווען מען וויל אויפבויען די גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע

מענטשן אויף אַן אורשפּרינגלעכער גלייכאַרטיקייט פון די ראַסן און טיפּן. וואָס ווייטער מען גייט אין דער געשיכטע, אַלץ ווייניקער באַמערקט מען די גלייכאַרטיקייט. דער שלום פון די ראַסן קומט פאַר לויט נאַטור־געזעצן, וועלכע מיר קענען נישט מאַכן לויטן אייגענעם ווילן אָדער ענדערן. די צונויפמישונג פון די קולטן איז שוין אַן אַרי־בערגעשריטענע שטופע אין דער אַנטוויקלונג פון סאָציאַלן לעבן. זי האָט געהערט צו דער אַלגעמיינער רעליגיע, וועלכע פאַרדאַנקט איר עקזיסטענץ דעם טויט פון די אַלטע נאַציעס. היינט איז די פראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי די פאַרשידענע פאָלקס־טיפּן זאָל ווידער פריי ווערן און זיך אַנטוויקלען. עס איז נישטאָ מער קיין סכנה, אַז די פאַרשידענע נאַציעס וועלן זיך אָפּשליסן פון אייננאַנדער, אָדער באַקעמפן די שוואַ־כע און מאַכן פון זיי שקלאַפן. די היינטיקע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען שליסן אין זיך איין די הומאַניטאַרע, וואָרום זיי זיינען אַ רעאַקציע קעגן די אויסגלייכונגס־טענדענצן פון דער מאָדערנער אינדוסטריע און ציוויליזאַציע, וועלכע טויטן אָפּ יעדן אורקרעפטיקן, אָרגאַנישן לעבנס־כח דורך אַ נישט אָרגאַנישן מעכאַניזם. אויף ווי ווייט די דאָזיקע טענדענצן זיינען געווען געריכטעט קעגן די אָפּשטאַרבנדיקע אינסטיטוציעס פון אַ פאַרגאַנגענעם געשיכטע־פעריאָד, זיינען זיי גע־ווען באַרעכטיקט. מען קען קעגן די דאָזיקע טענדענצן אויך גאָרנישט האָבן, אויף ווי ווייט זיי זוכן צו באַשאַפן ענגערע באַציאונגען און פאַרבינדונגען צווישן די פאַרשידענע פעלקער פון דער ערד. מען האָט אָבער געוואָלט אין לעבן, אַזוי ווי אין דער וויסנשאַפט, אָפּלייקענען דאָס שעפערישע און דאָס טיפּישע, אַזוי אַז עס איז באַשאַפן געוואָרן אַן אידעאַליסטישער דאַמף און עס האָט זיך אויפגעהויבן אַן אַטאָמי־שער שטויב, וועלכער האָט זיך געלייגט אויף יעדן זאָמען־קערנדל און האָט דערשטיקט יעדעס לעבן. נאָר קעגן דער אָפּשוואַכונג פון דעם שעפערישן לעבן קעמפן די נאַציאָנאַלע טענדענצן פון אונזער צייט, און נאָר קעגן זיי אַפּעליר איך צו דער אורשפּרינגלעכער פאָלקס קראַפט אין יידנטום.

די מענטשהייט איז, אַזוי ווי דאָס אוניווערסאַלע קאָסמישע לעבן און דאָס אינדיווידועלע לעבן, אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם, וואָס די אורשפּרינגלעכע ראַסן זיינען זיינע אָרגאַנען און גלידער. אין אַן אָר־גאַניזם קענען געוויסע טיילן אָפּגעשוואַכט ווערן און פאַרשווינדן, בשעת דער אָרגאַניזם געפינט זיך אין פּראָצעס פון פאַרפולקאָמונג.

אַנדערע אָרגאַנען, וועלכע זיינען פריער געווען נישט קענטיק, באַקומען ערשט דאַן איינפלוס און באַדייטונג, ווען דער אָרגאַניזם ווערט רייף.

צו די לעצטע, אייגנטלעך שעפערישע אָרגאַנען פון דער מענטשהייט, געהערט אויך דאָס יידישע פאָלק. אין אַלטערטום, ווען דאָס פאָלק איז כמעט פאַרניכטעט געוואָרן פון די מעכטיקע דעראָבערונגס־פעלקער, איז עס כמעט נישט באַמערקט געוואָרן. צוויי מאָל איז עס אין גלות פון מצרים און בבל כמעט אונטערגעגאַנגען. צוויי מאָל האָט עס אויפגעלעבט צום נייעם לעבן און האָט געקעמפט קעגן די מעכטיקסטע פעלקער פון אַלטערטום, קעגן די גריכן און רוימער. אין די לעצטע קאַמפן פון דער פאַרצייטיקער וועלט האָט עס באַפרוכפערט מיט זיין גייסט די גאַנצע מענטשהייט, און הויבט אָן איצט ווידער אויפצולעבן צוזאַמען מיט דעם גייסטיקן ווידערגעבורט פון דער מענטשהייט. היינט, בשעת דער גייסטיקער אויפלעבונגס־פּראָצעס פון די וועלט־היסטאָרישע ראַסן האָט זיך פאַרענדיקט און יעדעס פאָלק הויבט אָן ווידער צו דערפילן זיין ספּעציעלן באַרוף אין דעם אָרגאַניזם פון דער מענטשהייט, הייבט הויבן מיר אָן צו באַגרייפן די באַדייטונג פון די פאַרשידענע אָרגאַנען פון דער מענטשהייט.

אין די ענגלענדער געפינען מיר די נערוון־קראַפט, וועלכע ברענגט אין באַוועגונג דעם ד ע ר נ ע ר ו נ ג ס ־ ס י ס ט ע ם פון דער מענטשהייט. פראַנקרייך רעפּרעזענטירט מיט זיך די אַלגעמיינע (סאָציאַלע) באַוועגונגס־קראַפט, דייטשלאַנד שטעלט פאָר דעם אָרגאַן פון ד ע נ ק ע ן, אַמעריקע שטעלט פאָר די קערפערפליסיקייט, אין וועלכע אַלע עלעמענטן פון די געשיכטלעכע פעלקער אַסימילירן זיך. ווען יעדעס מאָדערן פאָלק, יעדע מאָדערנע געזעלשאַפט באַקומט אויף אַזאַ אופן איר ספּעציעלן באַרוף אַלס אָרגאַן פון דער מענטשהייט, טרעט אויך אַרויס די באַדייטונג פון דעם איינציקן פאַרצייטיקן פאָלק, וואָס עקזיסטירט נאָך היינט ווי אַמאָל אין זיין גאַנצער קראַפט און גאַנצקייט.

אין דעם גאַנצן אָרגאַניזם פון דער מענטשהייט זיינען נישטאָ קיין צוויי פעלקער, וועלכע זאָלן זיך אַזוי אָנציען און אָפּשטויסן, ווי דאָס דייטשע פאָלק און דאָס יידישע. עס זיינען אויך נישטאָ קיין צוויי גייסטיקע ריכטונגען, וועלכע זאָלן זיין נענטער און ווייטער

פון איינאַנדער, ווי די וויסנשאַפטלעך־פילאָזאָפישע און די מאָראַ־
ליש־רעליגיעזע. די רעליגיע אין איר פאַרענדיקונג איז דער גייסטיקער
בונד ,וועלכער פאַרבינדט דעם שעפער מיט דער שאַפונג, זי איז
דער אומענדלעכער פאָדעם, וואָס דער סוף פאַלט זיך צונויף מיטן
אָנהויב; די בריק, וועלכע פירט פון שאַפונג צו שאַפונג, פון לעבן
צום טויט, פון טויט צום לעבן; וועלכע מאַכט דעם מענטשן נישט
נאָר טעאָרעטיש דערקענען דאָס אַבסאָלוטע, נאָר דרינגט דורך און
מאַכט הייליק זיין גאַנץ לעבן מיט דעם גייסט פון גאָט, וועלכער איז
אומעטום און שטענדיק פאַראַן. אין דער רעליגיע, אַזוי ווי אין דער
ליבע, אויב זי איז, ווי די יידישע, נישט אַן איינזייטיק מאַטעריאַליס־
טישע און נישט אַן איינזייטיק ספּירטואַליסטישע, ווערט אופגעלייזט
דער גייסט אין דעם קערפּער און דער קערפּער אין דעם גייסט. דער
גרעסטער און געפערלעכסטער שונא פון דער יידישער רעליגיע איז
געוועזן אין אַלטערטום די רעליגיע פון דער מ אַ ט ע ר י אַ ל י ס ־
ט י ש ע ר ליבע פון די סעמיטן: די רעליגיע פון דעם בעל. אין
מיטלאַלטער איז דאָס געוועזן די רעליגיע פון דער ס פּ י ר י ט ו ־
אַ ל י ס ט י ש ע ר ליבע: דאָס קריסטנטום. דאָס יידישע פאָלק,
וואָס איז אַ דאַנק זיינע נביאים פון אַלטערטום און זיינע רבנים פון
מיטלאַלטער, געבליבן ריין פון די ביידע אַ נ ט אַ ר ט ו נ ג ע ן
פון זיין רעליגיע, איז געוועזן און איז היינט נאָך דער אָרגאַן פונם לע־
בעדיקן שעפער אין דער געשיכטע פון דער וועלט, דער אָ ר ג אַ ן
פ ו ן ד ע ר א יי נ ה יי ט ל ע כ ע ר א ו ן ה יי ל י ק ע ר
ל י ב ע. מיט דעם דאָזיקן אָרגאַן איז דער ד ע נ ק ־ אָ ר ג אַ ן
קרוביש, אָבער אויך אַנטקעגנגעזעצט. ביידע שעפּן פון דעם זעל־
ביקן לעבנס־קוואַל. בשעת אָבער דער רעליגיעזער זשעני אינדיווידו־
אַליזירט דאָס אומענדלעכע, נעמט אַראָפּ דער פילאָזאָפישער און
וויסנשאַפטלעכער געדאַנק פון לעבן אַלע זיינע אינדיווידועלע סו־
ביעקטיווע פאָרמען. די אָביעקטיווע פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט האָט
מיט דעם לעבן גאָרנישט צו טאָן, בשעת די רעליגיעזע לערע פאַלט
צונויף מיט דעם נאַציאָנאַלן, סאָציאַלן, מאָראַליש־רעליגיעזן לעבן.
ווען נישט, איז די רעליגיע איבערהויפּט נאָר צביעות.

אָבער איך באַמערק, אַז איך בין גאַנץ אַוועקגעגאַנגען פון מיין
טעמע. איך האָב אייך נאָר געוואָלט געבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס איך
קען זיך נישט באַפריינדן מיט יענע אַלגעמיינע הומאַניטעטס־שטרע־

בונגען, וועלכע באַזייטיקן יעדן אונטערשיד אין דעם אָרגאַניזם פון דער מענטשהייט און בויען מיט אייניקע שלעכט פאַרשטאַנענע באַגריפן פון „פרייהייט" און „פּאָרשריט" מזבחות פאַר ווילקיר און אומוויסנהייט, אויף וועלכע אונזער לייכט־באַגייסטערטע יוגנט איז מקריב אירע בעסטע קרעפטן.

## באַמערקונגען:

1) מ ו נ ק האָט באַוויזן דעם איינפלוס פון אביצבּרן אויף די סכאָלאַסטיקער. דער מ ק ו ר ח יי ם פון שלמה בן גבירול (אביצבּרן) איז אינמיטן פון 12טן יאָרהונדערט איבערגעזעצט געוואָרן אין לאַטיין און האָט זייט דאַן געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין די פילאָזאָפישע מחלוקות פון דער צייט. אַפילו זשיאָרדאַנאָ ברונאָ איז געווען באַקאַנט מיטן מקור חיים פון דעם יידישן פילאָזאָף. אַ גרעסערע ווירקונג האָט געהאַט דער „מורה נבוכים" פון רמב"ם אויף דער סכאָלאַסטישער פילאָזאָפיע, און אַפילו אויף לייבניץ און קאַנט.

## צ ע נ ט ע ר ב ר י ו

אַן אַנדער דילעמע. — דערפאַרונגס־וויסנשאַפטן, פילאָזאָפיע און רעליגיע. — פּאָרשריט און קרייזלויף. — שבת. — די אַנטשטייאונג פון קאָסמישן, אָרגאַנישן און סאָציאַלן לעבן. — די מאָראַלישע נויטווענדיקייט אָדער די הייליקייט. — עפּאָכן פון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונגס־געשיכטע: פּאָרהיסטאָרישע צייטן, געבורטס־צייטן און געבורטס־וויען, עפּאָכע פון רייפקייט.

אַקוראַט ווי איר האָט מיר פריער אָוועקגעשטעלט די דילעמע: הומאַניטעט אָדער נאַציאָנאַליטעט, און האָט מיר אַ פאָרוואורף געמאַכט, אַז איך שטיי פאַר נאַציאָנאַלע שטרעבונגען, וועלכע זיינען אין ווידערשפּרוך מיט די הומאַניטאַרע שטרעבונגען פון אונזער צייט, אַזוי טרעט איר איצט קעגן מיר אַרויס מיט אַן אַנדער דילעמע: „פרייהייט אָדער נויטווענדיקייט" — רופט איר אויס קעגן מיר. איר זאָגט, אַז עס איז אַ ריינער פאַטאַליזם, ווען מען באַטראַכט די מענטש־

הייט נאָר פאַר אַ העכערן אָרגאַניזם, און ווען מען זעט אין דער גע־שיכטע פון די פעלקער דאָס זעלבע אייביקע געזעץ, ווי אין דער געשיכטע פון דער ערד און די וועלט־קערפּערס. אין קאָסמישן און אָרגאַנישן לעבן, מיינט איר, זיינען נישטאָ קיין מאָראַלישע כחות, און דאָרט ווירקן נאָר נאַטירלעכע כחות, וועלכע קענען פריער אויסגע־רעכנט ווערן. אַנדערש איז עס אָבער אין סאָציאַלן לעבן פון דער מענטשהייט. דאָס סאָציאַלע לעבן איז אַפילו אויך אָפּהענגיק פון נאַטור־באַדינגונגען, אָבער דער פרייער מענטש מוז גובר זיין דורכן פרייען ווילנס־טאַט דעם פאַטאַליזם פון דער נאַטור, וואָרום אָן דעם פרייען ווילנס־טאַט קען מען זיך נישט פאָרשטעלן קיין מאָראַל און קיין פאָרשריט.

עס פרייט מיך זייער, וואָס איר זענט אַזוי גוט באַקאַנט מיט די פילאָזאָפישע אויסדרוקן פון אונזער העכערער דייטשער בילדונג. איך גלויב אויך, אַז די „מאָראַלישע פרייהייט" איז די באַשטימונג פון דעם מענטש און דער מענטשהייט. דער העכסטער הומאַנער ציל איז אָבער, לויט מיין אויפפאַסונג, די גאָט־דערקענטעניש, וועלכע דאָס יידנטום האָט אָנגעזאָגט אין אָנהויב פון דער געשיכטע, וועלכע דאָס יידנ־טום האָט שטענדיק אַנטוויקלט און וועלכע איז זייט ספינאָזאַ גע־וואָרן צוגעגנגלעך פאַר דער גאַנצער וועלט. די דערקענטעניש פון גאָט מוז אין דער היינטיקער צייט אַנטוויקלט ווערן צו דער מד־רגה פון אַן עקזאַקטער וויסנשאַפט.

אַזוי ווי איר נעמט אייערע כלי־זין פון דער ספּעקולאַטיווער פילאָזאָפיע, כדי צו קעמפן קעגן מיין יידישער וועלט־אַנשויאונג, מוז איך אייך באַווייזן, אַז די פילאָזאָפישע ספּעקולאַציע איז נישט דאָס לעצטע וואָרט אין דער גייסטיקער אַנטוויקלונג, אַזוי ווי די הערשאַפט פון אינדוסטריע און קאַפּיטאַליזם איז נישט דאָס לעצטע וואָרט אין דער מאַטעריעלער אַנטוויקלונג. די עקזאַקטע וויסנשאַפט, וועלכע אַנערקענט נאָר באַאָבאַכטונג און דערפאַרונג, אַרבעטן און פאָרשן, כדי צו דערווערבן גייסטיק און מאַטעריעל אייגנטום, און וועלכע זעט אין דער ספּעקולאַציע נאָר שווינדל און אומבאַווייזענע השערות, די עק־זאַקטע וויסנשאַפט איז די העכסטע אינסטאַנץ, וואָס צו איר אורטייל מוז איך אַפּעלירן, כדי אייך צו באַווייזן, פאַרוואָס די וויסנשאַפט שטייט אין ווידערשפּרוך מיט דער פילאָזאָפיע, וועלכע דערהויבט דעם גייסט איבער דער נאַטור, און שטייט כלומרשט אויך אין ווי־

דערשפּרוך מיט דער רעליגיע, וועלכע האַלט הייליק נאַטור און גייסט, דערמיט וואָס זי וואַרפט אונטער ביידע אונטער איין איינציקן וועזן. איך וועל אייך אָבער שפּעטער באַווייזן, אַז דער ווידערשפּרוך פאַרשווינדט אין דעם אמתן וויסן, וואָס באַגרייפט דאָס געזעץ פון דער נאַטור און פון דער געשיכטע אַלס איין און דאָס זעלביקע געזעץ. איך מוז דערפאַר אייך קודם כל געבן צו פאַרשטיין, אַז אויך יענער כלומרשטער ווידערשפּרוך איז געווען באַרעכטיקט, אַז ער איז געווען נויטווענדיק אין דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער מענטשהייט.

הײנט איז נאָך נישטאָ קיין שלום צווישן וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע און רעליגיע. פאַרקערט, הײנט ביים אָנהויב פון אַ נייעם וועלט־אַלטער, אַקוראַט ווי אין דער קריטישער איבערגאַנגס־עפּאָכע פון דעם אַלטערטום אין מיטלאַלטער, איז דער קעגנזאַץ צווישן רעליגיע, פילאָזאָפיע און נאַטור־וויסנשאַפטן געוואָרן נאָך שאַרפער, איידער אין דער אויפבלי־צייט פון דער פּאַרצייטיקער און מיטלאַלטערלעכער וועלט, וועלכע האָבן פון דעם קעגנזאַץ כמעט גאָרנישט געוווּסט. די סיבה פון טעאָרעטישע סתירות פון סאָציאַלן לעבן ליגט אין דער אומגלייכמעסיקער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, אין דער פאַרהעלטניש צווישן די הערשנדיקע און דינענדיקע ראַסן און קלאַסן, אין דער פאַנאַנדערטיילונג צווישן דער מאַטעריעלער און גייסטיקער אַרבעט. די דאָזיקע אומגלייכהייט, וועלכע וואַקסט מיט דער הויך פון דער ציוויליזאַציע, איז געווען אויך די סיבה פון דעם אונטערגאַנג פון דער גאַנצער פּאַרצייטיקער געזעלשאַפט. אויף דעם מאַטעריעלן און באַזונדערס אויף דעם גייסטיקן געביט, זיינען הײנט נאָך שאַרפער יענע סתירות, וועלכע האָבן געמאַכט אַ סוף צו דער פּאַרצייטיקער ציוויליזאַציע, נאָך שאַרפער איידער צום סוף פון אַלטערטום, בשעת די פאַנאַנדערטיילונג פון דער אַרבעט איז נאָך נישט געווען אַזוי אַנטוויקלט, ווי אין דער הײנטיקער איבערגאַנגס־עפּאָכע. די פאָלגן דערפון זיינען, אַז הײנט שטייט נישט נאָר אין ווידערשפּרוך די רעליגיע מיט דער פילאָזאָפיע, ווי אין אַלטערטום, נאָר אויך די פילאָזאָפיע שטייט אין ווידערשפּרוך מיט דער וויסנשאַפט. פונדעסטוועגן וועט איר דאָך מיר אין אַלגעמיין צוגעבן, אַז עס קען נישט זיין א י י ן אמת אין דער וויסנשאַפט, אַן אַנדער אמת אין דער פילאָזאָפיע, און ווידער אַן אַנדער אמת אין דער רעליגיע. אַזוי

אָבער ווי עס איז נאָך נישט געקומען צו קיין שלום צווישן די דאָ־זיקע פאַרשידענע געביטן פון דער דערקענטעניש, בלייבט נאָך אַלץ די שווערע אויפגאַבע אייך פאַרשטענדלעך צו מאַכן, אַז וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע און רעליגיע שליסן זיך קעגנזייטיק אויס, אַז זיי קענען זיך העכסטנס אַ צייט לאַנג קעגנזייטיק איגנאָרירן, אַז זיי מוזן זיך אָבער ענדגילטיק איינע די אַנדערע אונטערשטיצן און צווישן זיך פאַרייניקן.

לאָמיר זיך דערוויַיל פאַרשטענדיקן מכח די באַגריפן „פריי־הייט" און „פאַרשריט", מיט וועלכע מען וואַרפט זיך אַרום געדאַנ־קענלאָז.

דער גלויבן אין אַ שכלדיקן און דערפאַר אויך דערקענבאַרן גע־טלעכן געזעץ, אַזוי ווי עס האָט זיך נתגלה געווען דער מענטשהייט אין יידנטום דורך דער תורה און געשיכטע, דער גלויבן אין אַ געט־לעכער השגחה, דער גלויבן אין אַ שאַפונגס־פּלאַן, איז נישט קיין פאַטאַליסטישער בלינדער גלויבן אין אַ נישט פאַרשטאַנענעם בלינדן שיקזאַל, כאָטש דער גלויבן שליסט אויס קאַפּריז און גע־זעצלאָזיקייט.

איך זאָג נישט אַזוי ווי די מאַטעריאַליסטן: די אָרגאַנישע און די גייסטיקע וועלט שטייט, אַזוי ווי די נישט אָרגאַנישע וועלט, אונ־טער דעם זעלבן מעכאַנישן געזעץ. איך זאָג פאַרקערט: די קאָסמישע מעכאַנישע דערשיינונגען האָבן דעם זעלבן פּלאַן, די זעלבע צוועקמע־סיקייט, זיי נעמען זיך פון דעם זעלבן הייליקן לעבן, ווי די אָרגאַנישע און גייסטיקע באַוועגונגס־דערשיינונגען, — נאַטור און מענטשהייט זיינען אונטערגעוואָרפן אונטער דעם זעלבן געטלעכן געזעץ. דער אונטערשיד איז נאָר, אַז דאָס געזעץ ווערט אין דער נאַטור אויסגע־פירט בלינד, אַז דער מענטש אָבער, ווען ער איז פולשטענדיק אַנט־וויקלט, פירט אויס דאָס געזעץ מיט באַוווסטזיין און ווילן. אַן אַנדע־רער, נאָך פיל וויכטיקערער אונטערשיד ליגט דערין, אַז די נאַטיר־לעכע לעבנס־ספערן פון דער קאָסמישער און אָרגאַנישער וועלט, וואָס אויף זייער גרונטלאַגע בויען מיר אויף אונזער סאָציאַלע, מענטש־לעכע לעבנס־ספערע, האָבן שוין פאַרענדיקט זייער אַנטוויקלונג און זיינען שוין פאַרטיק, בשעת די מענטשהייט געפינט זיך נאָך אין דער אַנטוויקלונג, אין דער שאַפונג פון איר לעבן.

אַזוי לאַנג ווי די מענטשלעכע געזעלשאַפט געפינט זיך נאָך אין דער פּראָדוקציע פון איר אָרגאַניזם, טרעט אויף דער מענטש, דער שעפערישער וועזן פון דער געזעלשאַפט, ווי כלומרשט אַ פרייער וועזן אין זיינע שאַפונגען, כאָטש באמת איז אויך ער אין זיינע שאַפונגען, אַקוראַט ווי די נאַטור אין אירע שאַפונגען, אונטערגעוואָרפן אונטערן אייביקן געזעץ. די פאַלשע אויפפאַסונג פון דער פרייהייט, אַז זי איז ווילקיר, נעמט זיך נאָר דערפון, ווייל מיר ווייסן נאָך נישט דאָס געזעץ פון דער אַנטוויקלונג פון דעם סאָציאַלן לעבן, זיין לעצטן צוועק. מיר ווייסן דערפאַר נאָך נישט דאָס געזעץ, ווייל מיר געפינען זיך אַליין נאָך אין דער אַנטוויקלונג. אָבער ווען די וויסנשאַפט שווייגט נאָך וועגן געזעץ, האָט אונזער רעליגיעזער זשעני אָבער דעם געזעץ שוין לאַנג אָנגעזאָגט. מיר יידן האָבן שטענדיק, זייט דעם אָנהויב פון דער געשיכטע, אַרומגעטראָגן מיט זיך דעם גלויבן אין דעם מלכות המשיח. דער גלויבן איז אויסגעדריקט געוואָרן אין אונזער געשיכטע־קולט דורך דער הייליקייט פון שבת. אין דער הייליקייט פון שבת איז פאַרקערפּערט דער געדאַנק, וועלכער איז שטענדיק געווען אונזער רוח החיים, דער געדאַנק, אַז די צוקונפט וועט אונז אַזוי זיכער ברענגען דעם היסטאָרישן שבת, ווי די פאַרגאַנגענהייט האָט אונז געבראַכט דעם נאַטור־שבת, אַז די געשיכטע, אַזוי ווי די נאַטור, וועט האָבן איר עפּאָכע פון האַרמאָנישער פאַרענדיקונג. די ביבלישע שאַפונגס־געשיכטע איז געגעבן געוואָרן נאָר צוליבן שבת. זי זאָגט אונז: נאָך דעם ווי די שאַפונג פון דער נאַטירלעכער וועלט איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט דער באַשאַפונג פון דעם העכסטן אָרגאַנישן וועזן פון דער ערד, מיט דעם מענטש, און דער שעפער האָט געהאַלטן זיין נאַטור־שבת, דעמאָלט ערשט האָט זיך אָנגעהויבן די שאַפונגס־געשיכטע פון דער סאָציאַלער וועלט, וועלכע וועט פייערן איר שבת אין דעם מלכות המשיח נאָכן פאַרענדיקן פון דער גאַנצער וועלט־געשיכטלעכער אַרבעט. אָט דאָס האָט איר די הויכע באַדייטונג פון דעם ספר בראשית, אין וועלכן באַשרענקטע נאַטוראַליסטן שטודירן וויסנשאַפט. ווי איר זעט, מיין פאַרערטע פריינדין, גיט אונז שוין דאָס שבת־געזעץ די זיכערקייט, אַז אין דער נאַטור און דער געשיכטע הערשט אַן איינהייטלעך און אייביק געטלעך געזעץ. נאָר די מענטשן, וועלכע פאַרשטייען נישט די התגלות פון דעם

רעליגיעזן געניוס פון די יידן, קומט פאַר די געשיכטלעכע גאַנט־ וויקלונג פון דער מענטשהייט ווי אַ געזעצלאָזער, אומבאַשטימטער, אומענדלעכער „פאָרשריט״, אין קעגנזאַץ צום נאַטור־לעבן, וואָס זעט אויס ווי אַן אָפּגעשלאָסענער קרייז־לויף, וואָס זיינע געזעצן זיינען באַרעכנבאַר. איך באַגרייפט, אַז די כלומרשטע דיפערענץ צווישן די געזעצן פון דער נאַטור און די געזעצן פון דער געשיכטע איז נאָר אַ רעזולטאַט פון אַ סוביעקטיווער אויפפאַסונג, וועלכע קען זיך נישט דערהויבן צו דעם גרויסן געטלעכן וועלט־געזעץ. אַקוראַט אַזוי ווייניק ווי די פרייהייט פון דעם שעפערישן וועזן פון דער געשיכטע איז געזעצלאָזער ווילקיר, אַקוראַט אַזוי ווייניק איז זיין פאָרשריט אַן אומענדלעכער.

אין נאַטירלעכן זין איז יעדעס וועזן פריי, וואָס קען לעבן און קען זיך אומגעשטערט אַנטוויקלען לויט זיין אייגענער באַשטימונג, זיין אינערלעכן באַרוף אָדער זיין נאַטור. מאָראַליש פריי איז נאָר דאָס וועזן, וואָס לעבט מיט באַוווסטזיין און ווילן לויט זיין באַשטי־מונג, וועמענס ווילן איז איינשטימיק מיט דעם געזעץ אָדער ווילן פון גאָט. יעדער אַנדערער ווילן איז ווילקיר, וועלכע פאַרדאַנקט איר עקזיסטענץ נישט דעם הייליקן איינהייטלעכן געטלעכן וועזן פון דעם ווילנדיקן, נאָר די איינזייטיקע אינסטינקטן פון דעם ווילנדיקן. די פעאיקייט נאָכצוגיין תאוות און קאַפּריזן, וועלכע פירט אַראָפּ פון דעם וועג פון שכל און מאָראַל, האָט דער מענטש נאָר אַזוי לאַנג, ווי זיין וועזן איז נישט אויסגעבילדעט. דער מענטש האָט געוויס נישט קיין סיבה צו שטאָלצירן מיט דער נעגאַטיווער פעאיקייט, וועלכע איז נישט מער ווי אַ קראַנקייט, אַ ן  אַ נ ט וו י ק ל ו נ ג ס ־ ק ר אַ נ ־ ק יי ט  פון דער מענטשהייט. זי שטעלט אים נישט איבער, נאָר אונטער דער חיה, וואָרום דאָס לעבן פון די חיות, אַזוי ווי פון די פלאַנצן, איז אין אונזער עפּאָכע שוין פולשטענדיק אַנטוויקלט און אויסגעבילדעט געוואָרן. „דער מענטש מאַכט טעותן, אַזוי לאַנג ווי ער שטרעבט״, זאָגט  ג ע ט ה ע.  אָבער עס איז נישטאָ קיין שטרעבן אָן אַ ציל. דער ציל פון דעם מענטשלעכן שטרעבן אין לויף פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג איז די דערקענטעניש פון דעם געזעץ, אונטער וועלכן עס זיינען אונטערגעוואָרפן אַלע דריי לעבנס־ספערן, דאָס סאָציאַלע, דאָס אָרגאַנישע, און דאָס קאָסמישע לעבן.

דאָס וועלט־געזעץ איז דאָס געזעץ פון אַנטשטייאונג און אַנט־

וויקלונג, אָדער ווי מען זאָגט עס געוויינלעך, דאָס געזעץ פון דעם „פּאָרשריט״. דאָס געזעץ איז נאָך נישט דערקענט געוואָרן פולשטענדיק אין אַלע דריי לעבנס־ספערן. צוליב דער פולשטענדיקער דערקענטעניש פון דאָזיקן געזעץ פעלט נאָך אַ טייל פון דעם אָביעקט: דער שלוס פון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג. דאָס געזעץ פון דער געשיכטע קען דערפאַר היינט נאָך נישט וויסנשאַפטלעך דערקענט ווערן: די וועגן פון דער השגחה זיינען פאַר אונז נאָך טונקל. אָבער אַ דאַנק דעם רעליגיעזן געניוס פון די יידן און דער געטלעכער התגלות דורך זיי פון דעם אָנהויב פון דער געשיכטע אָן, זיינען די דאָזיקע וועגן פון דער השגחה אַלץ נענטער געבראַכט געוואָרן צו דעם מענטשלעכן גייסט, פריער אין דער נבואה, דערנאָך דורך דער מיסטיק, און ענדלעך דורך דער פילאָזאָפישער חקירה. איצט איז נאָך איבערגעבליבן צו דערפאָרשן דאָס געזעץ פון דער געשיכטע דורך די דערפאַרונגס־וויסנשאַפטן.

איך האָב זיך שוין אין אַנדערע ערטער באַמיט צו באַווייזן, וואָס מיר וויסן פון היינטיקן שטאַנדפונקט פון דער וויסנשאַפט מכח דעם געזעץ פון דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון דעם קאָס־מישן, אָרגאַנישן און סאָציאַלן לעבן. דורך נאַטורוויסנשאַפטלעכע און היסטאָרישע פאָרשונגען בין איך געקומען צו דער איבערציי־גונג, אַז איין געזעץ איז דער יסוד פון אַלע באַוועגונגס־דערשיינונ־גען און לעבנס־דערשיינונגען פון די הימלישע קערפּערס אין וועלט־רוים, אַזוי ווי פון די אָרגאַניזמען אויף דער ערד און פון די פעל־קער אין דער געשיכטע.

עס איז נישטאָ קיין אומענדלעכער, אומבאַשטרייטבאַרער פאָר־שריט, אין דער סאָציאַלער מענטשן־וועלט אַזוי ווייניק ווי אין דער אָרגאַנישער פלאַנצן־וועלט און חיות־וועלט, וואָס אויף איר שפּיץ שטייט דער נאַטירלעכער נאָך נישט אַנטוויקלטער מענטש. אין דער מענטשן־וועלט אין נישטאָ קיין אומענדלעכער פּאָרשריט, אַזוי ווייניק ווי אין דער קאָסמישער וועלט, וואָס איר שוי־פּלאַץ איז דער אומענדלעכער וועלט־רוים. אַלץ אַנטשטייט און אַנטוויקלט זיך, דער־גרייכט דעם צוועק פון זיין לעבן און שטאַרבט אָפּ, כדי ווידער אויפ־געלייזט צו ווערן און אויפצושטיין אַלס ניי לעבן אין דעם אייביקן קרייז־לויף פון דעם אומענדלעכן, אוניווערסאַלן, איינהייטלעכן און געטלעכן לעבן. וואָס מיר רופן אָן „פּאָרשריט״ איז די אַנטוויקלונג

פון דעם קיים־עלטער צו דעם רייפן לעבנס־אַלטער, און אין דעם עלטער האָט יעדעס וועזן דערגרייכט זיין באַשטימונג.

אַזוי ווי די וועגן זיינען פאַרשידן, פון אַטאָם ביז צו דער וועלט־ספּערע, פון דעם נידעריקסטן אָרגאַנישן מיקראָסקאָפּישן וועזן ביז צו דעם העכסטן וועזן פון דער ערד — דעם מענטש, אַזוי פאַרשידן איז אויך זייער אַנטוויקלונג, אַזוי פאַרשידן איז אויך זייער רייפער לעבנסאַלטער און פאָלגלעך אויך זייער באַשטימונג. אָבער גאָרנישט וואָס איז לעבעדיק אין צייט און רוים בלייבט אומפאַרענדערלעך, גאָרנישט איז אייביק, אַלץ אַנטשטייט און פאַרגייט, נאָכדעם ווי עס האָט דערפילט זיין באַשטימונג, כדי ווידער אויפצושטיין אַלס ניי לעבן *).

די גרויסע וועלט־קערפּערס אַנטשטייען און אַנטוויקלען זיך אין דעם וועלט־רוים, אין צייטן, פאַר וועלכע מיר האָבן נישט קיין מאָס. דאָס אָרגאַנישע לעבן, וואָס אַנטוויקלט זיך אויף די וועלט־קערפּערס, נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין אָנגעהויבן קאַלט צו ווערן אויף זייער אויבערפלאַך, דאָס אָרגאַנישע לעבן באַדאַרף די גאַנצע פּריערדיקע עפּאָכע צוליב זיין אַנטוויקלונג. דער מענטש, וועלכער הויבט אָן זיין גייסטיקע, הומאַנע, סאָציאַלע אַנטוויקלונג אין רייפן לעבנס־עלטער פון דער אָרגאַנישער ספּערע, דער מענטש וועט דער־גרייכן זיין באַשטימונג נאָך דער פאַרענדיקונג פון דער געשיכטלע־כער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, וועלכע איז נאָך נישט גע־קומען צו איר אָפּשלוס, וועלכע איז אָבער אויף קיין אופן נישט אומבאַגרענעצט, נישט אומענדלעך, געזעצלאָז און שראַנקענלאָז.

וואָס עס איז געבוירן געוואָרן אין דער צייט, באַדאַרף די צייט צוליב דער אויסבילדונג, עס דערגרייכט אָבער די אויסבילדונג ענד־לעך פולשטענדיק אין אַ באַשטימטער צייט.

מיר דערקענען נאָר איין איינציק, אייביק, צייטלאָז און רוימלאָז אַבסאָלוט וועזן. מיר דערקענען דאָס דורך דעם איינציקן אַבסאָ־לוטן געזעץ אין נאַטור־לעבן און געשיכטע־לעבן, פון וועלכן נאָר דאָס יידנטום האָט באַקומען די געטלעכע התגלות.

ווי באַלד די דערקענטעניש פון דאָזיקן געזעץ האָט נישט אין

---

*) נאָטע 7.

זיך קיינע ווידערשפּרוכן, פֿאַלגט דעריבער מיט נויטווענדיקייט דאָס לעבן נאָך דעם געזעץ. דערקענען און האַנדלען, אָדער תורה און מעשה, זיינען אומטיילבאַר. די סתירה, דער קאַמף, אָדער דער נצחון פון דער טוגנט, עקזיסטירן נאָר אין דער צייט פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון דער גאָטס־דערקענטעניש. אין דער צייט פון דער אַנטוויקלונג  קענען  מיר און  דאַרפֿן  מיר שטרעבן צו מאָראַל. נאָך דער פֿאַרענדיקטער אויסבילדונג פון דער דערקענטעניש אָדער זיין געזעץ  מוזן  מיר לעבן מאָראַליש. די מאָראַלישע נויטווענדיקייט איז די הייליקייט. דאָס יידנטום, וואָס האָט פון אָנהויב פון זיין געשיכטע אָנגעזאָגט די איינהייט און הייליקייט פון געטלעכן געזעץ אין נאַטור און געשיכטע, שטעלט אויף פון אָנהויב אָן די פֿאָדערונג פון הייליקייט, און אַלע זיינע נביאות דייטן אָן אויף דער צייט פון דער פֿאַרענדיקטער דערקענטעניש פון גאָט.

מיר טאָרן זיך נישט מאַכן קיין צייטלעך־רוימלעכע פֿאָרשטעלונג נישט פון דעם הייליקן וועזן פון גאָט און נישט פון אונזער וועזן, וואָס איז ענלעך צו גאָט. די פֿאַרענדיקטע דערקענטעניש איז די פולשטענדיקע באַהערשונג פון צייטלעכקייט און רוימלעכקייט, דאָס הייסט פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג אין דער קאָסמישער, אָרגאַנישער און סאָציאַלער לעבנס־ספערע. דאָס איז נאָר אַ צייכן פון אונזער נאָך נישט פֿאַרענדיקטער אַנטוויקלונג און נישט רייפער דערקענטעניש, ווען מיר שטעלן זיך פֿאָר די אייביקייט אַלס צייטלעכן דויער. אַזעלכע פֿאָרשטעלונגען באַווייזן נאָר איינס, אַז אונזער דער־ציאונג צו הייליקייט איז נאָך נישט פֿאַרענדיקט געוואָרן. די התגלות פון דעם הייליקן גייסט זאָגט נישט אָן קיין אַנדער צוקונפט, ווי די צוקונפט פון דער סאָציאַלער וועלט אין רייפן לעבנסאַלטער. דער וועלט־אַלטער הויבט אָן לויט אונזער געשיכטע־רעליגיע מיט דער משיח־צייט, אין וועלכער די יידישע נאַציע און אַלע היסטאָרישע פעלקער וועלן ווידער אויפשטיין צום נייעם לעבן, די צייט פון „תחית המתים", די צייט פון דער „צוריקקערונג פון גאָט", די צייט פון דעם „נייעם ירושלים", און ווי עס מעגן הייסן אַלע די דאָזיקע סימבאָלישע באַצייכענונגען, וואָס זייער באַדייטונג קען איצט שוין נישט מער שלעכט פֿאַרשטאַנען ווערן.

די משיח־צייט אין דאָס היינטיקע וועלט־אַלטער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט  ספּינאָזאַ,  און איז אַריינגעטראָטן זייט דער

פראַנצויזישער רעוואָלוציע אין דער וועלט־געשיכט־לעכער עקזיסטענץ. מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן דער ווידערגעבורט פון די פעלקער, וועלכע פאַרדאַנקען דעם יידנטום זייער נאַציאָנאַלן געשיכטע־קולט.

די סאָציאַלע לעבנס־ספערע אַנטוויקלט זיך, אַקוראַט ווי די קאָסמישע און אָרגאַנישע, אין דריי עפּאָכן, וועלכע זיינען גאַנץ ענלעך אין אַלע דריי לעבנס־ספערן.

די ערשטע אַנטפּלעקונגס־געשיכטע פון אַלטן יידנטום און היידנטום איז די פּאַרצייטיקע עפּאָכע פון דעם סאָציאַלן לעבן. זי אַנטשפּרעכט דער צייט, ווען אויף דער ערד האָבן ערשט אָנגעהויבן צו אַנטשטיין די אָרגאַניזמען, און ווען אין אוניווערסום האָבן ערשט אָנגעהויבן צו אַנטשטיין די וועלטן, די קאָמעטן און די נעפּלען.

די צווייטע אַנטפּלעקונגס־געשיכטע פון מיטלאַלטערלעכן יידנטום, קריסטנטום און איסלאַם, איז די געבורטס־עפּאָכע פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט. זי אַנטשפּרעכט אין דער אָרגאַנישער וועלט דער געבורטס־עפּאָכע פון די איצט לעבנדיקע אָרגאַניזמען, אין דער קאָסמישער וועלט אַנטשפּרעכט זי דער עפּאָכע פון די לייכטנדיקע וועלט־קערפּערס.

די דריטע אַנטפּלעקונגס־געשיכטע, דער היינטיקער וועלט־אַלטער פון דער סאָציאַלער לעבנס־ספערע, אַנטשפּרעכט דער עפּאָכע פון די פאַרענדיקטע אָרגאַניזמען אין דער אָרגאַנישער לעבנס־ספערע, אין דער קאָסמישער לעבנס־ספערע אַנטשפּרעכט זי דער עפּאָכע פון די אויסגעבילדעטע פּלאַנעטן־סיסטעמען.

די עפּאָכע פון רייפקייט, וועלכע הויבט זיך אָן אין דער קאָסמישער לעבנס־ספערע מיט דער צייט פון די לבנות אָדער דאָפּל־שטערן, און ענדיקט זיך מיט דער צייט פון די פּלאַנעטן, וועלכע ציט זיך אין דער אָרגאַנישער לעבנס־ספערע פון די פאָרגעשיכטלעכע ביז צו די געשיכטלעכע מענטשן־ראַסן, — די עפּאָכע פון רייפקייט אַנטוויקלט היינט אין סאָציאַלן לעבן דעם לעצטן ראַסן - קאַמף און קלאַסן - קאַמף, כדי צו קומען צום שלום פון אַלע סתירות, צום גלייכגעוויכט צווישן פּראָדוקציע און פאַרברויך און צו אַ פאַרענדיקטן קרייז־לויף פון לעבן, וועלכער כאַראַקטעריזירט שטענדיק די מענטש־לעכע רייפקייט.

פּאַרעדטע פריינדין! איר וועט געפינען די וועלט־אַנשויאונג, וועלכע איך באַשרייב דאָ אין אַלגעמיין, אין אַלע מיינע ווערק. זייט מיין ערשטן אַרויסטריט אַלס שריפטשטעלער, האָב איך נישט גע־האַט קיין אַנדער וועלט־אַנשויאונג. דאָס איז די נשמה פון מיין גאַנצן שטרעבן. די איינצלנע אַרומרעדונג פון דער דאָזיקער וועלט־אַנשוי־אונג איז מיין לעבנס־אויפגאַבע, און איך האָף, אַז איך וועל נאָך אַמאָל די וועלט־אַנשויאונג ווייטער אַנטוויקלען. אין די ענגע ראַמען פון אַ בריוו קען מען זיך נישט אַריינלאָזן באריכות אויף אַזאַ ברייטן קעגנשטאַנד. אין דאָזיקן אויגנבליק בין איך אָבער אויך צופיל פאַרנומען מיט דעם שיקזאַל פון מיין פאָלק, אַז איך זאָל קענען באַהאַנדלען אַ פראַגע, וועלכע הענגט אַפילו זייער ענג צוזאַמען מיט דער יידישער פראַגע, אָבער וועלכע וועט ערשט נאָך דער לייזונג פון דער יידישער פראַגע קענען געלייזט ווערן.

## עלפטער בריוו

דאָס רעגענערירטע יידנטום און דער קרבנות־קולט. — צווי טויזנט יעריק זיפצן נאָך אַ נייער ליכט־שאַפונג פאַר ציון. — פּאַטרי־אַטישע שירים און תפילות. — אַן אַלטע לעגענדע. — צייכן פון צייט. — די צייט פון צוריקקערונג דערנענטערט זיך. — די אָריענטאַלישע פראַגע און די יידן. — באַגייסטערטער אויפ־פון אַ פראַנצויז.

פון מיין „נסיעה צו די שטערן" פירט איר מיך צוריק צו דעם באָדן פון פּאַלעסטינע. איר האָט ליב די אַנטי־טעזן. קעגן דעם דער־הויבענעם געשיכטע־קולט פון מיין רעגענערירטן יידנטום שטעלט איר אַרויס דעם בלויזן „קרבנות־קולט" פון דעם אַלטן ישראל, און איר מיינט, אַז די פרומע יידן וועלן אָן דעם קולט קיינמאָל נישט העלפן דעם אויפבוי פון בית־המקדש. איר מיינט דערביי, אַז מיין ליבע צו מיין נאַציע גייט נישט אַזוי ווייט, אַז איך זאָל צוליב איר אויך מיטמאַכן דעם קרבנות־קולט.

איך בין מיט אייך נישט איינשטימיק, נישט בנוגע צו דעם באַדינג פון די פרומע יידן, און אויך נישט בנוגע צו אייער השערה וועגן מיין יידישן פּאַטריאָטיזם. וואָס איז בנוגע מיין אויפגעוואַכטע,

אָבער דערפאַר זייער טיף־פאַרוואָרצלטע ליבע צו מיין נאַציע, פאַרגעסט איר אפּנים, אַז די עכטע ליבע, וועלכע באַהערשט דעם גייסט און דעם זין, איז ווירקלעך ב ל י נ ד, בלינד דערפאַר, ווייל זי ליבט נישט נאָר די „פולקאָמענהייטן" פון דעם געליבטן וועזן, נאָר ליבט עס אַזוי ווי עס איז, מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות. די ליבע וויל נישט פאַרדעקן די חסרונות, נאָר זי ליבט די גאַנצע אינדיווידואַליטעט. דער שניט אויפן פּנים פון מיין געליבטער פאַרמינערט נישט מיין ליבע, נאָר איז מיר אַקוראַט אַזוי טייער, און אפשר נאָך טייערער, איידער אירע שיינע אויגן, וועלכע זיינען פאַראַן אויך ביי אַנדערע שיינע מיידלעך, בשעת דוקא דער שניט איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אינדיווידואַליטעט פון מיין געליבטער. אויב דער קרבנות־קולט וואָלט זיך נישט געקענט באמת אָפּטיילן פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט, וואָלט איך אויך דעם קרבנות־קולט אָנגענומען. דערווייל בין איך אָבער איבערצייגט פון דעם קעגנטייל. אין אונזער דערהויבענעם געשיכטע־קולט, וועלכער גייט פון ליכט־שאַפונג צו ליכט־שאַפונג, וועלכער אָטעמט נאָר מיט ליבע צו דער מענטשהייט און מיט דער דערקענטעניש פון גאָט 1), קען דער קרבנות־קולט נישט זיין קיין אייביקע זאַך.

נישט קוקנדיק אָבער אויף מיין אינדיווידועלער איבערצייגונג, וויל איך עס פונדעסטוועגן נישט וואַגן אָנווייזן די דרכים פון דער געשיכטע. עס זיינען פאַראַן פראַגן, וועלכע זיינען נישט לייזבאַר לכתחילה, וועלכע קענען אָבער געלייזט ווערן פון זיך אַליין אין לויף פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. צו די פראַגן געהערט די פראַגע פון קולט איבערהויפּט, און באַזונדערס די פראַגע מכח דעם, ווי פון דעם מאָראַליש־רעליגיעזן גייסט פון דעם פאָלק, וואָס איז שטענדיק געווען דער שעפער פון זיין רעליגיע, זאָלן באַשאַפן ווערן באַשטימטע פאָרמען פון גאָטס־דינסט.

דער ראַבינער ז אַ ק ס, וועמענס קלאַסיש ווערק איך האָב אייך שוין איינמאָל דערמאָנט, זאָגט פאָלגנדיקעס וועגן דער יידישער רעליגיע אין גלות און אין ארץ־ישראל:

„דער ברייטער באָדן פון דער ווירקלעכקייט קען נישט אַרומגענומען ווערן לכתחילה שוין דורך אַ פאַרטיקן סיסטעם פון געזעצן. אַפילו די דינים און געזעצן זיינען נישט אַזוי פאַרגליווערט אין זיך, אַז זיי זאָלן בלייבן אומפאַרענדערט אונטער דעם דרוק פון דעם

פרייען לעבן. דער שטראָם פון לעבן וואַשט אַראָפּ די גרענעצן און ער רייסט זיך אַריין אין די פעסטע ברעגן״. — „ערשט נאָך דער אָפּטויטונג פון דער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, וועלכע האָט די רע־ליגיע געשאַפן, און איז צוריק אויך פון דער רעליגיע באַאיינפלוסט געוואָרן, איז די רעליגיע פאַרגליווערט געוואָרן. די פאַרגליווערונג וועט זי אָבער פאַרלירן, ווען די נאַציאָנאַלע באַוועגונג וועט דער־וואַכן צו אַ נייעם לעבן, ווען דער פרייער שטראָם פון אַ נאַציאָנאַלער היסטאָרישער אַנטוויקלונג וועט זיך ווידער אריינרייסן אין די פעס־טע ברעגן״.

דער הייליקער גייסט, דער שעפּערישער געניוס, פון וועלכן עס זיינען אַנטשטאַנען דאָס יידישע לעבן און די יידישע תורה, האָט זיך אָפּגעטאָן פון פאָלק, נאָכדעם ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן צו שע־מען מיט זיין נאַציאָנאַליטעט. אָבער דער דאָזיקער גייסט וועט נאָך אַמאָל באַזעלן אונזער פאָלק, ווען עס וועט ווידער דערוואַכן צום לעבן, און ער וועט אַרויסברענגען שאַפונגען, פון וועלכע מיר קענען היינט אפשר נאָך נישט חלומען.

וואָס פאַרא געשטאַלט דאָס לעבן און דער גייסט וועלן אָננעמען ביי די ווידערגעבוירענע פעלקער, קען קיינער לכתחילה נישט באַ־שטימען. וואָס שייך זייער קולט, און באַזונדערס דעם יידישן קולט, וועט ער געוויס זיין פאַרשידן פון דעם היינטיקן קולט, אַזוי ווי פון דעם אַמאָליקן. דער קרבנות־קולט, ווי די תורה באַפעלט אים, איז נישט קיין סתירה קעגן דער הומאַניטעט, פאַרגליכן מיט מענטשן־קרבנות פון די פעלקער, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט דאָס פאָלק ישראל. פאַרקערט, דער קרבנות־קולט איז געווען דער שענסטער נצחון פון דער הומאַניטעט *).

אויב דער קרבנות־קולט קען באַטראַכט ווערן אַלס אַ הנחה, וועלכע אונזער תורה האָט געמוזט מאַכן דעם היידנטום, כדי צו פאַר־היטן, אַז דאָס פאָלק ישראל זאָל נישט צוריק אַריינפאַלן צו די געצנדינער, אָדער מען קען אין דעם קרבנות־קולט זען סימבאָלישע האַנדלונגען, וואָס זייער באַדייטונג און באַדערפעניש ווייסן מיר מער נישט, איינס איז אָבער זיכער, אַז די יידן האָבן טראָץ זייערע

*) נאָטע 8.

„בלוטיקע קרבנות", אויף וועלכע מיר קוקן היינט פון אויבן אַראָפּ, געהאַט אַ גרעסערן שרעק פאַרן פאַרגיסן און עסן פון בלוט, וואָס „איז די נשמה", איידער אונזערע מאָדערנע פעלקער, וועלכע עסן דאָס בלוט מיט דעם פלייש אָן קרבנות און אָן צערעמאָניעס. אָבער דער קרבנות־קולט איז שוין זייט אַכצן הונדערט יאָר אַרויס פון דער מאָדע, און דערפאַר שעמען זיך מיט אים אַזוי אונזערע ניי־מאָדישע יידן. פונדעסטוועגן איז ער היינט אַפילו נאָך אַן אויסדרוק פון דעם פרומען קינדערישן גייסט. געטהע דערציילט, אַז ער האָט אין זיין יוגנט געקענט באַפרידיקן זיין רעליגיעזן חוש נאָר דורך קרבנות, וועלכע ער האָט געבראַכט צו דעם אייביקן דערמיט, וואָס ער פלעגט אָנצינדן אַ פייער און אַריינוואַרפן אַהין זיינע ליבסטע שפּילצייג. אָבער אונזערע נביאים פון אַמאָל און די רבנים פון מיטלאַלטער האָבן קיינמאָל נישט באַטראַכט דעם קרבנות־קולט פאַר אַזוי וויכטיק, ווי אונזערע היינטיקע פאַרגליווערטע אָרטאָדאָקסן, וועלכע האַלטן אים פאַר אומטיילבאַר פון דעם ווידעראויפבוי פון אונזער נאַציאָנאַליטעט. ר ב י  י ו ח נ ן  ב ן  ז כ א י האָט שוין דערקלערט אויפווייזנדיק אויף דעם נביא הושע (קאַפיטל 6, פסוק 6), אַז צדקה קען קומען אַנשטאָט קרבנות.

היינטיקע רבנישע אויטאָריטעטן, וועלכע לייקענען, אַז אונזערע היינטיקע בני אהרן האָבן אַ רעכט צו זיין כהנים ביי קרבנות, רעדן פונדעסטוועגן מכח דעם ווידעראויפבוי פון אַ יידישער מלוכה *).

דער קולט, וועלכן מיר וועלן אַמאָל איינפירן אין דעם נייעם ירושלים, קען און מוז דערפאַר בלייבן אַן אָפענע פראַגע. רוים איז נישט אויפגעבויט געוואָרן אין איין טאָג, אויך דאָס ניי ירושלים באַדאַרף צייט פאַר זיין גרויסן אויפבוי. וואָס מיר דאַרפן היינט טאָן פאַר דעם ווידעראויפבוי פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט, באַשטייט דערוויל אין דעם, צו דערהאַלטן ביים לעבן די האָפענונג אויף אונזער פּאָליטישן ווידערגעבורט, און צו דערוועקן זי דאָרט, ווו זי שלאָפט. אויב שפּעטער וועלן די וועלט־פּאַסירונגען, וועלכע גרייטן זיך אין אָריענט דערלויבן אַ פּראַקטישן אָנהויב פאַר דעם ווידעראויפבוי פון דער יידישער מלוכה, וועט דער דאָזיקער אָנהויב

*) נאָטע 10.

לכתחילה באַשטיין אין דער גרינדונג פון יידישע קאָלאָניעס אין אונזער ארץ אבותינו. פראַנקרייך וועט אָן ספק אונז דעריך העלפן. איר ווייסט, וואָס פאַראַ אַנטייל די יידן האָבן גענומען אין דער סובס־קריפּציע לטובת די סירישע שלאַכט־קרבנות.

ק ר ע מ י ע האָט דאָ גענומען די איניציאַטיוו. דער זעלבער קרעמיע, וועלכער איז מיט 20 יאָר פריער געפאָרן מיט משה מאָנ־טעפיאָרע אין סיריע, כדי צו באַשיצן די יידן קעגן די פאַרפאָלגונ־גען פון די קריסטן. אין דעם זשורנאַל „דע דעבאַ", וועלכער דרוקט שירים נאָר זייער זעלטן, איז אין דער צייט פון דער סירישער עקס־פּעדיציע אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ שיר פון ל ע אָ ן ה ל ו י, וועל־כער האָט אפשר דערביי אַזוי ווייניק ווי קרעמיע געקלערט מכח דעם ווידערגעבורט פון פאָלק ישראל. פונדעסטוועגן זיינען זיינע שיינע פערזן געשריבן געוואָרן מיט דעם געפיל פון דאָזיקן ווידער־געבורט. אויך אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר וו אַ י ל האָט אין דער צייט געדיכטעט אין זעלבן זין.

פראַנקרייך, מיין ליבע פריינדין, פראַנקרייך איז דער העלד און דער דערלייזער, וועלכער וועט ווידער אַריינברענגען אונזער פאָלק אין דעם ריכטיקן וועג פון דער וועלט־געשיכטע.

דערלויבט מיר אייך דאָ צו דערמאָנען אַ לעגענדע, וועלכע איר ווייסט אַליין אפשר:

אַ ריטער, וועלכער איז געפאָרן אין אָריענט, כדי צו באַפרייען ירושלים, האָט אין זיין לאַנד איבערגעלאָזט אַ פריינט. בשעת יענער איז געגאַנגען צום קאַמף, איז דער פריינט געבליבן אין דער היים פאַרטיפט אין זיין לערנען. וואָרום דער פריינט איז געווען אַ פרומער רב.

אַמאָל איז דער ריטער צוריקגעקומען צו זיין פריינט, וועלכער איז נאָך אַלץ געווען פאַרטיפט אין דער גמרא, און האָט צו אים גע־זאָגט:

„גאָט זאָל דיך גריסן, אַלטער פריינט! איך קום פון דעם הייליקן לאַנד און ברענג פון דאָרטן אַ צייכן פון אונזער פריינטשאַפט. וואָס איך קעמף אויס מיט דער שווערד, דערצו שטרעבסטו מיטן גייסט. אונזערע וועגן קומען זיך סוף כל סוף צוזאַמען".

מיט די דאָזיקע ווערטער האָט דער ריטער איבערגעגעבן דעם רב אַ רויז פון יריחו.

דער רב האָט גענומען די בלום און האָט זי באַנעצט מיט זיינע טרערן. די רויז האָט דערביי ווידער אויפגעבליט, און דער רב האָט געזאָגט צו דעם ריטער:

„וואונדער זיך נישט, מיין פריינט, וואָס די רויז האָט אויפגעבליט אין מיין האַנט. זי האָט פונקט די זעלבע אייגנשאַפט, ווי אונזער פאָלק צו דערוואַכן צום לעבן דורך דעם וואַרעמען הויך פון ליבע, כאָטש זי איז שוין לאַנג אַרויסגעריסן געוואָרן פון דער ערד, אין וועלכער זי האָט אירע וואָרצלען, און איז אין דער פרעמד פאַרדאַרט געוואָרן. אויך דאָס פאָלק ישראל וועט ווידער אויפבליען, און דער הייליקער פונק, וועלכער ברענט איצט אונטערן אַש, וועט נאָך אַמאָל ווידער ליכטיק פאַנאַנדערפלאַקערן, בשעת מיר וועלן זיך נאָכאַמאָל באַגעגענען אין לעבן".

ליבע פריינדין, די וועגן פון דעם רב און דעם ריטער באַגעגענען זיך היינט. דער רב — דאָס איז אונזער פאָלק, און דער ריטער איז דאָס פראַנצויזישע פאָלק, וואָס שיקט היינט, אַזוי ווי אַמאָל אין מיטלאַלטער, זיינע סאָלדאַטן אין סיריע, און האָט געעפנט די וועגן פון גאָט אין מדבר.

האָט איר קיינמאָל נישט געהערט די ווערטער פון דעם נביא ישעיהו?

„נחמו נחמו עמי יאמר אלהיכם. דברו על לב ירושלים וקראו אליה, כי מלאה צבאה, כי נרצה עונה, כי לקחה מיד יהוה כפלים בכל חטאתיה... 2)".

מיינט איר נישט, אַז אין די דאָזיקע ווערטער, מיט וועלכע ישעיה השני הויבט אָן זיין נבואה, און אין די ווערטער, מיט וועלכע דער נביא עובדיה ענדיקט זיין נבואה 3), ווערט נישט געשילדערט אונזער צייט? איז דען נישט געשיקט געוואָרן קיין הילף נאָך ציון, כדי צו ריכטן די ווילדע בערג־באַוווינער? ווערט דען נישט געבויט אַ וועג פון קולטור אין דעם מדבר דורך קאַנאַל־אַרבעטן ביים סועץ און אייזנבאַנען, וועלכע פאַרבינדן אייראָפּע מיט אַזיע? — מען קלערט דערביי, פאַרשטייט זיך, נישט מכח דעם ווידעראויפבוי פון אונזער נאַציאָנאַליטעט. אָבער איר ווייסט דאָך דעם שפּריך־וואָרט: „דער מענטש דענקט — גאָט לענקט". אַזוי ווי מען האָט אַמאָל געזוכט אין מערב אַ וועג קיין אינדיע און געפונען אַ נייע וועלט, אַזוי וועט מען דורך דעם וועג, וועלכער ווערט היינט געבויט אין

אָריענט קיין אינדיע און כינע, געפינען אונזער פאַרלוירן פאָטערלאַנד. אָדער צווייפלט איר אפשר, אַז פראַנקרייך וועט העלפן די יידן צו גרינדן קאָלאָניעס, וועלכע זאָלן קענען אויסברייטערן זייער נעץ פון סועץ ביז ירושלים און פון די ברעגן פון ירדן ביז צום מיטללענדישן ים? טאָ לייענט נאָר די שריפט, וועלכע איז נישט לאַנג דערשינען אונטער דעם טיטל: ד י נ יי ע אָ ר י ע נ ט אַ ל י ש ע פ ר אַ ־ ג ע. דער פּאַרפאַסער האָט נישט געהאַנדלט לויט דער אָנווייזונג פון דער פראַנצויזישער רעגירונג, אָבער אין גייסט פון פראַנצויזישן פאָלק, ווען ער פאָדערט אויף אונזערע ברידער ,ניט אויס רעליגיעזע, נאָר אויס פּאָליטישע און הומאַנע מאָטיוון, אויפצובויען אונזער אַלטע מלוכה 4).

איך וואָלט געוואָלט רעקאָמענדירן די דאָזיקע שריפט פון אַ נישט יידישן, נאָר אַ פראַנצויזישן פּאַטריאָט, צו אונזערע מאָדערנע יידן, וועלכע באַרימען זיך מיט דער פראַנצויזישער הומאַניטעט. איך ברענג דערפאַר אייניקע זייטן פון דער שריפט אין דייטשער איבער־זעצונג פון דער פראַנצויזישער שריפט: „ד י נ יי ע אָ ר י ע נ ־ ט אַ ל י ש ע פ ר אַ ג ע”, פון ערנעסט לאַהאַראַן *).

„אין די נייע אָריענטאַלישע פאַרוויקלונגען האָבן מיר אָפן גע־לאָזן פּאַלעסטינע, כדי פאַרצולייגן דער וועלט די פראַגע, אויב דאָס אַלטע יהודה קען נישט נאָכאַמאָל געפינען זיין אָרט און זיין נאָמען אונטער דער זון.

„די דאָזיקע פראַגע ווערט נישט היינט אַרויסגערוקט צום ערשטן מאָל. מען האָט גערעדט וועגן דעם אויסקויף פון פלישתנא דורך די יידישע באַנקירן פון דער גאַנצער וועלט, אָדער נאָך בעסער וועגן דעם איידעלערן און פיל וויכטיקערן אויסקויף דורך אַן אַלגעמיינער סובסקריפּציע פון אַלע יידן. פאַרוואָס איז דער דאָזיקער פּאַטריאָטי־שער פּלאַן נאָך נישט אויסגעפירט געוואָרן? געוויס איז דער פּלאַן נישט בטל געוואָרן דורך דער גלייכגילטיקייט פון די פרומע יידן, וואָרום זייער האַרץ שלאָגט הויך און זייערע אויגן ווערן נאַס ביי דעם געדאַנק פון שיבת ציון 5). ווען ביז איצט האָט זיך דער פּראָיעקט אויסגעדוכט פאַר נישט אויספירבאַר, איז די סיבה דערפון לייכט צו

*) נאָטע 9.

פאַרשטיין. די יידן האָבן נישט געטאָרט דענקען דערפון צו ווערן בעלי בתים פון דעם לאַנד פון זייערע עלטערן. מיר קריסטן וואָלטן דאָך דאָס פאַרבאָטן. מיר קריסטן וואָלטן דאָך שטענדיק די יידן באַשווערט און אין נאָמען פון אונזער אמונה זיי שטענדיק געלאָזט פילן, אַז זייערע אור־אבות זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד אין דעם טאָג פון דער קרייציקונג. אונזער נאַרישער קאַטאָליציזם וואָלט געשטערט דאָס ווערק פון דעם ווידערגעבורט פון פאָלק ישראל דורך זיין נוצלאָזער קעגנוואַרט. מיר וואָלטן נאָך אין 19טן יאָרהונדערט געהערט פרעדיקער, וועלכע וואָלטן נבואה געזאָגט דעם סוף פון דער וועלט און דעם אָנקום פון דעם אַנטי־קריסט, אויב דאָס איידעלע און אומגליקלעכע ירושלים וואָלט ווידער אויפגעבויט געוואָרן דורך יידיש געלט. אין דעם הייליקן בינשטאָק וואָלטן מיר געהערט אָ שטענדיקן זשומען פון יענע אינזעקטן, וועלכע באַגריסן ליבער די שווערד און די הענט פונם באַרבאַר, איידער דאָס אויפשטייקן פון די פעלקער אונטער דער פאָן פון אַ פרייען און גרויסן געדאַנק. דאָס איז אָן ספק די סיבה, וועלכע האָט אָפגעהאַלטן דאָס פאָלק ישראל פון יעדן פרווו צו ווערן דער בעל־הבית פאַר זיך זעלבסט, די סיבה, פאַרוואָס עס וויל נאָך נישט אַראָפּשאָקלען דעם שטויב פון זיינע פיס.

דאָס דערקלערט נאָר די מוטלאָזיקייט פון די פּאַטריאָטישע יידן. אָבער די מאָדערנע יידן קענען נישט פרייגעשפּראָכן ווערן פאַר דעם אינדיפערענטיזם, וועלכן זיי ווייזן אַרויס צו דעם ווידעראויפבוי פון דער יידישער מלוכה, און וואָס עס ברענגט נישט קיין כבוד נישט זייער פאַרשטאַנד און נישט זייער האַרץ. זייערע דערקלערונגען מכח דעם פונקט האָבן נישט קיין מאָראַלישן און נישט קיין פּאָליטישן ווערט. עס איז פאַראַן אַ דערקלערונג פון די מאָדערנע יידן פון פראַנקפורט, וועלכע אַנטהאַלט אין זיך פאָלגנדיקע ווערטער:

„מיר אַנערקענען אַלס אונזער פאָטערלאַנד נאָר דאָס לאַנד, אין וועלכן מיר זיינען געבוירן, מיט וועלכן מיר זיינען פאַרבונדן דורך בירגערלעכע באַציאונגען 6).

מען קען זיך נישט אָפּזאָגן פון אַן אייביקן רעכט, מען קען נישט פאַרלייקענען די אייגענע פאַרגאַנגענהייט און די אייגענע עלטערן, באַזונדערס אין אַ צייט, ווען די איירָאָפּעאישע פאַרהעלטענישן פאַרלאַנגען דעם ווידעראויפבוי פון דער יידישער מלוכה. וועלכע אייראָ־

פּעאישע מאַכט וואָלט היינט געהאַט עפּעס דאַקעגן, אַז די יידן זאָלן זיך פאַרייניקן אין אַ קאָנגרעס, און זאָלן באַראַטן און באַשליסן דעם אויסקויף פון זייער פאָטערלאַנד? ווער וואָלט עפּעס געהאַט דאַקעגן, ווען די יידן וואָלטן אַ וואָרף געטאָן אַ הויפן געלט צו דער פאַנאַנדער־פאַלנדיקער טערקיי און צו איר געזאָגט: גיב מיר מיין אייגן לאַנד צוריק און פאַרשטאַרק מיט דעם געלט אַלץ, וואָס ביי דיר איז אי־בערגעבליבן פון דיין מלוכה.

ניין, קיינער וואָלט נישט געווען דאַקעגן און דער שטאַאַט יהודה וואָלט געקענט פאַנאַנדערציען זיינע גרענעצן פון סועץ ביז סמירנאַ, אַריינשליסנדיק נאָך דעם מערב־טייל פון לבנון. וואָרום מיר וועלן זיך נישט אייביק אַרומשלאָגן. עס מוז קומען די צייט, ווען דאָס אַל־געמיינע אויסמאָרדן, דער קאַנאָן־דונער און ליאַרעם וועט פאַראור־טיילט ווערן, און ווער עס וועט זוכן מלחמה, וועט זיך נישט קענען ווייזן פאַר דער וועלט. מיר מוזן דערפאַר עפענען אַ ווייטן באַדן פאַר די פרידלעכע קאַמפן פון אַרבעט. די אייראָפּעאישע אינדוסטריע מוז יעדן טאָג אַלץ מער פאַרברייטערן איר מאַרק. מיר קענען נישט פאַרלירן קיין צייט. דער אויגנבליק איז געקומען, צו דערוועקן צום לעבן די אַלטע פעלקער, כדי זיי זאָלן עפענען גרויס און ווייט די וועגן פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע".

אויף אַן אַנדער פּלאַץ רעדט דער פאַרפאַסער וועגן אונז מיט אַ באַגייסטערונג, מיט ליבע און אַכטונג, וועלכע שטייגט איבער אַלץ, וואָס אַ פּאַטריאָטישער ייד האָט ווען געזאָגט וועגן זיין אייגענער נאַציע:

„איבער דער פאַרענדערלעכער געשיכטע פון דער מענטשהייט הערשט אומבאַוועגלעך אַ געהיימניספולע מאַכט. ווען די האַנט פון גאָט האָט פאַרטיליקט אַ פאָלק פון דער ערד, און זיין פייניקער האָט אַרויסגעדריקט די חתימה אויף דעם קבר פון אַ נאַציע, דאַן איז דאָס דאָזיקע פאָלק פאַראורטיילט געוואָרן און איז אַריינגעפאַלן אין אייביקער פאַרגעסנקייט.

ווען אָבער אַ פאָלק ווערט אַרויסגעריסן אין קינדער־עלטער פון זיין וויגעלע, ווען נאָך אַ ביטערן גלות קערט ער זיך אום צוריק אין זיין לאַנד, כדי דאָס קיינמאָל נישט צו פאַרגעסן אין דעם שפּעטער־דיקן גלות, ווען אַ פאָלק האָט אין זיין צעשפּרייטונג די קראַפט אויס־צוהאַלטן אַ מאַרטירערטום פון 18 הונדערט יאָר, און דאָס פּאַטריאָ־

טישע פייער זאָל אין זיין האַרץ נישט אויסגעלאָשן ווערן, דאַן שטייען מיר פאַר אַן אומענדלעכער געהיימניש אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

אין די דאָזיקע עטלעכע ווערטער ליגט די גאַנצע געשיכטע פון פאָלק ישראל.

וואָס פאַראַ ביישפּיל! וואָס פאַרא ראַסע!

איר האָט געפירט אייערע לעגיאָנען, איר, רוימישע דעראָבע־רער, קעגן ציון, וועלכע איז געלעגן אין חורבות, און איר האָט פאַרטריבן די קינדער פון ישראל פון זייער לאַנד. אייראָפּעאישע, אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע באַרבאַרן! איר האָט געשענקט אייער אויער צו דער שטימע פון אַבערגלויבן און האָט אַרויסגעזאָגט איבער יידן די קללה. איר, מיטלאַלטערלעכע מלוכות, איר האָט אויסגע־צייכנט מיט אַ שאַנד־פלעק די יידן, וועלכע האָבן אייך געגעבן דאָס געלט, כדי אויסצוהאַלטן אייערע סאָלדאַטן, און האָבן פאַרזאָרגט מיט סחורות אייערע שוואַכע מערק. איר, גרויסע אינקוויזיטאָרן, איר האָט צווישן די צעשפּרייטע קינדער פון ישראל געזוכט די רייכסטע קר־בנות, די אומשולדיקסטע קעפּ, כדי אָנצופילן אייערע געפענגענישן און אייערע קאַסעס און כדי צו געבן שפּייז אייערע אויטאָ־דע־פעס. און איר, אַפּלייקענער פון דעם עדיקט פון נאַנטעס, איר האָט אַרויס־געטריבן פון לאַנד די יידן, וועלכע זיינען נצול געוואָרן פון דעם אַפּאָסטאָלישן פאַנאַטיזם. און איר, מאָדערנע נאַציעס, איר האָט נישט געגעבן קיין בירגער ־ רעכט די דאָזיקע אומדערמידלעכע אַרבעטער און געשעפטס־לייט.

וואָס פאַרא פאַרפאָלגונגען, וויפיל טרערן, וויפיל בלוט אין משך פון 18 הונדערט יאָר! אָבער איר קינדער פון ישראל זייט נאָך אַלץ פאַראַן אין דער וועלט! איר האָט אַריבערגעשריטן איבער די אומ־ענדלעכע מניעות, וועלכע די שנאה, די פאַראַכטונג, דער פאַנאַטיזם האָבן אָנגעוואָרפן אויף אייער וועג. די האַנט פון דעם אייביקן האָט אייך שטענדיק געפירט.

ענדלעך האָט אייך פראַנקרייך פריי געמאַכט. ערב דעם גרויסן וועלט־אַלטער האָט פראַנקרייך, וואָס האָט אירע אייגענע קייטן צע־שלאָגן, אַלע פעלקער און אויך אייך גערופן צו פרייהייט און גלייכבאַ־רעכטיקונג. איר זייט געוואָרן בירגער און זענט היינט אונזערע ברי־דער. דאָס יאָר 1789 איז געווען די ערשטע שטופּע צו אייער אַנערקע־

נונג, אויב מען קען רעדן פון אנערקענונג דאָרט, ווו עס איז נישט געווען שענדונג, נאָר אומגליק. אין איר באַפרייאונגס־מיסיע האָט פראַנקרייך אויפגעזוכט אַלע פאַרפאָלגטע ראַסן, אַלע וועלט־שקלאַפן, און האָט אויך אייך געפונען אין אייערע געטאָס און האָט אויפגעעפנט זייערע טויערן. פראַנקרייך האָט אייך איינגעלאַדן אין איר פּאַרלאַמענט. איר האָט אַנטיילגענומען אין איר גליק און אומגליק. איר האָט געערדט אין דעם טאָג פון דער באַראַטונג. איר האָט אויסגעדריקט אַנערקענונג אונזערע נצחונות און האָט פאַרגאָסן טרערן ביי אונזערע מפּלות. איר זענט בירגער און טרייע ברידער. פראַנקרייך וועט זיין פאַר אייך להבא אַ ליכט פון דערלייזונג קעגן אייערע שונאים, וועלכע זיינען אויך שונאים פון דער מאָדערנער דעמאָקראַטיע קעגן די שלאַנגען פון פאַנאַטיזם, וועלכע שפּריצן אויס זייער גיפט אויף אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָך נישט פאַרגיפטעט, קעגן די באַשמוצער פון אייער נאַציאָנאַליטעט, אייער פאָלקס־כאַראַקטער און אייער קולט.

איר זענט קראַפט־נאַטורן און מיר בויגן זיך פאַר אייך. איר זענט געווען שטאַרק אין אייער אַלטער געשיכטע, שטאַרק נאָך דער צעשטערונג פון ירושלים, שטאַרק אין מיטלאַלטער, בשעת עס זיינען געווען נאָר צוויי טונקעלע מאַכטן: די אינקוויזיציע מיט דעם קרייץ און די גזלנים מיט דער האַלבער לבנה. איר האָט זיך דערהאַלטן אין גלות, כאָטש דאָס האָט אייך געוויס געקאָסט פאַרפאָלגונגען פון 18 יאָרהונדערטער. אָבער דער רעשט פון אייער נאַציע איז נאָך גענוג שטאַרק, כדי ווידער צו עפענען די טויערן פון ירושלים. דאָס איז אייער אויפגאַבע. די השגחה וואָלט אייך נישט געלאָזן קומען צו אונז, ווען זי וואָלט פאַר אייך נישט געהאַט אפגעהיטן די הייליקסטע פון אַלע מיסיעס. די שעה האָט געשלאָגן פאַר די ברעגן פון ירדן. די דברי הימים פון די קעניגלעכע נביאים קענען להבא נאָר פון אייך ווייטער געשריבן ווערן.

אַ גרויסע מיסיע וואַרט אויף אייך. איר זענט אַ לעבעדיקע פאַרבינדונג צווישן דריי וועלטן, און איר זאָלט טראָגן די ציוויליזאַציע צווישן די אַבערגלויבערישע פעלקער און צו זיי ברענגען די אייראָפּעאישע וויסנשאַפטן, וועלכע איר האָט אַזוי גוט דערוואָרבן. איר זאָלט זיין די פאַרמיטלער צווישן אייראָפּע און דעם ווייטן אַזיע. איר זאָלט עפענען די וועגן, וועלכע פירן צו אינדיע און כינע, אין יענע

אומבאַקאַנטע לענדער, וועלכע מוזן געעפנט ווערן פאַר דער ציוויליזאַציע. איר וועט אָנקומען אין לאַנד פון אייערע עלטערן מיט דער מאַרטירער־קרוין און מיט די צייכנס פון אייערע לאַנגיעריקע שמערצן. ערשט דאָרט וועט איר פולשטענדיק געהיילט ווערן. אייערע קאַפּיטאַלן וועלן ווידער אויפבויען יענע אומפּרוכטבאַרע לענדער. אייער אַרבעט און אינדוסטריע וועלן גרין מאַכן יענעם באָדן, וועלכן דער מדבר האָט פאַרשאָטן מיט זיין זאַמד, — און די וועלט וועט באַוווּנדערן דעם עלטסטן פון אַלע פעלקער.

דער מאָמענט איז געקומען, אַז איר זאָלט אייער פאָטערלאַנד, וואָס איז ביז איצט פון טערקיי צעטרעטן געוואָרן, פאָדערן פאַר זיך, אויף אַ פרידלעכן אופן, דורך געלט, אָדער אויף וועלכן עס איז אַנדערן אופן.

איר האָט גענוג געהאָלפן צו ציוויליזירן די פעלקער, אַרויפצוברענגען אייראָפּע אויפן וועג פון פאָרשריט, אַרויסצורופן און צו אונטערשטיצן רעוואָלוציעס. איצט מוזט איר טראַכטן וועגן זיך זעלבסט, וועגן די בערג פון לבנון, וועגן דעם גרויסן לאַנד אַרום כנרת.

גייט פאָרויס! אונזערע הערצער וועלן נאָכפאָלגן אייער רעגעסאַנס, אונזערע אַרמייען וועלן אייך העלפן.

גייט פאָרויס, יידן פון אַלע לענדער!

דאָס אַלטע פאָטערלאַנד רופט אייך, און מיר וועלן שטאָלץ זיין, וואָס מיר האָבן אייך געעפנט זיינע טויערן.

גייט פאָרויס, איר זין פון מאַרטירער!

דער שניט פון צרות, וועלכע איר האָט אָנגעקליבן אין אייער גלות, וועט נאָך אויפהויבן דעם אַמאָליקן גלאַנץ פון דודס טעג און וועט ניי באַלעבן יענע אַמאָליקע געשיכטע.

גייט פאָרויס, איר איידעלע הערצער!

דער טאָג, אין וועלכן די שבטים וועלן זיך צוריקקערן, וועט מאַכן אַן עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

ווי וועט דאָך דער אָריענט דערציטערט ווערן אין דעם טאָג

פון אייער קומען! אונטערן געזעץ פון אַרבעט וועט פאַרשווינדן די שוואַכקייט פון די ראַסן אין יענע לענדער, ווו ביז איצט האָבן זייט יאָרטויזנטער געהערשט תאוות, פוילקייט און רויב!

איר וועט זיין אין דעם אָריענט דער מאָראַלישער וועלט־פּאָלוס. איר האָט געשריבן דאָס בוך פון די ביכער. איצט דאַרפט איר ווערן די דערציער פון די ווילדע אַראַבישע שבטים און די אַפריקאַנער פעלקער. אַרום אייער ביבל זאָל זיך פאַרזאַמלען די אַלטע חכמה פון דעם מזרח, די פאַרצייטיקע התגלות פון צענד, פון די וועטאס און קינגס. און אויך די היינטיקע התגלות פון דעם קאָראַן און עוואַנגע־ליזם וועלן ריין ווערן פון אַלע פסולת פון אַבערגלויבן און וועלן נאָר פּראָקלאַמירן די זעלבע פּרינציפּן פון פרייהייט און הומאַניטעט, פון שלום און אחדות! איר זענט דער טריאומף־בויגן פון דער צוקונפטי־קער צייט, אונטער וועלכן עס וועט פאָרקומען דער גרויסער בונד פון דער מענטשהייט פאַר די עדות פון דער פאַרגאַנגענער און צו־קונפטיקער געשיכטע. די ביבלישע טראַדיציעס, וועלכע לעבן אויף אונטער אייערע שריט וועלן אויך אונזער מערב־אייראָפּעאישע געזעל־שאַפט נאָך אַמאָל הייליק מאַכן און וועלן פאַרטיליקן מיטן וואָרצל דעם שאָדן פון דעם מאָדערנעם מאַטעריאַליזם.

און ווען איר וועט גיין אַזוי פאָרויס, זאָלט איר, קינדער פון פאָלק ישראל, געדענקען אין דעם מאָדערנעם פראַנקרייך, וואָס האָט אייך שטענדיק געליבט זינט זיין ווידערגעבורט און האָט אייך קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו פאַרטיידיקן".

## באַמערקונגען:

1) בונזען זאָגט איז זיין ביבל־ווערק: די תורה גייט פאָרווערטס פון ליכט־שאַפונג צו ליכט־שאַפונג. דאָ קען מען אָנווענדן דאָס וואָרט „ניבא ואינו יודע מה ניבא". בונזען האָט געוויס נישט געהאַט אין זינען אונזער צוויי טויזנט יאָריקע האָפענונג צו אַ נייער ליכט־שאַפונג פאַר ציון. די דאָזיקע האָפענונג ליגט אין דער תפילה פאַר „שמע", ווו עס שטייט „לעושה אורים גדולים" און „אור חדש על ציון תאיר ונזכה כלנו מהרה לאורו". די תפילה פאַר „שמע" איז פאַרפּוצט גע־וואָרן מיט הימנען, תפילות און געבעטן פון ריינסטן גאָלד, מיט

„אהבת עולים", „ואהבת", „אהבה רבה", וועלכע אָטעמען מיט ליבע און וויסן.

2) ישעיהו י"א, א.

3) ועלו מושיעים להר ציון לשפוט את הר עשו והיתה לד' המלוכה.

4) מיט אייניקע יאָר צוריק האָט, ווי איך הער איצטער, אַן אַמעריקאַנער באַהאַנדלט די זעלבע פראַגע פון אַ פּראַקטישן שטאַנדפּונקט. אויך ענגלענדער זיינען פיל מאָל אַרויסגעטרעטן פאַר דעם ווידעראויפבוי פון דער יידישער מלוכה.

5) מיין פריינט אַרמאַנד ג., וועלכער האָט מיט אייניקע יאָר צוריק אַרומגערייזט איבער די באַלקאַן־לענדער, האָט מיר דערציילט, אַז די דאָרטיקע יידן האָבן געוויינט מיט טרערן, בשעת ער האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז עס איז געקומען די ענדע פון זייערע ליידן. אונזערע רייכע מערב־אייראָפּעאישע קולטור־יידן וויסן נישט, מיט וואָס פאַראַ בענקשאַפט די גרויסע יידישע פאָלקס־מאַסע פון מזרח־אייראָפּע וואַרט אויף דער גאולה פון גלות. זיי וויסן נישט, אַז דער פרומער נאַציאָנאַלער ייד קען נישט פאַרגעסן אפילו אין זיינע פריילעכע לידער דעם וויטאָג פאַר דעם לאַנגן גלות. אַזוי, למשל, ענדיקט זיך דאָס פּאַטריאָטישע ליד פון חנוכה מיט דעם שמערצלעכן פערז: כי ארכה לנו הישועה ואין קץ לימי הרעה.

„זיי האָבן ביי מיר געפרעגט", האָט מיר מיין פריינט וויטער דערציילט, „דורך וועלכן צייכן קען מען דערקענען, אַז עס איז נאָענט דער סוף פונם גלות?".

„דורך דעם", האָב איך זיי געענטפערט, „אַז די מאַכט פון טערקיי און פון דעם פּויפּסט איז געבראָכן געוואָרן".

6) איך וויים נישט וועלכע דערקלערונג ווערט דאָ געמיינט. אפשר די דערקלערונג פון דער ראַבינער־פאַרזאַמלונג פון פראַנקפורט פון יאָר 1845. די דערקלערונג איז יעדנפאַלס אין גייסט פון אונזערע דייטשע קולטור־יידן. ביז איצט האָט זיך צווישן זיי נאָך קיין איינציקע שטים נישט אויפגעהויבן. ווען אַזאַ שטים האָט זיך געלאָזט הערן פון אַן אַנדער זייט, איז זי פון זיי אויפגענומען געוואָרן נישט מיט גלייכגילטיקייט, נאָר מיט שפּאָט.

רוים און ירושלים

## צוועלפטער בריוו

דער אָנהויב פון סוף. — סאָלידאַריטעט פון די יידן. — פילאַנטראָפּי־שע אילוזיעס. — די סאָציאַלע מלוכה פון די חיות. — די הייבאַ־מען פון דעם פאָרשריט. — די טריוע באַשיצער פון דעם הייליקן קבר און די יידישע נאַציאָנאַליטעט. — ירושלים. — די לעצטע קאַטאַסטראָפע.

די שריפט פון דעם פראַנצויז, וואָס איינצעלנע בלעטלעך פון איר האָב איך אייך איבערגעגעבן, האָבן ביי אייך אַרויסגערופן ספקות. איר מיינט, אַז די קריסטלעכע פעלקער וואָלטן דערפאַר געוועזן פאַר דעם ווידעראויפבוי פון דעם יידישן שטאַאַט, ווייל זיי וואָלטן זיך דורך דעם באַפרייט פון אַ פרעמדער באַפעלקערונג, וועלכע איז זיי שטענדיק אַ דאָרן אין אויג. איר מיינט, אַז נישט נאָר פראַנצויזן, נאָר אויך דייטשן און ענגלענדער האָבן זיך שוין מער ווי איינמאָל אַרויסגעזאָגט פאַר דער צוריקקערונג פון יידן קיין פאַלעסטינע. איר ציטירט מיר אַן ענגלענדער, וועלכער ברענגט פון דער תורה דעם באַווייז פאַר דער צוריקקערונג און פאַר דעם גלייכצייטיקן איבערגאַנג פון אַלע יידן צום קריסטנטום. לויט דער מיינונג פון אַן אַנדער ענגלענדער שטאַמט די היינטיקע ענגלישע דינאַסטיע פון דוד המלך, און דער שטיין, אויף וועלכן יעקב אָבינו האָט געלאָזט רוען זיין קאָפּ, שפּילט די הויפּט־ראָל ביי דער קרוינונג פון די ענגלישע מאַיעסטעטן. אַ דריטער ענגלענדער שטעלט אַלע ענגלישע שיפן צום דינסט פאַר די יידן, וועלכע ווילן זיך אומקערן קיין פאַלעסטינע. איר מיינט, אַז דאָס איז נאָר אַ מילדערע פאָרם פון דעם זעלבן ווונטש, וועלכער האָט זיך אין אַמאָליקע צייטן אויסגעדריקט אין די אַלגעמיינע יידן־פאַרטרייבונגען. פאַר אַזאַ גוטסקייט צו יידן וועלן אונזערע ברידער געוויס באַדאַנקען. אין אַלע די פאָרשלאָגן, אַזוי מיינט איר, ליגן אויך אַ סך שטותן, וועלכע נעמען זיך פון אַ שטיקל רעליגיעזן משוגעת און פאַרדינען נישט קיין ווייטערדיקע אויפמערקזאַמקייט. ווען די ווונטשן קומען פון פרומע קריסטן, האָבן זיי קעגן זיך אַלע יידן, און ווען זיי קומען פון פרומע יידן, האָבן זיי קעגן זיך אַלע קריסטן. וואָרום די יידן ווילן אין דעם נייעם ירושלים ווידער אויפלעבן די קרבנות, און די

קריסטן ווילן, אַז מיר זאָלן ביי דעם הייליקן קבר פון קריסטוסן מקריב.זיין אונזער יידישן נאַציאָנאַלן קולט פאַר דער קריסטלעכער רעליגיע. אָן דעם פעלז, אַזוי מיינט איר, מוזן צעבראָכן ווערן אַלע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון די יידן.

עס איז קיין ספק נישט, אַז אויב די קריסטלעכע און די יידישע אָרטאָדאָקסיע וואָלטן נישט אָנגערירט געוואָרן פון דעם לעבעדיקן שטראָם פון דער געשיכטע, וואָלטן זיי פאַרשאַפט די גרעסטע שטערונגען קעגן אונזערע פאַטריאָטישע שטרעבונגען. דערפאַר האָט דער געדאַנק פון אַ יידישן פאָטערלאַנד נאָר אין אַזאַ צייט געקענט אַרויסטרעטן, ווען די אָרטאָדאָקסישע פאַרגליווערטקייט איז שוין פאַרשוווּנדן. דער תלמוד, אויף וועלכן עס שטיצט זיך די גאַנצע היינטיקע יידישע אָרטאָדאָקסיע, רעכנט זיך מיט די פאָדערונגען פון לעבן. אויב די יידישע נאַציאָנאַליטעט איז אַ לעבעדיקע, וועט זי זיך נישט לאָזן אָפּשרעקן דורך קיינערליי ספקות צו אַרבעטן פאַר איר פּאָליטישן ווידערגעבורט. אויב די צייט איז אַפילו נאָך נישט געקומען, אַז אַ שאָף זאָל זיך פיטערן אין שלום מיט אַ וואָלף, האָט דאָך אָבער איצט שוין פאַרלאָרן די הערשנדיקע מאַיאָריטעט דעם אַפּעטיט פון אַ וואָלף און די אונטערגעדריקטע מינאָריטעט דעם געדולד פון אַ שאָף. אויסער דעם שטעל איך זיך פאַר דעם צוקונפטיקן קולט פון אַלע ווידערגעבוירענע נאַציעס גאַנץ פאַרשידן פון די היינטיקע קולטן, וועלכע שטאַמען פון אַ צייט, בשעת די פאָלקס-אינדיווידואַליטעטן זיינען געווען אונטערגעדריקט. אין די קולטן, וועלכע וועלן לאַנג נישט אָנהאַלטן, קען איך נישט זען קיין שוועריקייט פאַר אונזער צוקונפטיקן נאַציאָנאַלן קולט. אונזער צוקונפטיקער קולט וועט אָבער קומען נישט פאַר אונזער ווידערגעבורט, נאָר נאָך אים. קודם כל מוז מען דערוועקן אַ פּאַטריאָטישן חוש אין די הערצער פון די געבילדעטע יידן און מען מוז באַפרייען די יידישע פאָלקס-מאַסע דורך דעם נאַציאָנאַליזם, פון דעם רעליגיעזן פאָרמאַליזם, וועלכער טויט אָפּ זייער גייסט. אויב די התחלה וועט זיך אונז איינגעבן, וועלן מיר די שוועריקייטן, וועלכע וועלן נאָך צוקומען לרוב אין לויף פון דער פּראַקטישער אויספירונג, באַזייטיקן דורך דער פּראַקטישער אויספירונג גופא. נאָר אויב אַלע יידישע הערצער זיינען טויט, נאָר אויב אַלע יידן זיינען נישט מער פעאיק צו אַ נאַציאָנאַלער באַגייסטערונג,

דאָן וואָלטן מיר זיך געדאַרפט אָפּזאָגן פון אַ ווערק, וואָס קען נישט דורכגעפירט ווערן אָן גוואַלדיקע קאַמפן, ווי יעדעס גרויסע ווערק אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

נישט קוקנדיק אויף פאַלשער אויפקלערונג און אָרטאָדאָקסיע, האָבן דאָך די יידן צופיל געזונטן מענטשן־פאַרשטאַנד, אַז זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין רעליגיעזע פאַנטאַזיעס, וועלכע האָבן נישט קיין באָדן אין דער קעגנוואַרט. אָבער דוקא דער רעאַליסטישער חוש פון אונזער ראַסע וועט ברענגען צום אָנשליסן זיך פון אונזערע ברידער, די אויפגעקלערטע, אַזוי ווי די אָרטאָדאָקסישע, צו די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען, וועלכע באַוועגן זיך דורכאויס אויף דעם פּראַקטישן באָדן פון דערווירקלעכקייט.

די טענות פון די אויפגעקלערטע יידן קעגן דעם ווידעראויפ־בוי פון דער יידישער מלוכה האָבן זייער גרונט נישט אין בילדונג פון גייסט און האַרץ, וועלכע האָט קיינמאָל נישט קיין מורא פאַר די שוועריקייטן פון אַ גרויסער זאַך, און רעכנט קיינמאָל נישט אויס דעם קרבן, וועלכן מען מוז ברענגען פאַר אַ גרויסער זאַך. נאָר די טענות נעמען זיך פון אַ מאָראַלישער און גייסטיקער באַ־גרענעצטקייט, וועלכע איז אומפעאיק זיך אויפצוהויבן אויף אַ הויכן מענטשלעכן שטאַנדפּונקט, פון וועלכן עס לאָזט זיך זען די גרויס פון דעם אומגליק און די מיטלען פון דער הילף. די יידישע רעליגיע איז ווירקלעך זייט צוויי טויזנט יאָר געווען מער אַן אומגליק איידער אַ רעליגיע, ווי היינע און מיט אים אַלע געבילדעטע יידן פון זיין צייט האָבן דאָס ריכטיק געפילט. מען קען אָבער פון דאָזיקן אומגליק נישט אַנטלויפן דורך אויפקלערונג אָדער שמד, ווי די געבילדעטע ווילן דאָס זיך איינרעדן. יעדער ייד, מעג ער דאָס וועלן אָדער נישט, איז סאָלידאַריש פאַרבונדן מיט זיין גאַנצער נאַציע, און ערשט ווען דאָס יידישע פאָלק וועט באַפרייט ווערן פון דער לאַסט, וועלכע עס האָט זייט יאָרטויזנטער העראָאיש געטראָגן אויף זיין רוקן, וועט די דאָזיקע לאַסט אַראָפּגענומען ווערן אויך פון די אַקסלען פון יענע אויפגעקלערטע, וועלכע וועלן שטענדיק זיין נאָר אַ קליינע צאָל. מיר מוזן אַלע טראָגן דעם עול מלכות שמים ביז צום סוף.

אין דער ערשטער שכרות פון דער מאָדערנער אויפקלערונג

האָט מען געקענט אַריינפּאַלן אין דעם טעות צו פאַרפרעמדן דאָס יידישע פאָלק פון זיין נאַציאָנאַלן קולט דורך כלומרשטער הו־מאַניטעט, אין וועלבער דאָס יידנטום האָט געזאָלט אונטערגיין מיט זיין גאַנצן באַזונדערן לעבן. היינט קען אָפילו דער אויבערפלעכ־לעכסטער ראַציאָנאַליסט נישט גלויבן אין דער פילאַנטראָפּישער אילוזיע. די געשיכטלעכע באַוועגונג האָט שוין געעפנט די אויגן פון אונזערע ראַציאָנאַליסטן. אַפילו אין מערב אייראָפּע, ווו די יידן זיינען דורך טויזנטער פעדים פאַרבונדן מיט דער אַלגעמיינער ציוויליזאַציע, האָט די אויפקלערונג נישט געקענט צעשטערן דעם אַ ל ט ־ יי ד י ש ן קולט. אין מזרח אייראָפּע זיינען כמעט אַלע יידן טריי דעם דאָזיקן קולט. נישט די עמאַנציפּאַציע און נישט די מיסיאָנערן, וועלכע שפּעקולירן אויף מאַטעריעלע נוצן און רעלי־גיעזער גלייכגילטיקייט, האָבן געקענט פירן די גרויסע מערהייט פון די יידן צום שמד. פאַרקערט ווייזן זיך היינטיקע צייטן אַלץ מער און מער סימפּאַטיעס פאַרן אַלטן יידישן לעבן אַפילו צווישן יענע יידן, וועלכע האָבן אַמאָל געזען אין דעם אָפּפאַלן פון יידנטום אַ הומאַניסטישן אידעאַל. אַלע אויסגלייכנדיקע טענדענצן האָבן נישט געהאַט קיין איינפלוס אויף דער יידישער פאָלקס־מאַסע און וועלן קיינמאָל קיין איינפלוס נישט האָבן. די מאַסע ענדערט זיך קיינמאָל נישט דורך שכלדיקע אַבסטראַקציעס, און די סיבות פון פאַרשריט ליגן אומעטום פיל טיפער, איידער די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָנערן האָבן געגלויבט. מער איידער ביי אַלע אַנדערע נאַציעס, וועלכע ווערן אונטערגעדריקט אויף זייער אייגענעם באָדן, מוז ביי יידן די נאַציאָנאַלע זעלבשטענדיקייט קומען פריער, איידער יעדער פּאָליטיש־סאָציאַלער פאַרשריט. אַ געמיינזאַמע היים איז פאַר יידן דער ערשטער באַדינג פאַר געזונטע אַרבעטס־פאַרהעלטנישן. דער סאָציאַלער מענטש באַדאַרף, אַזוי ווי די סאָציאַלע פלאַנצן און חיות, אַ ברייטן, פרייען באָדן פאַר זיין וווקס און פאַרשריט. אָן דעם אייגענעם באָדן זינקט אַראָפּ דער מענטש צו אַ פּאַראַזיט, וועלכער קען זיך דערנערן נאָר אויפן חשבון פון פרעמדער פּראָדוקציע. דאָס פּאַראַזיטישע לעבן דורך דער עקספּלאָאַטאַציע פון אַנדערע מענטשן האָט אין דער ביז איצטיקער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער מענטשהייט געשפּילט אַ גרויסע ראָל, און יידן זיינען נישט געווען די איינציקע, וועלכע האָבן געהאַט אָן אייגנשאַפט פאַר אַ פּאַראַזיטיש

לעבן. אַזוי לאַנג ווי די וויסנשאַפט און אינדוסטריע זיינען נאָך געווען אין קינדער־עלטער, האָט דער באָדן פון אַ נאַציע נישט געקלעקט, כדי צו דערנערן זיינע איינוווינער. די פעלקער האָבן געמוזט קעמפן איינער קעגן אַנדערן און מאַכן שקלאַפן, אָדער האָבן געמוזט צווישן זיך גופא זיך פאַנאַנדערפאַלן אין הערשנדיקע און דינענדיקע קלאַסן. אָבער די סאָציאַלע חיות־מלוכה, וועלכע לעבט פון דער קעגנזייטיקער עקספּלואַטאַציע פון די מענטשן, גייט צו איר סוף, וויבאַלד די מאָדערנע וויסנשאַפט און אינדוסטריע הויבן אָן צו באַהערשן די וועלט. די ציוויליזירטע פעלקער גרייטן זיך צו דער שותפותדיקער עקספּלואַטאַציע פון דער נאַטור דורך דער אַרבעט, וועלכע שטיצט זיך אויף דער וויסנשאַפט און באַדאַרף מער נישט זיין קיין פּאַראַזיטישע פאַרמיטלונג. די ציוויליזירטע פעלקער גרייטן זיך צו דער דאָזיקער בייער עפּאָכע — דאָס איז נישט „די פּרייסישע עפּאָכע" — דורך דער אויסקעמפונג פון אַ פרייען נאַציאָנאַלן באָדן, דורך דער פאַרניכטונג פון יעדער ראַסנהערשאַפט און קלאַסן־הערשאַפט, דורך דער קאָאָפּעראַציע פון אַלע פּראָדוקטיווע קרעפטן, אין וועלכע עס וועט פאַרשווינדן דער פיינטלעכער קעגנזאַץ פון קאַפּיטאַליסטישער שפּעקולאַציע און פּראָדוקטיווער אַרבעט, אַזוי ווי אויך דער קעגנזאַץ פון פילאָזאָפישער שפּעקולאַציע און וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. איך ווייס, אַז אויך אין יידנטום פילט זיך טיף די באַדערפעניש אין געזונטע אַרבעטס־פאַרהעלטנישן, וועלכע זאָלן זיך שטיצן אויף דער עקספּלואַטאַציע פון דער נאַטור דורכן מענטש. איך ווייס פון די גרויסע אָנשטרענגונגען, וועלכע ווערן צווישן אונז געמאַכט, כדי צו דערציען אונזער יינגערן יידישן דור אַלס נוצלעכע אַרבעטער. אָבער איך ווייס אויך, אַז די יידן וועלן זיך אין גלות קיינמאָל נישט קענען איבערגעבן אין זייער מערהייט צו אַזעלכע אַרבעטן, וואָרום עס פעלט ביי זיי דער ערשטער באַדינג דערצו, דער אייגענער באָדן, און ווייל זיי קענען זיך נישט פאַרמישן מיט די פעלקער, צווישן וועלכע זיי לעבן צעשפּרייט, נישט ווערנדיק דערביי אומטריי זייער נאַציאָנאַלן קולט. יענע אָנשטרענגונגען צוליב געזונטערע יידישע אַרבעטס־פאַרהעלטנישן, וועלכע פירן אומדירעקט צו דער צעשטערונג פון דעם יידישן קולט, וועלן בלייבן אַקוראַט אַזוי אומפּרוכטבאַר, ווי די רעפאָרם, וועלכע האָט דירעקט געפירט דערצו. דאָס יידנטום קען

אין גלות נישט ווידערגעבוירן ווערן. עס קען העכסטנס דורך רע־פאָרמען און פילאַנטראָפּישע באַמיאונגען געפירט ווערן צום שמד. דאָס וועט זיך אָבער נישט איינגעבן קיין רעפאָרמאַטאָר און קיין טיראַן. די יידישע פאָלקס־מאַסע וועט זיך נאָר דאַן באַטייליקן אין דער געשיכטלעכער באַוועגונג פון דער מאָדערנסטער מענטש־הייט, ווען זי וועט האָבן אַ יידיש פאַטערלאַנד. אַזוי לאַנג אָבער ווי די מאַסע פון די יידן בלייבט אין איר אויסנאַמסלאַגע, וועלן אויך די איינצלנע יידן, וועלכע זוכן אינדיווידועל צו אַנטלויפן פון דער פאַלשער לאַגע פון יידישן פאָלק, נאָך מיט מער שמערץ מוזן פילן די דאָזיקע לאַגע, איידער די פאָלקס־מאַסע, וועלכע פילט זיך נאָר אומגליקלעך, אָבער נישט באַרויבט פון איר ערע. דערפאַר קען זיך קיין ייד, סיי אַן אָרטאָדאָקסישער אָדער נישט אָרטאָדאָקסישער, נישט באַפרייען פון דער אויפגאַבע צו אַרבעטן פאַר דער דערהוי־בונג פון דעם גאַנצן יידנטום. יעדער ייד, אַפילו דער געטויפטער, איז ערוב פאַר דעם ווידערגעבורט פון פאָלק ישראל.

ווען מען באַגרייפט די אומענדלעך טראַגישע ראָל, וועלכע דאָס יידישע פאָלק שפּילט ביז היינט אין דער געשיכטע, פאַר־שטייט מען אויך דאָס איינציקע מיטל פאַר דער ראַדיקאַלער הילף פון אונזער עלנט. דאָס מיטל איז היינט נישט אַזוי אומאויספירבאַר ווי עס קען אויסזען אויף דעם ערשטן בליק. די סימפּאַטיעס פון פראַנצויזישן פאָלק און די אינטערעסן פון דער פראַנצויזישער פּאָליטיק פאָדערן פון פראַנקרייך, אַז זי זאָל אויסשפּרייטן איר דער־לייזונג אויך אויף דער יידישער נאַציע, נאָכדעם ווי די פראַנצויזישע אַרמייען האָבן אַראָפּגעוואָרפן די היינטיקע נבכדנצרס פון דער הויך, אויף וועלכער זיי זיינען געווען בכח אַרויסצוגעבן געזעצן און באַ־פעלן קעגן די אונטערדריקטע פעלקער. פראַנקרייך איז פאַראינ־טערעסירט אין דעם, אַז דער וועג קיין אינדיע און כינע זאָל זיין באַוויגט פון פעלקער, וועלכע שטייען פאַר פראַנקרייך ביז צום טויט. וואָרום נאָר אויף אַזאַ אופן וועט פראַנקרייך דערפילן די היסטאָרישע אויפגאַבע, וועלכע איז אויף איר אויסגעפאַלן זייטע דער גרויסער רעוואָלוציע. וועלכעס פאָלק איז אָבער מער פּאַסיק דער־צו, איידער דאָס יידישע, וואָס איז פון אָנהויב פון דער געשיכטע באַשטימט געוואָרן פאַר דער זעלבער מיסיע?

„פראַנצויזן און יידן!" — הער איך אייך אויסרופן:

„איז אַלזאָ די קריסטלעך־גערמאַנישע רעאַקציע דאָך גערעכט!“.

יאָ, ליבע פריינדין, דער היהשער אינסטינקט, וועלכער דערשפּירט דעם פיינט שוין פון דער ווייטנס, האָט קיינמאָל קיין טעות נישט. די רעאַקציע האָט שוין אומעטום דערקענט איר טויטפיינט, בשעת די אַ מ ע ן פון פ אָ ר ש ר י ט, וועלכע שטייען נאָך אַלץ אינמיטן צווישן דער רעוואָלוציע און דער רעאַקציע, האָבן געלאָזט האָדעווען דעם רעאַקציאָנערן ריז, וועלכער וועט שוין זיי באַלד אַריבערשטייגן איבערן קאָפּ.

פראַנצויזן און יידן! געוויס זייַען זיי ווי געשאַפן איינע פאַר די אַנדערע. זיי זייַנען עגלעך אין זייערע הומאַנע און נאַציאָנאַלע שטרעבונגען. זיי אונטערשיידן זיך אָבער אין די אייגנשאַפטן, וועלכע דערגענצן זיך, אָבער קענען נישט זיין פאַרייניקט אין איין און דעם זעלבן פאָלק. דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט אַ גרעסערע לייכטקייט, איידער דאָס יידישע פאָלק, האָט אַ סימפּאַטיש ווען צו אַסימילירן אַלע עלעמענטן. דאָס יידישע פאָלק האָט אַ גרעסערן מאָראַלישן ערנסט, איידער דאָס פראַנצויזישע פאָלק, און דריקט ארויף זיין אייגענעם טיפּ אויף דער אומגעבונג, פיל מער, איידער עס דערלויבט, אַז פרעמדע טיפּן זאָלן אויף אים ווירקן. דאָס פראַנצויזישע פאָלק באַהערשט די וועלט; דאָס יידישע פאָלק קען נאָר זיין אַ בעל־הבית אין זיין אייגענעם הויז און קען מיט זיין אייגענעם הייליקן פייער דערוואַרעמען און באַלייכטן אַ וועלט, וועלכע איז שטענדיק אין סכנה ווידער אויפגעלעזט צו ווערן אין אירע פאַרשידנאַרטיקע עלעמענטן און פאַרזינקען אין דעם פינסטערן תהו ובהו פון נאַטור־לעבן, פון וועלכן דאָס יידנטום האָט זי שוין אַמאָל דערלייזט.

די אידעלע הילף, וועלכע פראַנקרייך גיט אַלע ציוויליזירטע פעלקער צוליבן ווידעראויפבוי פון זייער נאַציאָנאַליטעט, וועט נישט געפינען מער קיין דאַנקבאַר פאָלק, ווי דאָס יידישע. מיר וועלן זיך מיט דעם הומאַנעם און טאָלעראַנטן פראַנצויזישן פאָלק אויך זייער גוט פאַרשטענדיקן וועגן אונזער קולט אין הייליקן לאַנד. מיר האַלטן אָבער נאָך נישט אַזוי וויַיט. דאָס יידישע פאָלק מוז זיך דערווייל אַרויסווייזן ווירדיק צום ווידערגעבורט פון זיין וועלט־היסטאָרישן קולט. ס'מוז דערפילן די באַדערפעניש צו זיין נאַציאָנאַלן ווידערגע־

בורט. דערוויל דאַרפן מיר נאָך נישט קלערן וועגן בית המקדש, נאָר מיר דאַרפן געווינען די הערצער פון אונזערע ברידער פאַר אַ זאַך, וועלכע וועט ברענגען דער גאַנצער יידישער נאַציע אייביקן כבוד און אַ ישועה דער גאַנצער מענטשהייט. פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע איוף דעם צוקונפטיקן וועג קיין אינדיע און כינע איז נישטאָ קיין מאַנגל אין יידישע אַרבעטער, אין יידישע טאַלאַנטן און קאַפּיטאַלן. באַלד ווי עס וועט אונטער דעם שוץ פון די אייראָפּעאישע מאַכטן איינגעפּלאַנצט ווערן די שוואַכע זריעה, וועט שוין דער נייער בוים פון לעבן פון זיך אַליין וואַקסן און ברענגען פּרוכטן.

אָבער איר לאַכט מיט מיטלייד פון מיין גלויבן אין דעם יידישן פּאַטריאָטיזם. איר האָט געלייענט די „סצענעס פון דעם געטאָ" און איר וויזט אָן אויף דער פיגור פון דעם אַלטן מענדל ווילנאָ, וועל־כער האָט געהאַט די משוגענע אידעע צו וועלן געווינען די ראָט־שילדס פאַר דעם ווידעראויפבוי פון ירושלים און דעם בית המקדש, אָבער וועלכער האָט געקענט באַגייסטערן פאַר זיין ווונטש נאָר אַ קינד. בשעת דאָס קינד איז שפּעטער אויסגעוואַקסן און איז גע־וואָרן אַ סטודענט, איז עס געוואָרן קלוג גענוג צו פאַרשטיין, אַז נאָר קינדער און נאַראָנים קענען קלערן מכח דעם ווידעראויפבוי פון ירושלים. דער יידישער פּאָעט, אַזוי מיינט איר, זעט אין די נאַציאָ־נאַלע געפילן פון פרומע יידן, וועלכע ער אַליין שילדערט, נאָר יידי־שע קריסטמעס בוימער פאַר קליינע קינדער און גרויסע נאַראָנים. אָבער דאָס אַלץ, מיין פאַרערטע פריינדין, כאַראַקטעריזירט העכסטנס דעם מאָדערנעם יידישן פּאָעט, וואָס האָט באַקומען „גערמאַנישע ביל־דונג", האָט אָבער נישט אויסגעזאָגן זיין האַרץ־בלוט אין זיינע יידישע פּאָעזיעס, אַזוי ווי יהודה הלווי, וועלכער נעמט דעם וואַנדער־שטעקן און גייט קיין ארץ־ישראל, כדי דאָרט צו שטאַרבן. אייערע דיכטער כאַראַקטעריזירן נישט דאָס יידישע לעבן. איר ווייסט דאָך דעם אַלטן שפּריך־וואָרט: קינדער און נאַראָנים זאָגן דעם אמת. דער געדאַנק, פון וועלכן עס זיינען געוועזן כמעט משוגע מענדל ווילנאָ, די קליינע נערוון־קראַנקע און מאַריץ, בשעת ער האָט זיך נאָך גערופן משהלע — דאָס איז דער גרונט־געדאַנק פון אַלע פרומע יידן פון הורבן ירושלים ביז היינט און — זאָל זיך הער קאָמפּערט נישט ער־גערן — אַפילו צווישן די רייכע ברידער פון די ראָטשילדס.

איר דאַרפט איבעריקנס נישט פאַרגעסן, אַז קאָמפּערט לאָזט

אַ יידישן סטודענט אַפּלייקענען די יידישע נאַציאָנאַליטעט. דער סטודענט שפּיגלט אָפּ זייער טריי דעם סקעפּטיציזם פון אונזער צייט, ווען ער איז אין ספק מכח דעם פרומען געדאַנק פון דעם פּאָליטישןווידערגעבורט פון אונזער פאָלק. אָבער וועלכער געבילדעטער ייד וואָלט מיט איייניקע יאָר פריער אין דייטשלאַנד געוואַגט אַרויסצוזאָגן זיך פאַר דעם ווידעראויפבוי פון אונזער נאַציע, נישט האָבנדיק קיין מורא דערקלערט צו ווערן פאַר משוגע! קאָמפּערט פירט אַרויס אין זיין דערציילונג נעבן דעם יידישן סטודענט מיט זיין טעאָרעטישער גלייכגילטיקייט און פּראַקטישער באַגייסטערונג פאַר דער יידישער נאַציע — אַ טשעכישן סטודענט, וועלכער איז טעאָרעטיש באַגייסטערט פאַר הוס און בעמען, ווערט אָבער צום סוף אַ זעלבסטצופרידענער גלח, וועלכער פאַרבייט די קאַמפּס־שווערד אויף דעם גלחישן פּאַס מיט ווייררויך. איך געפין דערפאַר מער נישט אין קאָמפּערטס שילדערונג פון דעם געבילדעטן ייד יענע קלאָגעדיקע גלייכגילטיקייט, וועלכע מען האָט פאָרגעוואָרפן ביז איצט אַ טייל פון אונזערע דייטשע יידן. היינט קען מען שוין, ווי געזאָגט, נישט מאַכן זיי אַזאַ אַבסאָלוטן פאָרוואורף.

פאַרגעסט נישט, ליבע פריינדין, אַז איר האָט דאָך קריטיקירט מיין זייער שטרענגע פאַראורטיילונג פון די געבילדעטע דייטשע יידן, וועלכע איך וויל איצט אַביסל אָפּשוואַכן. איך האָב אַנערקענט די גוטע ווירקונג פון דעם יידישן פּאַטריאָטיזם, וועלכע לאָזט זיך פילן קעגן דער יידישער גלייכגילטיקייט, וועלכע איז אָבער מער אַ מאָדע־זאַך און ליגט מער אויף די ליפּן פון די „ניי מאָדישע", ווי זי נעמט זיך ווירקלעך פון האַרצן. די בענקשאַפט צום לאַנד פון די עלטערן און דער ווונטש צו העלפן אונזערע ברידער, וועלכע פאָרן אַהין צו שטאַרבן, האָט אויך אָנגעכאַפּט די הערצער פון אונזערע געבילדעטע. די רייזעס אין ירושלים, די אונטערשטיצונגען פון אונזערע דאָרטיקע ברידער, די פאַרשידענע אַנשטאַלטן אין פּאַלעסטינע קומען שוין נישט נאָר אויסשליסלעך פון דער אָרטאָדאָקסישער זייט. די ערנסטע באַמיאונגען צו העלפן אונזערע ברידער אין אָריענט באַווייזן, אַז עס פעלט היינט נישט צווישן די יידן פון אַלע קלאַסן דער גוטער ווילן צו העלפן דער נויט. מען דאַרף נאָר נאָך אַריינטראָגן מער פלאַנמעסיקייט אין דעם פרומען נאַציאָנאַלן ווערק. אונזערע יידישע פילאַנטראָפּן שטויסן זיך אָן אין ירושלים, אַזוי ווי אומעטום,

אויף גוואַלדיקע מניעות, ווען זיי ווילן העלפן דעם וועלט־היסטאָרישן אומגליק פון אונזערע ברידער דורך פילאַנטראָפישע אַנשטאַלטן און נדבות, אָדער ווען זיי ווילן העלפן די מאָראַליש־גייסטיקע אַנטוויקלונג פון אונזערע ברידער אין אָריענט דורך טעאָרעטישע בילדונגסמיטלען, פאַר וועלכע עס איז נישטאָ קיין סאָציאַלער יסוד. די דערראָבערונג פון אַ שותפותדיקן נאַציאָנאַלן באָדן, די פאַרבעסערונג פון די געזעצלעכע צושטאַנדן, די גרינדונג פון יידישע געזעלשאַפטן פאַר אַקערבוי, אינדוסטריע און האַנדל לויט יידישע, דאָס הייסט, סאָציאַליסטישע פרינציפּן, דאָס זיינען די יסודות, אויף וועלכע דאָס יידנטום קען זיך אויפהויבן אין אָריענט. דער פייער פון דעם אַלט יידישן נאַציאָנאַליזם, וועלכער פלאַקערט אונטער דעם אַש פון דעם טויטן רעליגיעזן פאָרמאַליזם, וועט זיך ווידער פאַנאַנדערברענען און ניי באַלעבן דאָס גאַנצע יידנטום. אויף דעם געמיינזאַמען באָדן פון דעם יידישן נאַציאָנאַליזם וועלן זיך די פרומע און די אויפגעקלערטע, די אָרעמע און די רייכע דערקענען אַלס די קינדער פון די העלבע העלדן, וועלכע האָבן געקעמפט מיט די מעכטיקסטע און ציוויליזירטסטע פעלקער פון דער אַלטער וועלט, מיט מצרים, אַשור, גריכנלאַנד און רוים, און האָבן די אַלע פעלקער איבערגעלעבט. זיי וועלן זיך דערקענען אַלס די קינדער פון דעם זעלבן שטאַם, וועלכער האָט אַריבערגעטראָגן אַ צוויי טויזנט יאָריקן מאַרטירערטום און האָט שטענדיק הויך און הייליק געהאַלטן די פאָן פון זיין נאַציאָנאַליטעט, די ספר תורה, צוליב וועלכער ער איז פאַרפאָלגט געוואָרן...

אין דעם מאָמענט, בשעת אַנדערע אַרבעטן צווינגען מיך איבערצורייסן מיין קאָרעספּאָנדענץ מיט אייך, ווערט מיר איבערגעגעבן די העברעאישע שריפט פון אַן אָרטאָדאָקסישן יידישן רב, וועלכער קומט פון אַ תלמודישן שטאַנדפּונקט צו די זעלביקע רעזולטאַטן, ווי דער קריסטלעכער פראַנצויז אין „זיין נייער אָריענטאַלישער פראַגע”. איך קען, נאַטירלעך, די רעזולטאַטן פון זיין באַהאַנדלונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער פראַגע אונטערשרייבן אין אַלע פּונקטן. פון דער העברעאישער שריפט וויל איך אייך איבערגעבן דעם הויפּט־אינהאַלט אין דער דייטשער איבערזעצונג, אַזוי ווי איך האָב דאָס געטאָן מיט דער פראַנצויזישער שריפט.

„אָבוואָל עס איז אַפילו נאָך נישט געקומען די צייט פון גנאָד צו זוכן מיטלען, ווי מיר זאָלן אויפבויען גאָטס מזבח אין ציון, אָב־

וואָל די האָפענונג איז נאָך ווייט, צו באַקומען דערצו אַ דערלויבעניש פון דעם טערקישן סולטאַן, איז דאָך דער פאָלגנדיקער פּלאַן ראַט־זאַם אין אונזער צייט, ווען גרויסע יידישע מענטשן האָבן באַקומען מיט גאָטס הילף אַ פּאָליטישן איינפלוס און האָבן אין זייערע הענט דעם גאָלדענעם הערשער־שטאָק, ווען עס זיינען פאַראַן אמתע יידי־שע פירשטן, ווי מ אָ נ ט ע פ י אָ ר ע, אַ ל ב ע ר ט ק אָ ה ע ן, ר אָ ט ש י ל ד, פ ו ל ד אא״וו, יידישע שרים, וועלכע זיינען ביי אונז נישט געווען זינט דעם חורבן. זאָל זיי גאָט העלפן! זאָלן זיי באַשאַפן אַ קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט פאַר ארץ־ישראל, אַ חבר׳ת ארץ נושבת! מיט זיי זאָלן זיך פאַרבינדן בכבודיקע און רייכע יידן פון אַלע וועלט־טיילן, יידן, וועלכע האָבן ליב דאָס הייליקע לאַנד. זייער טעטיקייט זאָל באַשטיין אין פאָלגנדיקעס:

א) זיי זאָלן קלייבן נדבות, כדי אָפּצוקויפן וויסטע שטעט, פעל־דער און כרמים אין הייליקן לאַנד, כדי דער מדבר זאָל ווערן אַ לבנון, די חורבות זאָלן ווערן פרוכט־פעלדער, און דאָס אומבאַוווינטע וויסטע לאַנד זאָל ווידער אויפבליען ווי אַ ליליע און זאָל ברענגען פרוכטן, ווי דאָס פעלד, וואָס גאָט האָט געבענטשט. ביסלעכווייז וועלן בעה״ב־טאָלן, דערפער און וויסטע שטעט אַריינקומען אין דעם באַזיץ פון דער געזעלשאַפט, וועלכע וועט קענען אַרויסגעבן אַקציעס, וועלכע וועלן זיך אָן צווייפל מיט דער צייט אויך קענען רענטירן.

ב) פיל יידן פון רוסלאַנד, פוילן און דייטשלאַנד זאָלן אונטער־געשטיצט ווערן פון דער געזעלשאַפט, כדי צו באַאַרבעטן דאָס לאַנד אונטער דער לייטונג פון ספּעציאַליסטן, און זאָלן באַקומען נחלאות, לכתחילה אומזיסט, ביז זיי וועלן אומשטאַנד זיין, ווען דאָס לאַנד וועט אָנהויבן טראָגן ריוח, צו באַאַרבעטן דאָס לאַנד אַלס פּאַכטער.

ג) מיליטערישע אויסגעלערנטע יידן זאָלן אָנגעשטעלט ווערן, כדי צו קעמפן קעגן די רויבערישע איבערפאַלן פון די בעדואינער. זיי זאָלן אויך זיין די פּאָליציי, זאָלן געבן קראַפט דעם געזעץ און זאָלן באַשאַפן אָרדענונג אין לאַנד.

ד) אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע שול זאָל אויפגעבויט ווערן, כדי צו דערציען יידישע קינדער און יינגעלייט צו אַקערבוי אין ארץ־ישראל. די שול, אין וועלכער עס קענען געלערנט ווערן נאָך אַנ־דערע וויסנשאַפטן און קונסטן, וועלכע זיינען נישט קעגן אונזער רעליגיע, קען געגרינדעט ווערן אין פּאַלעסטינע אָדער אין אויס־

לאַנד, יעדנפאַלס אָבער אין אַזאַ לאַנד, וואָס ווי למשל פראַנק־רייך, פּראָדוצירט וויין און אייל, כדי די תלמידים זאָלן זיך פּראַקטיש אויסבילדן פאַר דער אַגריקולטור, וועלכע איז פאַרשפּרייט אויך אין ארץ־ישראל.

גאָט וועט אונז דאַן ביישטיין מיט גנאָד און מיר וועלן אָנהויבן קליין אָבער אַלץ מער און מער דערוועררבן אייגנטום אין הייליקן לאַנד, ווי דער נביא האָט עס אָנגעזאָגט. פון אונזער זייט מוז אָבער דער אָנפאַנג געמאַכט ווערן, ווי איך האָב עס באַוויזן מיט ראיות פון תלמוד און מדרש.״

דאָס האָט געשריבן דער ראַבינער קאַלישער פון טאָרן.

בין איך דען נישט געווען גערעכט, בשעת איך האָב פאַר אייך גרויס געהאַלטן דעם געזונטן, פּראַקטישן חוש פון אונזער פאָלק און האָב געזאָגט, אַז די פרומע יידן וועלן אויסשטרעקן די האַנט צו די אויפגעקלערטע יידן אויף דעם געמיינזאַמען באָדן פון אונזער נאַ־ציאָנאַליטעט?

פון אַן אַנדער זייט ווערט מיר מיטגעטיילט, אַז אין דעצעמבער פאַריקן יאָר איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אויסטראַליע אַ גרויסער מיטינג, אויף וועלכן באַרימטע יידן און קריסטן האָבן פאָרגעשלאָגן ענלעכע באַשלוסן, וועלכע די פאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען *). אַלזאָ נישט נאָר יידן פון פאַרשידענער בילדונג, נאָר אויך די פאַרשידענע קריסטלעכע רעליגיעס און קולטור־פעלקער פאַרייניקן זיך אַלע אין דעם ווונטש, צו העלפן אונזער פאָלק צו זיין נאַציאָנאַלן ווידערגע־בורט. דאָס מערקווירדיקסטע דערביי איז, אַז אַלע זיינען כמעט ווערט־לעך איינשטימיק אין די מיטלען, וועלכע זיי שלאָגן פאָר צו דעם צוועק. אויב איך וואָלט זיך געגויטיקט אין אַ באַשטעטיקונג צו מיינע איבערצייגונגען, וועלכע איך האָב אויפגעקליבן אין לויף פון לאַנגע שטודיען און דערפאַרונגען, וואָלט איך זי געפינען אין דער איינ־שטימיקער מיינונג פון אַזוי פיל מענטשן און פעלקער, וועלכע זיינען פון די פאַרשידנסטע שטאַנדפּונקטן געקומען צו די זעלבע רעזול־טאַטן. איך זע שוין די געזעלשאַפט, וועלכע אַ פרומער יידישער פּאַט־ריאָט האָט פאָרגעשלאָגן, און וועלכע הויבט אָן די קאָלאָניזאַציע פון

*) נאָטע 10.

פּאַלעסטינע אונטערן שוץ פון די מערב אייראָפּעאישע פעלקער. וויבאַלד דער ווילשטאַנד וועט ווערן גרעסער אונטערן שוץ פון דעם געזעץ און אויף דעם יסוד פון אַרבעט, וועלן אין ארץ־ישראל אַזוי גוט ווי אין דייטשלאַנד און די איבעריקע אייראָפּעאישע לענדער אַנטשטיין יידישע אוניווערזיטעטן אונטער דער לייטונג פון טיכטיקע געלערנטע, וואָס זייער גייסטיקע בילדונג וועט נישט דאַרפן קומען מער אין סתירה מיט דעם אַלט יידישן נאַציאָנאַלן קולט.

די טרייע באַשיצער פון דעם הייליקן קבר פון אונזער נאַציאָנאַליטעט ווילן, נישט קוקנדיק אויף זייער אָרעמקייט, גאַרנישט וויסן פון אונטערשטיצונגען און אונטערנעמונגען, וועלכע ברענגען אין סכנה דעם אַלטן יידישן קולט. דערפאַר הערן אונזערע מערב־אייראָפּעאישע פילאַנטראָפּן נישט אויף זיך צו קלאָגן, אַז „מען קען מיט די מענטשן גאָרנישט נישט מאַכן". געוויס, אייער פלאַנלאָזיקייט און אייערע משונהדיקע פּלענער פירן צו גאָרנישט, זיי קענען נישט מער, ווי אומעטום ברענגען שאָדן און מחלוקות. פאַרקלאָגט אָבער נישט יענע מענטשן, וואָס ווילן בעסער שטאַרבן אין עלנט אויף דער הייליקער ערד, איידער ווערן אומטריי דעם אַלטן קולט. קלאָגט זיך אויף אייער אומבאַקאַנטשאַפט מיט די באַדערפענישן פון יידנטום און פון דער צייט, ווען איר קענט נישט דערגרייכן קיין גליקלעכן רעזולטאַט, נישט אין מזרח און נישט אין מערב.

דאָס האַרטע אָרטאָדאָקסישע אייז וועט זיך באַלד צעגיין, ווען נאָר דער פונק פון דעם יידישן פּאַטריאָטיזם, וועלכער פלאַקערט אונטער דעם אייז, וועט זיך פאַנאַנדערברענען צו אַ פייער, וואָס אונטער זיין איינפלוס וועט קומען דער פרילינג און אונזער נאַציע וועט אָנהויבן ווידער אויפלעבן. פאַרקערט איז דאָס מערב אייראָפּעאישע יידנטום נאָך אַרומגערינגלט מיט אַ האַרטן שאָלעכץ, מיט די טויטע רעשטלעך פון די ערשטע לעבנס־באַוועגונגען פון מאָדערנעם גייסט, מיט דעם אומאָרגאַנישן שיכט פון אַן אָפּגעשטאָרבענער ראַציאָנאַליסטישער אויפקלערונג. דאָס שאָלעכץ קען נישט צעגיין דורכן פייער פון דעם יידישן פּאַטריאָטיזם, דאָס קען נאָר צעבראָכן ווערן דורך אַן אויסערלעכן דרוק, וואָס אונטער זיין קראַפט מוז אַלץ אָפּשטאַרבן, וואָס האָט נישט קיין צוקונפט. אין קעגנזאַץ צו דער אָרטאָדאָקסיע, וועלכע קען נישט צעשטערט ווערן פון אויסן און נישט ברענגען דערביי אין סכנה דעם קערן פון דער יידישער

נאַציאָנאַליטעט, קען דער האַרטער פּאַנצער, וועלכער רינגלט אַרום די הערצער פון אונזערע מאָדערנע קולטור־יידן, צעבראָכן ווערן נאָר דורך אַ גוואַלדיקן שטויס פון אויסן. אפשר וועלן שוין אין דער נאָנטער צוקונפט די וועלט־פּאַרהעלטעניש אַרויסרופן דעם דאָזיקן שטויס. דער אַלטער בנין פון דער אייראָפּעאישער געזעל־שאַפט, וועלכער איז אַזוי אָפט באַשעדיקט געוואָרן פון די שטורעמס פון דער רעוואָלוציע, פּלאַצט און פאַלט איצט פאַנאַנדער אין אַלע עקן און זייטן; ער קען מער קיין נייעם שטורעם נישט אַריבער־טראָגן. פאַראַן מיטלען, וועלכע שטייען צווישן רעוואָלוציע און רע־אַקציע, וועלכע ווילן האָדעוועז די מאָדערנע געזעלשאַפט און ווערן פון איר דערנאָך פאַרשלונגען, אַזוי ווי די שקאַרפּיאָנמוטער פון אירע קינדער. י ע נ ע א מ ע ן פ ו ן פ א ר ש ר י ט, וועלכע לערנען דעם שעפער זעלבסט באַשיידנקייט, מעסיקייט און שפּאָרזאַמ־קייט, כדי ער זאָל זיך חלילה נישט איבעראיילן אין זיינע שאַפונגען יענע טרעגער פון דער קולטור, יענע רעטער פון דער געזעלשאַפט און פאַרוואַלטער פון שפּאָר־קאַסעס: די שפּעקולאַנטן אין פּאָליטיק, אין רעליגיע, אין פילאָזאָפיע און אינדוסטרי, יענע אַלע וועלן די לעצטע שעהן נישט איבערלעבן. אויך אונזערע יידישע רעפאָרמאַטאָרן וועלן צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע אַמען פון פּאָרשריט באַלד פאַר־ענדיקן זייער צייטווייליקע עקזיסטענץ. דערפאַר אָבער וועט נאָך דער לעצטער קאַטאַסטראָפע, וועלכע מוז באַלד קומען, דאָס יידישע פאָלק צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע געשיכטע־פעלקער אָנהויבן פאָדערן זיין רעכט.

זכור ימות עולם, בינה שנות דור, שאל אביך ויגדך, זקנך ויאמר לך, בהנחל עליון גוים, בהפרידו בני אדם...

אַזוי ווי נאָך דער לעצטער קאַטאַסטראָפע פון דעם אָ ר ג א־נ י ש ן ל ע ב ן, בשעת די געשיכטלעכע ראַסן זיינען אַרויסגע־טרעטן אין דער וועלט, האָבן די שבטים באַקומען זייער פּלאַץ און זייער ראָל, אַזוי וועט אויך נאָך דער לעצטער קאַטאַסטראָפע פון דעם כ אָ צ י א ל ן לעבן, בשעת דער גייסט פון די היסטאָרישע פעלקער הויבט אָן אויפצובליען, וועט אויך אונזער פאָלק, צוזאַמען מיט די אַנדערע געשיכטע־פעלקער, פאַרנעמען זיין פּלאַץ אין דער וועלט־געשיכטע.

---

# עפּילאָג

זכור ימות עולם.

1.

## גריכן און יידן.

די גייסטיקע אָנשויאונגען פון דעם מענטשן, צו וועלכער רעליגיע און נאַציע ער זאָל נישט געהערן, אַנטוויקלען זיך מיט די לעבנס־דערפאַרונגען, וועלכע ער מאַכט אין דעם ס אָ צ י אַ ל ן לעבן, וואָס רינגלט אים אַרום. די דאָזיקע אָנשויאונגען האָבן אָבער זייערע וואָרצלען, אַקוראַט ווי דאָס גאַנצע סאָציאַלע לעבן, דורך דער פאַר־מיטלונג פון פאַמיליע און ראַסע, אין אָ ר ג אַ נ י ש ן לעבן, מיט וועלכן זיי שטייען אין דעם זעלבן ענגן צוזאַמענהאַנג, ווי דאָס אָר־גאַנישע לעבן שטייט מיט דעם ק אָ ס מ י ש ן.

עס איז נישטאָ צווישן די דאָזיקע דריי לעבנס־ספערן קיין אַב־סאָלוטער אונטערשיד, קיין פולקאָמע שייד־וואַנט, אַזוי ווי עס איז נישטאָ קיין אַבסאָלוטער אונטערשיד צווישן דעם גייסטיקן און מאַ־טעריעלן לעבן. איינס וואָרצלט אין דעם אַנדערן, אָבער די דריי לעבנס־ספערן בילדן שאַרף פאַנאַנדערגעטיילטע לעבנס־שטופן אָדער לעבנס־עלטער אינערהאַלב פון דעם א יי נ ע ם און אומטיילבאַרן, אייביק יינגן און אייביק אַלטן אוניווערסאַלן לעבן. אַזוי ווי אין יעדער איינצלנער לעבנס־ספערע, אַזוי איז עס אויך אין דעם גאַנצן אוניווער־סאַלן לעבן. די אַנטוויקלונג צו אַ העכערער לעבנס־שטופע איז פאַר־בונדן מיט דעם רעגרעס פון אַ נידעריקערער לעבנס־שטופע. פאַר־גליכן מיט דער העכערער לעבנס־שטופע פון דער אָרגאַנישער וועלט, איז אויך די קאָסמישע וועלט אַן אונטערגעאָרדנטע און אַ נ י ש ט ב אַ ל ע ב ט ע, באַזונדערס אויף דעם גרענעץ־שיכט, וואָס פירט פון לעבן פון די וועלט־קערפּערס צום לעבן פון די אָרגאַניזמען. אויף דער אויבערפלאַך פון אונזער וועלט־קערפּער, פון וועלכן מיר קענען באַאָבאַכטן נאָר איינצלנע און פאַראיינצלטע טיילן פון דער וועלט,

זעען מיר נאָר די טויטע, איבערגעבליבענע רעשטן פון דער קאָס־מישער לעבנס־ספערע, פון וועלכער עס אַנטוויקלט זיך די נייע, העכערע אָרגאַנישע לעבנס־ספערע. ווען מיר באַאָבאַכטן אָבער דאָס לעבן פון די וועלט־קערפּערס אין וועלט־רוים, דאָס הייסט דאָרטן, וווּ דאָס לעבן אַנטשטייט פון זעלבסט און אַנטוויקלט זיך, זעען מיר אין אים די צייכנס פון געטלעכן לעבן, אַזוי ווי דאָס איז אויסגעדריקט געוואָרן זייער ריכטיק אין אונזער ליטעראַטור מיט די ווערטער: סוף מעשה במחשבה תחלה. די מערקווירדיקע דערשיינונגען, וועלכע מען האָט אָבסערווירט ביי די קאָמעטן אין דער היינטיקער צייט, אַזוי ווי אין 17טן יאָרהונדערט; די פאַנאַנדערטיילונג פון דעם ביעלאַשן קאָמעט; די באַאָבאַכטעטע פאַרענדערונגען ביי דעם קאָמעט, אַזוי ווי ביי אַנדערע קאָמעטן; די קאָסמישע נעפּלען, זייערע דרייאונגען און זייער גרופּירונג אין שטערן־סיסטעמען און פּלאַנעטן־סיסטעמען, די אַלע און ענלעכע דערשיינונגען, וועלכע דער טעלעסקאָפּ ווייזט אונז, זיינען לעבנס־פּראָצעסן. זיי קענען נישט דערקלערט ווערן דורך דער מעכאַנישער גראַוויטאַציע־טעאָריע, אַזוי ווי עס קען נישט דערקלערט ווערן מעכאַניש דער טיילונגס־פּראָצעס פון אַן עמבריאָן אָדער די גענעטישע אַנטוויקלונג פון די אינפוזיאָרעס, אָדער די גרופּירונג פון די אָרגאַנען אין אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם, וועלכער איז נאָר ק אָ מ־פּ ל י צ י ר ט ע ר, איידער דער אויך־לעבעדיקער קאָסמישער אָר־גאַניזם.

אויף דעם גלייכן אופן שטייט דאָס מענטשלעכע, סאָציאַלע לעבן העכער, איידער דאָס אָרגאַנישע, אָבער עס אונטערשיידט זיך נישט אַבסאָלוט, אַזוי ווי דאָס אָרגאַנישע אונטערשיידט זיך נישט פון קאָסמישן לעבן. אויף דער גרענעץ פון דער אָרגאַנישער צו דער סאָציאַלער לעבנס־ספערע שטייט די נאַטירלעכע אָרגאַנישע ראַסע, וועלכע איז נאָך גייסטלאָז אין פאַרגלייך מיט דעם העכערן הומאַ־נעם לעבן. די ראַסע איז אָבער דער וואָרצל פון דער סאָציאַלער לעבנס־ספערע, אַזוי ווי דער וועלט־קערפּער איז דער וואָרצל פון דער אָר־גאַנישער.

דאָס סאָציאַלע לעבן איז לכתחילה אַ פּראָדוקט פון באַשטימטע מענטשן־ראַסן, פון פאַרשידענע פאָלקס־שבטים, וועלכע אָרגאַניזירן זייערע לעבנס־איינריכטונגען לויט אַ באַשטימטן טיפּ. אין לויף פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג קומען אין ווידערשפּרוך צווישן

זיך די טיפּישע קעגנזאַצן פון די אורשפּרינגלעכע לעבנס־איינריכ־טונגען אין די פּרימיטיווע לעבנס־אַנשויאונגען. ערשט פון זייער צו־זאַמענשטויס קומען אַרויס די גייסטיקע פונקען, וועלכע ווערן די ליכט־קערנדלעך פאַר אַ העכערער האַרמאָנישער לעבנס־געשטאַלט.

די איינהייט פון דעם מענטשן־גע־שלעכט אַנטוויקלט זיך אין דער היסטאָרישער אַרבעט, און איז נישט געגעבן געוואָרן שוין לכתחילה דורך דער נאַטור. זי איז נישט קיין אוממיטלבאַרער פּראָדוקט פון אָרגאַנישן לעבן, נאָר זי איז די לעצטע פרוכט פון דעם סאָציאַלן, היסטאָרישן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס. איר מקור איז די פאַרשידנאַרטיקייט פון די אורשפּרינגלע־כע פאָלקס־שבטים, איר באַדינג איז דער קאַמף פון די פעלקער, און זייער האַרמאָניע איז איר ציל.

די אויף אַזאַ אופן פאַרשטאַנענע איינהייט פון דעם מענטשן־גע־שלעכט מיינט, אַז עס איז פאַראַן אַ פּלאַן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. די פאַרשידנאַרטיקע דערשיינונגען פון סאָציאַלן לעבן זיינען לכתחילה דערצו באַשטימט צו קומען אין אַ האַרמאָניע, אַזוי ווי די פאַרשידנאַרטיקע דערשיינונגען פון אָרגאַנישן און קאָס־מישן לעבן. אָט דער איינהייטלעכער געטלעכער פּלאַן אין דער גע־שיכטע איז שוין קלאָר געוואָרן היינט, אין דער לעצטער שטופע פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. אין אַלטערטום אָבער, בשעת די פעלקער זיינען נאָך געווען פאַרזונקען אין דער נאַכט פון נאַטור־לעבן, איז געווען נאָר איין פאָלק, וואָס האָט דורך זיין זשעני דערקענט, אָדער ווייניקסטנס, געפילט אַ געטלעכן פּלאַן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, אַזוי ווי אין דער געשיכטע פון דעם קאָסמישן און אָרגאַנישן לעבן. יענץ פאָלק האָט מגלה געווען דעם פּלאַן אין אַ לי־טעראַטור, וועלכע ווערט היינט פון דער גאַנצער ציוויליזירטער מענטשהייט פאַרערט אַלס אַ הייליקע התגלות.

ווען מיר פאַרשטייען ריכטיק דעם געשיכטע־פּלאַן, וועלכן עס אַנטהאַלטן די הייליקע יידישע ספרים, דערקענען מיר אין אים נישט נאָר די איינהייט פון מענטשן־געשלעכט, נאָר די אחדות פון דעם גאַנצן קאָסמישן, אָרגאַנישן און סאָציאַלן לעבן. די הייליקע ספרים פון אונזער פאָלק דערקלערן די אחדות פון גאָט, כאָטש די וועלט איז אַ ריבוי, זיי דערקלערן די אחדות פון דעם מענטשן־געשלעכט, כאָטש די מענטשן־ראַסעס זיינען פאַרשידן. וואָרום דער גאַנצער פּלאַן פון

דער געשיכטע פון דער וועלט האָט געשוועבט פאַר דעם גייסט פון יידישן פאָלק פון אָנהויב אָן פון זיין אייגענער געשיכטע.

די גאַנצע ליטעראַטור פון די יידן קען פאַרשטאַנען ווערן נאָר פון דאָזיקן גענעטישן שטאַנדפּונקט פון יידישן פאָלק. דאָס יידנטום איז אַ געשיכטע־רעליגיע, אַ ג ע ש י כ ט ע ־ ק ו ל ט, אין קעגנזאַץ צו דעם נ אַ ט ו ר ־ ק ו ל ט פון די אומות העולם.

די התגלות פון דעם יידישן גייסט אין אָנהויב פון דער מענטשלעכער געשיכטע וואָלט געווען דורכאויס אומדערקלערט און איבערנאַטירלעך, ווען עס וואָלטן נישט געווען לכתחילה קיין שום פאַרשיידענע פעלקער מיט אייגנטימלעכע טיפּישע גייסטיקע תכונות, וועלכע האָבן שוין פון אָנהויב אָן געמוזט קומען צו פאַרשידענע אָנשויאונגען. די זעלבע ווונדער פון גייסט טרעטן ארויס פאַר אונז אין די פאַרשידענע שפּראַכן פון די אור־פעלקער. די פּרימיטיווע רעליגיעס און פּרימיטיווע שפּראַכן זיינען ר אַ ס ן ־ ש אַ פ ו נ ג ע ן, אַזוי ווי ר ע נ אַ ן האָט עס ריכטיק באַמערקט, כאָטש ער האָט נישט געהאַט קיין פאַרשטעלונג פון דער באַדייטונג פון דער פּרימיטיוווער י י ד י ש ע ר געשיכטע־רעליגיע. די געשיכטע באַשטעטיקט אַלזאָ, אַזוי ווי מיר ווייסן דאָס אויך פון אַנטראָפּאָלאָגיע, אַז עס זיינען לכתחילה געווען פאַרשידענע מענטשן־ראַסן און פאָלקס־שטאַמען.

אויב די פאַרשידענע ראַסן און פאָלקס־שטאַמען, וועלכע עקזיסטירן נאָך היינט, וואָלטן נישט געווען קיין אורשפּרינגלעכע, וואָלטן זיי היינט אין מערב אַזיע, אין צפון אַפריקע און אין איראָפּע, וווּ זיי לעבן צוזאַמען זינט יאָר־טויזנטער און פאַרמישן זיך, דורך די שטענדיקע פאַרמישונגען אין די קלימאַטישע איינפלוסן, געדאַרפט שוין לאַנג אַרויסברענגען אַזעלכע נייע טיפּן, אין וועלכע מען וואָלט נישט געדאַרפט מער געפינען קיין שפּור פון זייערע אורעלטערן. באמת אָבער האָבן זיך אַלע מענטשן־ראַסן און פאָלקסטיפּן, וועלכע זיינען אונז באַקאַנט פון היסטאָרישע מאָנומענטן, אָדער וועלכע לעבן נאָך היינט אין זייער אורשפּרינגלעכער היימאַט, דערהאַלטן אין זייער פולשטענדיקער גאַנצקייט, נישט קוקנדיק אויף אַלע קלימאַטישע און קולטורעלע איינפלוסן. דער קענער קען זיי אונטערשיידן אויפן ערשטן בליק לויט זייערע פיזיאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע צייכנס. די עלטסטע עגיפּטישע מאָנומענטן ווייזן אונז שוין נעגערס, אינדאָ־גערמאַנען און סעמיטן, אַלזאָ ראַסן, וועלכע האָבן

געלעבט צעשפּרייט זינט אוראַלטע צייטן איינע נעבן די אַנדערע אין זעלבן לאַנד, אַזוי ווי אויך אין פאַרשידענע לענדער און קלימאַטן. זייער אורשפּרינגלעכער טיפּ האָט זיך אָבער נישט פאַרענדערט.

די שפּראַכן פון די פעלקער, פון וועלכע אונזער ציוויליזאַציע שטאַמט, געהערן מינדעסטנס צו צוויי פּרימיטיווע שבטים, צו די אינדאָ־גערמאַנישע און די סעמיטישע. די פאַרצייטיקע קולטור פון די אינדאָ־גערמאַנישע שבטים האָט דער־גרייכט איר העכסטן פונקט אין גריכנלאַנד, די קולטור פון די סעמיטן אין יהודה. אין די ביידע לענדער האָט דער טיפּישער קעגנזאַץ צווישן די אינדאָ־גערמאַנישע און סעמיטישע פאָלקס־שבטים דערגרייכט זיין העכסטן פונקט. זייערע גרונט־פאַר־שידענע לעבנס־אָנשויאונגען זיינען אַנטהאַלטן אין די קלאַ־סישע ווערק פון די גריכן און די יידן. מיר זעען דערפון, אַז די גריכן האָבן אויפגעפאַסט דאָס לעבן אַלס א פאַרשידנ־אַרטיקייט, די יידן אַלס אַן איינהייט, אַז די גריכן האָבן געזען אין דער וועלט אַן אייביקן זיין, די יידן אַן אייביקן ווערן. ביי די גריכן וויל דער גייסט דורכדרינגען דעם רוים, ביי די יידן די צייט. אין גריכישן גייסט שפּיגלט זיך אָפּ די פאַר־ענדיקטע שאַפונג, אין יידישן גייסט די אומזעבאַרע אַרבעט פון דעם ווערן. עס איז דער שעפערישער פּרינציפּ, וועלכער האָט אָנגע־הויבן זיינע אַרבעטס־טעג ערשט אין סאָציאַלן לעבן, בשעת ער האָט אין נאַטור־לעבן שוין דערגרייכט זיין שבת. די קלאַסישע פאַרטרעטער פון דעם נאַטור־שבת עקזיסטירן שוין לאַנג נישט מער אַלס פאָלק, אָבער דער גאָט פון דער געשיכטע און פון דעם ווערן האָט אויך זיין פאָלק, וואָס האָט אָנגעזאָגט דעם געשיכטע־שבת, צעזייט צווישן אַלע פעלקער. אָבער די ביידע אורשפּרינגלעכע טי־פּן פון גייסט, וועלכע האָבן נישט מער קיין קלאַסישע פעלקער פאַר זייערע טרעגער, האָבן נאָך אַלץ קלאַסישע אינדיווידוען פאַר זייערע פאַרטרעטער, וועלכע געפינען זיך צווישן אַלע מאָדערנע קול־טור־פעלקער.

די ביידע העלדן פון אונזער ליטעראַטור געטהע און שיללער, זיינען די דייטשע רעפּרעזענטאַנטן פון דעם געניוס פון די גריכן און יידן, פון דעם נאַטור־שבת און געשיכטע־שבת. זועו הײנע טיילט פאַנאַנדער אַלע מענטשן אין גריכן און נאַ־

זאַרענער, האָט ער דערמיט אָנגעצייכנט, נישט ווינסדיק דאָס אַליין געענוי, ביידע טיפּישע גייסט־ריכטונגען פון דעם נאַטור־קולט און געשיכטע־קולט. אין ה יי נ ע און ב ע ר נ ע האָבן די מאָדערנע יידן, אַקוראַט ווי די מאָדערנע אינדאָ־גערמאַנישע פעלקער, אַרויסגעבראַכט די ביידע טיפּן פון דעם קולטור־לעבן.

נאָכדעם ווי ס'האָט זיך פאַרפולקאָמט דער קעגנזאַץ פון די ביידע גייסט־ריכטונגען אין צוויי וועלט־היסטאָרישע פעלקער, איז די פאַרייניקונג פון דאָזיקן קעגנזאַץ געוואָרן די אַרבעט פון דער גאַנצער קולטור־געשיכטע.

נאָך אַן ערשטן אומפולקאָמען שלום־פּרווו דורכן קריסטנטום איז דער זעלבער פּרווו געמאַכט געוואָרן דורך דעם איסלאַם, וועלכער האָט אָפּגענומען ביי דעם ערשטן פאַרמיטלער, ביים קריסטנטום, די הערשאַפט אין אַזיע און אַפריקע און אַפילו אַ טייל פון אייראָפּע און שפּאַניע. אַזוי ווי פון דער באַרירונג פון דער גריכישער מיט דער יידישער קולטור אין דעם אַלטן יידישן פּאַטערלאַנד איז אַרויסגעוואַקסן דער ערשטער שלום־פּראָצעס, אַזוי איז פון דעם צוזאַמענשטויס פון דער אַראַבישער, יידישער און אייראָפּעאישער קולטור אין שפּאַניע, דעם צווייטן פּאַטערלאַנד פון די יידן, אַרויסגעוואַקסן דער לעצטער שלום־פּראָצעס פון די ביידע וועלט־היסטאָרישע טיפּן.

דער גייסטיקער פונק אָבער, וועלכער איז אַרויסגעקומען פון דעם צוזאַמענשטויס פון ביידע ריכטונגען, און איז געוואָרן דער זאָמען פאַר אַ העכערער האַרמאָנישער ריכטונג, אין וועלכער עס דאַרפן שלום מאַכן די נאַטירלעכע ראַסן־סתירות פון די וועלט־היסטאָרישע קולטור־פעלקער, דער סאָציאַלער ל י כ ט ־ ז אָ מ ע ן, די נייע ה ת ג ל ו ת איז שטענדיק אַרויסגעקומען פון אַ יידישן גייסט.

בשעת דאָס היידנישע רוים האָט געמאַכט אַ סוף צו דעם פאַרצייטיקן גריכישן און יידישן קולטור־לעבן, איז אויף די חורבות פון יענעם לעבן, אין סוף פון אַלטערטום, אַרויסגעוואַקסן אַ נייע וועלט־אַנשויאונג, וואָס איר זאָמען איז נתגלה געוואָרן אין אַ יי ד י ש ן געניוס. און בשעת דאָס קריסטלעכע רוים האָט געגעבן אַ טויט־שטויס דעם קולטור־לעבן אין שפּאַניע, איז אויף זיינע חורבות, ביים סוף פון מיטלאַלטער, אַנטשטאַנען די מאָדערנע וועלט־

אַנשויאונג נאָכאַמאָל דורך אַ ייד. ספּינאָזאַ האָט געשטאַמט פון שפּאַנישע יידן, וועלכע זיינען אַנטלאָפן אין האָלאַנד, כדי זיך צו ראַטעווען פון די הינט פון דער הייליקער אינקוויזיציע.

---

.2

## קריסטוס און ספּינאָזאַ.

דאָס יידנטום, וואָס האָט שלום געמאַכט מיט דער וויסנשאַפט, קען זיין גערעכט צום קריסטנטום, קען פולשטענדיק אָנערקענען זיין וועלט־היסטאָרישע באַדייטונג, דערביי אָבער נישט אַריינפאַלן אין דעם וואָסערדיקן קאָסמאָפּאָליטיזם פון דער יידישער רעפאָרם און נישט פאַרלייקענען דעם כאַראַקטער פון דער יידישער רעליגיע. דער יידישער געשיכטע־שרייבער דאַרף שוין היינט נישט זיין פאַנאַטיש אָדער אינדיפערענט צו אַ רעליגיע, וועלכע איז זעלבסט אַ פּראָדוקט און פאָלגלעך אַ וועזנטלעכער טייל פון דער יידישער געשיכטע. דער היסטאָריקער גרעץ האָט אין דריטן באַנד פון זיין געשיכטע געלייזט דאָס פּראָבלעם, ווי מען קען זיין אַ ייד, אַ פרומער, אַ פּאַטריאָטישער ייד און אויך אָביעקטיוו אָפּשאַצן יענע גרויסאַרטיקע דערשיינונג, וועלכע איז אין לויף פון אַכצן הונדערט יאָר געווען פאַרן יידישן פאָלק נאָר אַ קוואַל פון פאַרפאָלגונגען און אונטערדריקונגען.

אייניקע פּרוון פון גרעצן וועלן ווייזן, מיט וואָס פאַראַ פרייהייט פון גייסט און טיפקייט פון געפיל אַ יידישער היסטאָריקער, וועלכער געהערט נישט צו דער רעפאָרם־פּאַרטיי, קען אָפּשאַצן דאָס קריסטנטום און זיינע גרינדער:

„בשעת יהודה האָט נאָך געציטערט״, שרייבט אונזער יידישער היסטאָריקער *), אַז דער גובערנאַטאָר פּאָנטיוס פּילאַטוס זאָל נישט טאָן וועלכן עס איז גוואַלט־טאַט און דערמיט אַרויסרופן אַ נייעם אויפשטאַנד און נייע ליידן, האָט זיך אָנגעהויבן צו

---

*) געשיכטע פון די יידן, טייל 3, קאַפּיטל 11. זע אויך טייל 4, קאַפּיטל 5, 8, 9. און אויך נאָכן 9, 14 און 19.

באַווייזן אַ נייע דערשיינונג אין לעבן. זי איז אין אָנהויב געווען אַזוי קליין, אַז מען האָט זי לכתחילה גאָר נישט באַמערקט, זי איז אָבער אַ דאַנק די גינסטיקע אומשטענדן ביסלעכווייז געוואָרן אַזוי גוואַלדיק און האָט דערגרייכט אַזאַ ריזיקע מאַכט, אַז זי האָט אָנגעצייכנט נייע וועגן פאַר דער וועלט־געשיכטע... דאָס פאָלק ישראל האָט אָנגעהויבן ערנסט צו פאַרווירקלעכן זיין אויפגאַבע: צו ווערן דער לערער פון די פעלקער.

„די נייע דערשיינונג, וועלכע איז אַרויסגעוואַקסן אונטער פילאַטוסן, האָט דערוועקט דעם גרעסטן אינעווייניקסטן אָנטייל פון די אומות העולם אין דער לערע פון יידנטום. אָבער די דאָזיקע דערשיינונג איז באַלד אַריינגעקומען אין אַ שאַרפער סתירה צו איר אורשפרונג אַ דאַנק אירע פרעמדע עלעמענטן און דער אייגענער פאַרפרעמדונג פון דער יידישער לערע. די יידישע רעליגיע, וועלכע האָט געבוירן די דאָזיקע דערשיינונג, האָט פון איר נישט געהאַט קיין מוטער־פריידן, ווארום די טאָכטער האָט זיך באַלד פיינטלעך אָפגעזונדערט פון איר אורשפרונג, און איז געגאַנגען אין אַ וועג, וווהין יענע האָט נישט געקענט נאָכגיין. אויב דאָס יידנטום וואָלט נישט געוואָלט אַראָפּוואַרפן פון זיך זיין אייגנטימלעכן כאַראַקטער און ווערן אומטריי צו זיינע אוראַלטע איבערצייגונגען, האָט עס געמוזט אַריינטרעטן אין אַ קעגנזאַץ צו זיין קינד. דערפאַר האָט די לייכטע, שמערצלאָזע געבורט פון דעם קינד, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר גרויסע זאַכן, געבראַכט שפעטער דעם יידנטום שמערץ און פיין, וועלכע האָבן אים אַ צייט לאַנג כמעט ווי פאַרניכטעט. די דאָזיקע נייע דערשיינונג, די אַלטע לערע אין נייעם קלייד, אָדער בעסער געזאָגט, דאָס עסטערטום מיט פרעמדע עלעמענטן איז דאָס קריסטנטום, וואָס האָט אָנגעהויבן צו אַנטשטיין אין יענער צייט־עפּאָכע".

וועגן יעזוסן זעלבסט זאָגט גרעץ פאָלגנדיקעס: „אַ דאַנק זיין גאַלילעאישער אָפּשטאַמונג האָט יעזוס נישט געקענט זיין אַזאַ תלמיד חכם, ווי די תלמידים פון שמאי און הלל אין יהודה. פון גליל האָט ער געקענט שעפּן זיינע קנאַפּע קענטענישן אין זיין האַלב אַראַמעאישער שפּראַך. זייענדיק אָרעם אין טעאָרעטישע קענטענישן, איז ער געווען רייך אין געפיל. ער האָט געהאַט אין זיך איידל־

קייט פון הארץ, מאראלישן ערנסט, און לעבנס־הייליקייט אין א הויכער מדרגה. דאס קלינגט פון אלע זיינע ווערטער, און אפילו פון די געפעלשטע לערעס, וואס זיינע אנהענגער האבן פארשפרייט אין זיין נאמען. די ווייכקייט פון יעזוסן און זיין עניוות דערמאנען אן הלל, וועלכער איז קאנטיק געווען זיין מוסטער. הללס שפריכ־ווארט „וואס דו ווילסט נישט, אז מען זאל דיר טאן, זאלסטו אויך דעם אנדערן נישט טאן", האט ער געמאכט פאר דעם אויסגאנגס־פונקט פאר זיינע לערעס. אזוי ווי הלל האט אויך יעזוס געהאלטן פאר דער העכסטער טוגנט — שלום. זיין גאנץ וועזן איז געווען אנגעפילט מיט יענער העכערער פרומקייט, וועלכע גיט אפ פאר גאט נישט נאר א שעה פון תפילה, א הייליקן טאג, א שטימונג, נאר יעדן שריט פון לעבן, יעדע באוועגונג פון דער נשמה און טרויט זיך אן איג־גאנצן צו אים. ער איז געווען דורכגעדרונגען פון דער ליבע צום צווייטן, וועלכע דאס יידנטום פאדערט אויך בנוגע צום פיינט. ער האט געוויס נישט געשאלטן זיינע שונאים, און זיינע פארערער האבן אים געטאן אן אומרעכט, ווען זיי האבן אים אריינגעלייגט אין מויל קללות און נישט ליבלעכע ווערטער קעגן זיין אייגענער מוטער. ער האט דערגרייכט זיין אידעאל אין די ליידנדיקע טוגנטן, אזוי ווי דאס יידנטום פאדערט עס: „דו זאלסט געהערן צו די אונטערדריקטע און נישט צו די אונטערדריקער; זאלסט הערן זידלערייען און נישט ענטפערן אויף זיי; זאלסט אלץ טאן אויס ליבע צו גאט און זאלסט זיך פרייען מיט די ליידן *)".

„זיין גאנצער געפיל, וועלכער האט אפגעשטויסן געוואלט־טע־טיקייט, וועלטלעכע שטרעבונגען און פארטיי־מחלוקות, האט גע־מוזט פירן יעזוסן צו די איסיים, וועלכע זיינען געווען פרעמד פון דער וועלט און אירע הבלים. בשעת יוחנן דער טובל, אדער בעסער געזאגט דער איסי, האט גערופן צו דער טבילה אין ירדן, צו תשו־בה און צו דער מלכות השמים, איז יעזוס צו איר געגאנגען און האט זיך געלאזט טויפן. די לעגענדע דערציילט, אז דער הימל האט זיך דערביי געעפנט, און אז דער רוח הקדש האט זיך אראפגעלאזט אויף

---

*) שבת פ"ח, ב', יומא כ"ג, א', גיטין ל"ו, ב'. די קוועלע האט דעם כאראקטער פון אן אלטער ברייתא.

אים ווי אַ טויב, און האָט אים אָנגעזאָגט זיין באַרוף. כאָטש עס לאָזט זיך נישט באַווייזן, אַז יעזוס איז ווירקלעך אויפגענומען געוואָרן אין דער כתה פון די איסיים, קען מען פיל פון זיין לעבן און ווירקן דורך דעם דערקלערן, אַז ער האָט אויפגענומען לערעס פון די איסיים. אַזוי ווי די איסיים, האָט יעזוס הויך געהאַלטן די פרייוויליקע אָרעמקייט און האָט פאַראַכטעט דאָס רייכטום, דאָס געלט, אַזוי ווי די איסיים האָט אויך יעזוס געפּרעדיקט די שותּפות פון דעם רייכטום. ווי די איסיים האָט ער געפּרעדיקט דעם ווידערווילן צו יעדער שבועה. „איר זאָלט נישט שווערן", אַזוי האָט געלערנט יעזוס, „נישט ביים הימל, נישט ביי דער ערד, נישט ביי אייער קאָפּ, נאָר איר זאָלט זאָגן יאָ אָדער ניין". די וווּנדער־היילונגען, וועלכע ווערן אים צוגעשריבן, באַזונדערס דאָס פאַרטרייבן פון בייזע גייסטער דורך אָפּשפּרעכן, זיינען געווען שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן די איסיים. עס ווערט נישט באַטראַכט אַלס באַזונדערער וווּנדער, אַז יעזוס האָט געקענט פאַרטרייבן די שדים, נאָר עס ווערט דערציילט, אַז ער האָט עס געקענט, אַזוי ווי די אַנדערע, ד"ה, אַז ער איז נישט אָפּגעשטאַנען פון די איסיים. אויך זיין גאַנצער קרייז איז געשטאַנען נאָנט צו די איסיים. וועגן זיין ברודער יעקב ווערט דערציילט, אַז ער האָט געפירט אַ לעבן ווי די איסיים, האָט נישט געטרונקען קיין וויין, האָט נישט געגעסן קיין פלייש, האָט נישט געשוירן די האָר, האָט נישט באַנוצט קיין אייל און האָט זיך שטענדיק געקליידט אין לייוונטענע קליידער. אָבער יעזוס האָט וואַרשיינלעך איבערגענומען די וויכטיקע פאָרשריפטן פון די איסיים: די ליבע צו אָרעמקייט, די פאַראַכטונג פון רייכטום און באַזיץ, דעם קאָמוניזם, דאָס נישט חתונה האָבן, דעם ווידערווילן צו שבועה, די פעאיקייט צו היילן משוגעים און מטורפים. די אומוועזנטלעכע פונקטן פון די איסיים, זייער ריינקייט, זייער טבילות, דאָס טראָגן פון אַ גאַרטל האָט יעזוס נישט איבערגענומען. אַפילו די טבילה איז ביי יעזוסן נישט געווען קיין וויכטיקער פונקט, ווייל עס ווערט אינערגעץ נישט דערציילט, אַז ער האָט די האַנדלונג פאַרנומען אָדער זי געפּרעדיקט.

„בשעת יוחנן איז פון קעניג הורדוס איינגעזעצט געוואָרן אין דער פעסטונג מאהעלוס, האָט יעזוס געוואָלט נאָר פאָרזעצן דאָס ווערק פון זיין לערע. ער האָט אָנגעזאָגט ,אַזוי ווי יוחנן: „טוט תשובה, ווייל די מלכות השמים איז נאָנט", האָט אָבער דערביי נישט גע־

מיינט, אַז ער וועט האָבן אַ הויפּט־ראָל אין דעם מלכות השמים, דאָס הייסט, אין דער קומענדיקער משיח־צייט. יעזוס האָט אָבער וואָר־שיינלעך פאַרשטאַנען, אַז אויב זיין רוף זאָל נישט בלייבן ווי יו־חננס, אַ קול אין דעם מדבר, נאָר אויב ער זאָל האָבן אַ ווירקונג, דאַרף ער זיך דערמיט ווענדן נישט צום יידישן פאָלק בכלל, נאָר צו אַ באַשטימטן קלאַס. דער יידישער מיטל־קלאַס, די איינוווינער פון די קלענערע און גרעסערע שטעט, איז געווען מיינסטנס אַזוי שטאַרק דורכגעדרונגען פון יראת שמים, מאָראַל און פרומקייט, אַז דער רוף צו תשובה וואָלט פאַר אים נישט געהאַט קיין זין. די ווערטער פון יענעם יינגמאַן צו יעזוסן: „איך האָב פון מיין יוגנט אָן אָפּגעהיטן די געבאָטן פון גאָט, האָב נישט געמאָרדעט, האָב נישט געגנואפט, האָב נישט געגנבעט, נישט געשווירן פאַלש, געערט פאָטער און מוטער, געליבט מיין נאָענטן ווי זיך זעלבסט", די דאָזיקע ווערטער זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דורכשניטלעכער מאָראַל פון דעם יידי־שן מיטלשטאַנד אין יענער צייט. די שפּעטערדיקע שילדערונגען פון דער פאַרדאָרבנקייט פון דעם יידישן פאָלק און די פרושים אין דער צייט פון יעזוסן זיינען אויסגעטראַכטע זאַכן און אַנטשפּרעכן נישט דער דאַמאָלסדיקער ווירקלעכקייט. די תלמידים פון שמאי און הלל, די צייט־גענאָסן פון יהודה הקנאי, די ביטערע שונאים פון הורדוס און די רוימער זיינען נישט געווען מאָראַליש קראַנק און האָבן געוויס נישט געדאַרפט קיין דאָקטאָר. יעזוס האָט אויך גאָר נישט געוואָלט זיי בעסער מאַכן. ער האָט אָבער אויך נישט געוואָלט ווערן דער פאַרבעסערער פון די רייכע און אָנגעזעענע, פון די פריינט פון די רוימער און דעם מלכות הורדוס. זיי וואָלטן געוויס באַהאַנדלט דעם אומגעלערנטן מאָראַל־פּריידיקער מיט שפּאָט און געלעכטער, ווען יעזוס וואָלט זיי דערמאָנט זייער גאוה, זייער פאַרקויפטקייט און זייער פּרינציפּלאָזיקייט. יעזוס האָט זיך דערפאַר געווענד'עט נאָר צו די, וועלכע זיינען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דער יידישער געזעל־שאַפט. אין ארץ־ישראל זיינען דאַמאָלסט געווען פיל, וועלכע האָבן גאָרנישט געוווסט פון דער תורה, פון די אמתן פון יידנטום, פון זיין אַלטער גלאַנצפולער געשיכטע און זיין צוקונפט. דאָס זיינען געווען מענטשן, וועלכע האָבן איבערגעטרעטן דאָס געזעץ, „עבריונים" אָדער, ווי זיי האָבן זיך דאַמאָלסט גערופן ז י נ ד י ק ע, וועלכע זיינען פאַר זייערע עבירות אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דער גע־

מיינדע און האָבן זיך צו איר גאָרנישט געוואָלט אומקערן. עס זיינען געוועזן שטייער - מאָנער, וועלכע מען האָט אויסגעמיטן פאַר זייער פאַרקויפטקייט צו די רוימישע אינטערעסן, און וועלכע האָבן זיך אָפּגעווענדט פון דער תורה און האָבן געפירט אַ ווילד לעבן, נישט קימערנדיק זיך פאַר דער פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט. עס זיינען געוועזן אומוויסנדיקע, נידעריקע האַנטווערקער און קנעכט, „עם־הארץ", וועלכע האָבן זעלטן געהאַט אַ געלעגנהייט צו קומען אין ירושלים, צו זען דעם בית המקדש און צו הערן אָדער פאַרשטיין די תורה. פאַר די דאָזיקע האָט דער סיני נישט געפלאַמט און די נביאים האָבן נישט גערעדט, ווייל די תלמידי־חכמים האָבן נישט פאַרשפּרייט צווישן זיי די קענטעניש פון דער תורה און פון די נביאים.

„צו די פאָלקס־מאַסן האָט זיך יעזוס געוואָלט ווענדן, כדי זיי אַרויסצורייסן פון זייער אומוויסנהייט, פון זייער שמוץ און מאָראַלישער געפאַלנקייט, פון זייער פאַרפרעמדונג צו גאָט און צו זיין געזעץ. ער האָט אין זיך געפילט דעם באַרוף, „צו ראַטעווען די פאַרלוירענע שאָף פון הויז ישראל". „די געזונטע, דאָס הייסט די, וועלכע עס ווייסן און פאָלגן דעם געזעץ, באַדאַרפן קיין דאָקטאָר נישט", אַזוי האָט ער זיך אָפּגעהאַרציק אויסגעדריקט, „נאָר די קראַנקע, כדי קיינער פון זיי זאָל נישט גיין פאַרלוירן" *).

„יעזוס האָט עס פאַרשטאַנען, ווי אויפצוהויבן צו זיך די זינדיקע און שטייער־איינמאָנער, ווי אָנצופילן זייער זין מיט ליבע צו גאָט, „כדי זיי זאָלן ווערן ווירדיקע קינדער פון פאָטער אין הימל", ווי צו פאַראיידעלן זייער האַרץ מיט הייליקייט און צו פאַרבעסערן זייער לעבנס־וועג, „כדי זיי זאָלן אַריינקומען אין דעם מלכות השמים". דאָס איז געווען דאָס גרעסטע ווונדער, וואָס ער האָט באַשאַפן. דאָס זיינען געווען די טויבע, וועלכע ער האָט געמאַכט הערן, די בלינדע, וועלכע ער האָט געעפנט די אויגן, די קראַנקע, וועלכע ער האָט געהיילט, די טויטע, וועלכע ער האָט דערוועקט צום לעבן. די לעגענדע, וועלכע האָט פאַרוואַנדלט זיינע מאָראַלישע ווונדער איןווירקלעכע, האָט אים דערמיט געוואָלט פאַרהערלעכן, האָט אים אָבער נאָר פאַר־

*) מתתיהו, 9 ,12. 10 ,5. 24. 18 ,11 ,14. 21, 31 און אנדערע שטעלן.

קלענערט. אַ באַשאַפער פון מענטשן שטייט אומענדלעך העכער, איידער אַ וווּנדער־מאַכער. יעזוס האָט געלערנט זיינע תלמידים די טוגנטן פון די איסיים: ענייוות, אָרעמקייט, שלום און אחדות. ער האָט זיי געשטעלט אַלס ביישפּיל די קינדער, אַז זיי זאָלן זיין אַזוי ווי זיי ריין פון עבירות, און זאָלן קענען ווערן מיטגלידער פון דעם אָנקומענדיקן מלכות המשיח. דאָס געבאָט פון דער ליבע צו פרעמדע און פון שלום האָט ער געשטייגערט ביז זעלבסטלאָזיקייט. „ווען אײ־מיצער שלאָגט דיך אויפן באַק, שטעל אים די צווייטע אויס, און ווען אימיצער נעמט ביי דיר אַוועק דאָס אויבערשטע קלייד, טאָ גיב אים אַוועק דאָס העמד". די אָרעמע האָט ער געלערנט, אַז זיי זאָלן נישט זאָרגן פאַר שפּייז, געטראַנק און קליידונג. ער האָט זיי אָנ־געוויזן אויף די פייגעלעך אין הימל און די ליליען אויפן פעלד, וועל־כע ווערן געשפּייזט און געקליידט אָן זאָרגן. צו די רייכע האָט ער געפּרעדיקט, אַז זיי זאָלן געבן אויף אַזאַ אופן צדקה, „אַז די לינקע האַנט זאָל נישט וויסן, וואָס די רעכטע טוט". די פאַרהאַרטעוועטע פאַרמאַליסטן האָט ער געלערנט, ווי צו דאַווענען אין זייער שטילן צימערל און האָט באַשאַפן דערצו אַ קורצע תפילה: „אונזער פאָ־טער", וועלכע איז וואַרשיינלעך געווען פאַרשפּרייט צווישן די איסיים.

„יעזוס האָט גאָרנישט געוואָלט ענדערן אָדער פאַרבעסערן די יידישע לערע אָדער באַשאַפן עטוואָס נייעס, ער האָט נאָר געוואָלט דערציען די זינדיקע צו דער געטלעכער לערע, און זיי מאַכן ווירדיק פאַר דעם מלכות המשיח. ער האָט אונטערגעשטראָכן די איינהייט פון גאָט און האָט דורכאויס נישט געוואָלט אָפּשוואַכן דעם גאָט־באַגריף פון יידנטום. בשעת אַ תלמיד־חכם האָט אים אַמאָל געפרעגט, וואָס איז דער אמת פון יידנטום, האָט ער געענטפערט: „שמע יש־ראל ד׳ אלהינו ד׳ אחד", און „ואהבת לרעך כמוך". דאָס זיינען די הויפּט־מצוות. בשעת איינער האָט זיך צו אים געווענדעט מיט די ווערטער: „ג ו ט ע ר ל ע ר ע ר!" האָט אים יעזוס באַמערקט: „רוף מיך נישט גוטער, וואָרום נאָר איינער איז אַ גוטער, מיין פאָטער אין הימל". זיינע אָנהענגער, וועלכע זיינען טריי געבליבן דעם יידנ־טום, גיבן איבער זיינע ווערטער: „איך בין נישט געקומען, כדי אויפ־צולייזן דאָס געזעץ, נאָר איך בין געקומען, כדי עס מקיים צו זיין. עס וועלן גיכער אונטערגיין הימל און ערד, איידער איין אות פון

דער תורה״ *). דעם שבת האָט ער געהאַלטן הייליק. זיינע יידישע תלמידים האָבן שטרענג געהיטן דעם שבת, און אויב זייער לערער וואָלט דעם שבת מחלל געווען, וואָלטן זיי אויך דעם שבת נישט געקענט האַלטן הייליק. יעזוס איז געווען נאָר קעגן יענער שטרענג־קייט פון שבת, אויף וועלכער עס זיינען באַשטאַנען די תלמידים פון בית שמאי, און לויט וועלכע מען האָט נישט געטאָרט שבת אַפילו טאָן גוטס און היילן מענטשן. יעזוס איז נישט געווען אַפילו קעגן קרבנות, ער האָט נאָר פאַרלאַנגט, אַקוראַט ווי די פרושים, אַז איידער דער מענטש זוכט פאַרגעבונג ביי גאָט, זאָל ער מאַכן שלום מיט די מענטשן **). יעזוס איז אַפילו נישט אַרויסגעטרעטן קעגן תעניתים, נאָר קעגן דער פאַלשער הייליקייט, מיט וועלכע מען פלעגט פאַרבינדן דאָס פאַסטן. ער איז אינגאַנצן געשטאַנען אויפן באָדן פון יידנטום, און האָט אַפילו פאַראַכטעט די היידן, אונטער וועלכע מען האָט דאַמאָלסט פאַרשטאַנען די אונטערדריקנדיקע רוימער און זיי־ערע העלפער, די אָריענטאַלישע גריכן און סיריער. מיט די היידן האָט ער גאָנישט געוואָלט האָבן צו טאָן. „מען זאָל נישט אַרויסוואַרפן די הייליקייט פאַר די הינט, און די פערל פאַר די חזירים, ווייל זיי וועלן עס צעטרעטן מיט די פיס און פאַרניכטן״. בשעת אַ סיריש־גריכישע פרוי פון פעניציע האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל איר היילן איר מטורפדיקע טאָכטער, האָט ער איר געענטפערט האַרט: „איך בין נאָר געשיקט געוואָרן צו די פאַרלאָזענע שאָף פון ישראל, און עס איז נישט ריכטיק אָפּצונעמען דאָס ברויט פון די קינדער און עס אַוועקוואַרפן פאַר די הינט״. זיינע תלמידים האָט ער גע־זאָגט: „איר זאָלט נישט גיין דעם וועג פון די היידן און זאָלט נישט אַריינגיין אין די שטעט פון די שומרונים״. יעזוס האָט זיך געהאַלטן אויף אַזאַ אופן שטרענג ביים יידנטום, האָט נישט געוואָלט גרינדן קיין נייעם בונד***), נאָר האָט געוואָלט אַריינברענגען די עקזיסטירנ־

---

*) מתתיהו, 7, 17, 19.

**) משנא, סוף יומא.

***) דער בערג־פּרעדיקט פון מתתיהו איז טיילווייז אזוי געשריבן געוואָרן, אזוי ווי יעזוס וואָלט וועלן ארויסטרעטן מיט זיין נייער לערע קעגן דער תורה. עס איז אָבער א גרויסע פראגע, אויב דער בערג־פּרעדיקט שטאמט פון יעזוסן.

דיקע רעליגיעזע און מאָראַלישע געדאַנקען אין אַזעלכע הערצער, וועלכע זיינען ביז איצטער געווען קאַלט. יעזוס האָט אַפילו נישט געפּרעדיקט די השארת הנפש, נאָר תחית המתים *), אַזוי ווי אַלע איבעריקע לערער פון יידנטום אין יענער צייט. דאָס תחית המתים פון די גערעכטע און פרומע וועט פאָרקומען אויף דער וועלט, און עס וועט געגרינדעט ווערן אַ נייע אָרדענונג, דער עולם הבא. די צוקונפטיקע וועלט האָט זיך יעזוס פאָרגעשטעלט אַקוראַט ווי די פּרושים און איסיים, אין צוזאַמענהאַנג מיט ימות־המשיח, מיט דעם קומען פון דעם מלכות השמים. פאַר די זינדיקע, וועלכע טוען נישט קיין תשובה, האָט ער אויך געהאַט אַ פייערדיקן גיהנום **). זיין פאַרדינסט באַשטייט אָבער הויפּטזעכלעך דערין, וואָס ער האָט די פאַרשריפטן פון יידנטום נענטער געבראַכט צום האַרצן און צום געפיל, וואָס ער האָט אויפגעפּאַסט די פאַרהעלטעניש פון די יידן צו זייער גאָט, ווי פון קינדער צו זייער פאָטער, וואָס ער האָט אונטערגעשטראָכן די ברידערלעכקייט פון אַלע מענטשן, וואָס ער האָט אַרויסגעשטעלט פאָרויס די מאָראַל, און ער האָט אַריינגעבראַכט די לערע פון הייליקייט אין די הערצער פון די אוממאָראַלישע באַשעפענישן.

„אַמאָל האָט יעזוס אַנטדעקט פאַר זיינע נאָענטע תלמידים דעם ציל פון אַלע זיינע געדאַנקען, די געהיימניש פון זיין האַרץ. ער האָט זיי אַוועקגעפירט אין אַ ווייטער געגנט ביים באַרג חרמון, נישט ווייט פון צעזאַרעאַ, ווו דער ירדן שטראָמט אַרויס פון די מעכטיקע פעלזן. אין דער שוידערלעכער סביבה האָט ער געוואָלט אַנטדעקן זיי זיין געהיימסטן געדאַנק. אָבער ער האָט דאָס געמאַכט אויף אַזאַ אופן, אַז זיינע תלמידים האָבן אַזוי צו זאָגן אַליין געטראָפן זיין געדאַנק, אַז ער איז דער דערוואַרטעטער משיח. ער האָט זיי געפרעגט פאַר וואָס פאַרא מענטש זיינע אָנהענגער האַלטן אים. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז ער איז אליהו הנביא, וועלכער מוז קומען פאַר משיחן. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ער איז דער נביא, וועלכן משה רבינו האָט אָנגעזאָגט. דאַמאָלסט האָט יעזוס ביי זיי געפרעגט: „פאַר וועמען האַלט איר מיך?" שמעון פּעטרוס האָט געענט־

*) מתתיהו 22, 23 — 32.
**) מתתיהו 5, 22.

פערט: „דו זעלבסט ביזט דער משיח (קריסטוס)”. יעזוס האָט געלויבט דעם שאַרפן בליק פון פעטרוסן, האָט מודה געווען, אַז ער איז משיח, האָט אָבער פאַרבאָטן זיינע תלמידים דערפון איצט צו רעדן *). דאָס איז געווען די געהיימניספולע געבורט־שעה פון קריסטנטום. בשעת שפעטער האָבן אים זיינע נאָנטע תלמידים שמעון פעטרוס, יעקב און יוחנן באַמערקט, אַז פאַר משיחן מוז דאָך קומען אליהו הנביא, האָט יעזוס געענטפערט, אַז אליהו איז שוין געקומען אין דער געשטאַלט פון יוחנן הטובל, אָבער קיינער האָט אים נישט דער־קענט **). האָט יעזוסווירקלעך געהאַט דעם דאָזיקן געדאַנק פון אָנפאַנג אָן אין דער טיפעניש פון זיין נשמה? אָדער איז אים דער דאָזיקער געדאַנק ערשט געקומען דורך דעם דערפאָלג פון זיין פּרעדיקעריי? דאָס איז אַ רעטעניש, וועלכער וועט וואַרשיינלעך קיינ־מאָל נישט קענען געלייזט ווערן. כאָטש יעזוס האָט זיך דאָ דאָס ערשטע מאָל דערקלערט פאַר משיחן, האָט ער זיך אָבער קיינ־מאָל אַליין נישט אָנגערופן משיח, נאָר ער האָט געברויכט דער־פאַר אַנדערע אויסדרוקן, וועלכע זיינען אָן צווייפל געווען פאַרשפּרייט צווישן די איסיים. ער האָט זיך אָנגערופן מענטשן־זון (בר־נש), אַזוי ווי ביי דניאל (7־13): חזה הוית בחזיי לילא ואת עם ענני שמיא כבר נש אתה הוא ועד־עתיק יומיא”. דעם פסוק האָט מען דאַמאָלסט געטייטשט אויף משיחן ***). יעזוס האָט נאָך אָן אַנדער וואָרט גע־ברויכט פאַר זיך: „זון פון גאָט”, אויסטייטשנדיק דעם פסוק פון תהילים (7,2): „ד׳ אמר לי בני אתה אני היום ילדתיך”. דעם פסוק האָט מען דאַן אויך צווישן יידן אויסגעטייטשט אויף משיחן ****). האָט יעזוס דעם פסוק באַנוצט נאָר אַלס בילד אָדער אין ווירקלעכן זין פון וואָרט? אויף וויפיל מיר ווייסן, האָט ער דאָס קיינמאָל נישט דערקלערט גענויער, אַפילו בשעת ער איז געשטאַנען פאַר זיין בית

*) מתתיהו 16, 13—20. אין עוואַנגעליום פון מארקוס 8, 27—30 קלינגט די דאָזיקע מעשה נאָך פיל אורשפּרינגלעכער. ביי לוקאַס, 9, 18, האָט די מעשה שוין פאַרלאָרן איר אור־שפּרינגלעכע פרישקייט.

**) מתתיהו 17, 10, 3.

***) מתתיהו 8, 40; 10, 27.

****) סנהדרין צ״ח, א.

דין און איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט. זיינע תלמידים זיינען שפּעטער נישט געווען איינשטימיק מכח דעם זין פון דאָזיקן וואָרט און האָבן זיך געשפּאָלטן צוליב דעם אויף צוויי פּאַרטייען.

„יעזוס האָט אויך געברויכט אַנדערע, אָבער גאַנץ אומשולדיקע נעמען פאַר זיין משיחות, ווי „ה י מ ל ס ב ר ו י ט" (מן) „ב ר ו י ט פ ו ן ל ע ב ן" *), אַלץ אויסדרוקן, וועלכע זיינען געווען פאַרשפּרייט צווישן די איסיים זיינע תלמידים האָט ער גערופן „דאָס זאַלץ פון דער וועלט" **). ווי יעזוס האָט זיך פאָרגעשטעלט די ביאת המשיח, איז נישט קלאָר. עס איז אָבער געוויס, אַז ער האָט דערביי געקלערט נאָר וועגן דעם פאָלק ישראל, וואָס ער האָט געוואָלט דער־לייזן פון די זינד און אויך פון דעם שווערן יאָך פון די רוימער ***). אַלס קריסטן האָט יעזוס אַקוראַט אַזוי ווייניק געקלערט וועגן די היידן, ווי פריער בשעת ער איז געווען יוחננס תלמיד. די גאולה האָט זיך יעזוס אָן ספק פאָרגעשטעלט אויף פאָלגנדיקן אופן: ווען דאָס יידישע פאָלק וועט זיך דורך ליבע צו גאָט און צו מענטשן, דורך פרייוויליקער אָרעמקייט דערהויבן צו אַ העכערן לעבן, דאַן וועט גאָט אויס ליבע צו זיין פאָלק עס באַלוינען מיט אַלע ניסים, מיט דער באַפרייאונג פון דער פרעמדער הערשאַפט, מיט דער אומקערונג פון די פאַרטריבענע, מיט דעם אַמאָליקן גלאַנץ פון דודס צייטן. דאָס איז אַ שיינער חלום, וועלכער האָט זיך נאָך נישט פאַרווירקלעכט נאָך אַכצן יאָרהונדערטער.

„בשעת יעזוס האָט זיך אַנטדעקט פאַר זיינע תלמידים אַלס משיח האָט ער זיי אָנגעזאָגט צו האַלטן דאָס בסוד. האָט ער מורא געהאַט פאַר דעם קעניג הורדוס, אַז אים זאָל נישט טרעפן דער זעל־בער גורל ווי יוחנן הטובל, אָדער האָט ער געוואָלט צונויפזאַמ־לען אַ גרעסערן קרייז אָנהענגער, כדי אַרויסצוטרעטן מיט מער מאַכט אַלס משיח? מען וועט קיינמאָל נישט קענען אויסגעפינען דעם ריכטיקן גרונט. צו זיינע תלמידים האָט ער געזאָגט, אַז די צייט איז נאָך נישט געקומען, אָבער אַזאַ צייט וועט קומען „ווו זיי וועלן

*) יוחנן 6, 35, 41.
**) מתתיהו 5, 13 — 14.
***) לוקאס 24, 21.

קענען מיטטיילן אין ליכט, וואָס ער האָט זיי געזאָגט אין דער טונקל, און אַז זיי וועלן קענען פּרעדיקן פון די דעכער, דאָס וואָס זיי הערן איצט איינגערוימט אין די אויערן". עס האָט אָבער פּאַסירט דער קעגנזאַץ פון דעם, וואָס יעזוס און זיינע תלמידים האָבן דערוואַרט. ווי נאָר עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז יעזוס פון נצרת פּרעדיקט נישט נאָר דעם מלכות השמים, נאָר אַז ער זעלבסט איז משיח, איז די עפנטלעכע מיינונג געוואָרן קעגן אים. מען האָט פון אים דערוואַרט צייכנס און באַווייזן, אַז ער איז משח. ער האָט אָבער די צייכנס נישט געקאָנט געבן און האָט אויסגעמיטן די פראַגע. פיל פון זיינע אָנהענגער זיינען דערפאַר פון אים אַוועק און נישט מער „געגאַנגען אין זיין וועג". יעזוס האָט געמוזט דערפאַר עפּעס טאָן, כדי זיין ווערק צו קרוינען, אָדער ער וואָלט געמוזט אונטערגיין. די תלמידים האָבן פון אים דערוואַרט, אַז ער וועט זיך פּסח אין בית המקדש אין ירו־שלים דערקלערן פאַר משיח פאַרן גאַנצן פאָלק. עס ווערט דערציילט, אַז זיינע אייגענע ברידער האָבן באַשטאַנען, אַז ער זאָל גיין קיין יהודה, "כדי זיינע תלמידים זאָלן ענדלעך זען זיין ווערק, וואָרום קיינער טוט גאָרנישט פאַרבאָרגענערהייט, נאָר אָפן, און ווען דו טוסט עפּעס, טאָ ווער נתגלה צו דער וועלט". אַזוי האָט זיך יעזוס גע־מוזט ענדלעך אַנטשליסן צו גיין אויף דעם געפערלעכן וועג. ווי לאַנג ער האָט נאָך געפּרעדיקט אין גליל, איז נישט באַקאַנט. די הויפּט־קוועלן זאָגן, אַז זיין ווירקזאַמקייט האָט געדויערט נאָך איין איינציק יאָר. לויט די שפּעטערדיקע קוועלן האָט זי אָבער געדויערט דריי יאָר *). „יעזוס האָט דאַמאָלסט נישט געהאַט אין זינען צו שטעלן זיך אין קעגנזאַץ צום יידנטום און האָט לויט דעם דין פון די עולי־רגל אויסגעמיטן שומרון און איז געקומען אין ירושלים דורך עבר לירדן" **). צו אַ פּרוש האָט ער דאַמאָלסט געזאָגט: „ווען דו ווילסט האָבן עולם הבא, דאַן היט דאָס געזעץ, פאַרקויף דיין האָב און גוטס און גיב עס אָפּ צו אָרעמע", דאָס הייסט, צעטייל עס מיט מיינע אָנהענגער, וועלכע גלויבן אין אָרעמקייט. בשעת ער איז געקומען איבער יריחו אין ירושלים, האָט ער זיך נישט [illegible]

*) אורעניאָוס קאַנטרא הערעזעס. 2, 38 — 39.
**) מתתיהו 19, 1; מאַרקוס 10, 1.

אין שטאָט, נאָר מחוץ פון דער שטאָט, אין דעם דאָרף בתניה, אין דער מערב־זייט פון הר הזתים, ווו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן די מצורעים. אין דעם הויז פון אַזאַ מצורע, וועלכער האָט זיך גערופן שמעון, האָט ער געפונען אַ וווינונג. די אַנדערע אָנהענגער, וועלכע ער האָט געפונען אין בתניה, האָבן אויך געהערט צו דעם נידעריקן שטאַנד, ווי ל אַ ז אַ ר ו ס און זיינע שוועסטער מרים און מאַרטאַ. די קוועלן דערמאָנען נאָר איין איינציקן רייכן און אָנגעזעענעם מאַן פון ירושלים, וועלכער איז געוואָרן אַן אָנהענגער פון יעזוסן, יוסף פון ערימתיה.

„די לעגענדע באַשרייבט פאַנטאַסטיש דאָס אַריינפאָרן פון יעזוסן אין ירושלים און זיין אויפטריט אין בית המקדש. דאָס פאָלק, אַזוי ווערט דערציילט, האָט אים באַגלייט אין ירושלים מיט אַ טריאומף און מיט דעם געזאַנג פון הושענא. אָבער דאָס זעלבע פאָלק האָט מיט איניקע טעג שפּעטער געפאָדערט זיין טויט.ביידע זאַכן זיינען אָבער אויסגעטראַכט; ערשטנס, כדי צו שילדערן יעזוסן ווי דעם משיח, און צווייטנס, כדי אַרויפצוואַרפן די שולד פון זיין עקזעקו־ציע אויפן גאַנצן פאָלק ישראל. נישט היסטאָריש איז אויך די מעשה, אַז יעזוס האָט פאַרטריבן פון בית־המקדש די טויבן־פאַרקויפער, און אַז ער האָט איבערגעקערט די טישן פון די חלפנים פאַר די נדבות צום בית המקדש. אַזעלכע האַנדלונגען וואָלטן נישט געבליבן פאַר־שוויגן אין די ליטעראַרישע קוועלן פון יענער צייט. אויך איז נישט באַקאַנט, אַז טויבן־הענדלער און חלפנים האָבן געהאַלטן זייערע קראָמען א י נ ע ר ה אַ ל ב פון בית המקדש, ווייל דער בית המקדש האָט נאָר פאַרקויפט פאַר געלט אַלעמען, וועלכע האָבן גע־בראַכט קרבנות אין נדבות (ווייַן, אייל און מעל *). יעזוס האָט וואַר־שיינלעך פּראָטעסטירט קעגן דעם מיסברויך, וואָס דער בית המקדש מאַכט געשעפטן, און דער פּראָטעסט איז אין דער לעגענדע פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ טאַט.

„איבערהויפּט איז דער וויכטיקסטער קאַפּיטל פון זיין לעבן, די שטעלונג, וועלכע ער האָט גענומען אין ירושלים בנוגע צום פאָלק, צום סנהדרין און צו די פּאַרטייען, געבליבן טונקל און פול מיט

*) שקלים 3, 4; 4, 5.

לעגענדאַרע באַפּוצונגען און דערגענצונגען. דער געבילדעטער טייל פון פאָלק האָט נישט געקענט דערוואַרטן די גאולה פון אַ מאַן פון גליל, וועלכער איז נישט געווען קיין תלמיד חכם. מען האָט דערוואַרט משיחן פון בית לחם און פון מלכות בית דוד. דער שפּריכוואָרט: „פון נצרת קען קיין גוטס נישט אַרויסקומען", איז אַנטשטאַנען וואַרשיינלעך דאַמאָלסט. די פרומע זיינען געווען זיינע קעגנער, וואָרום ער פלעגט אַרומגיין מיט זינדיקע און מיט שטייער־איינמאָנער, האָט מיט זיי געגעסן און געטרונקען. אַפּילו יוחננס תלמידים, דאָס הייסט די איסיים, איז נישט געפעלן געוואָרן זיין פירונג *).

„די תלמידים פון בית שמאי איז נישט געפעלן געוואָרן, וואָס ער האָט געהיילט אום שבת. זיי האָבן זיך נישט געקענט פאָרשטעלן אַ משיח, וועלכער איז מחלל שבת. די קנאים האָבן נישט געקענט דערוואַרטן קיין גרויסעס פון יעזוסן, ווייל ער האָט געפּרעדיקט נאָר שלום, האָט נישט אָנגעפילט זיינע אָנהענגער מיט האַס קעגן די רוימער, נאָר האָט געפּרעדיקט, אַז זיי זאָלן זיך אונטערוואַרפן פּריי־וויליק אונטער די רוימישע שטייערן: „גיט דעם קיסר, וואָס דעם קיסר געהערט, און גאָט, וואָס גאָט געהערט". דורך די אַלע אייגנטימלעכקייטן, וועלכע האָבן זיך נישט געפּאַסט פאַר משיחן, איז דער מיטלשטאַנד און באַזונדערס דער אָנגעזעענער טייל פון דער נאַציע געווען קאַלט צו אים און האָבן אים געוויס נישט געגעבן קיין גוטע אויפנאַמע אין ירושלים. דאָס אַלץ איז אָבער נאָך נישט געווען קיין גרונט פאַר אַן אָנקלאַגע קעגן אים און מען האָט אים גאָרנישט געקענט טון. דורך די מחלוקות פון בית שמאי און בית הלל איז די פרייע מיינונג געוואָרן אַ מנהג, און קיינער איז נישט פאַרפאָלגט געוואָרן פאַר זיין רעליגיעזער מיינונג, אַזוי לאַנג ביז ער האָט נישט עובר געווען אויף די אָנגענומענע דינים פון דער רעליגיע און דעם גאָט־באַגריף פון יידנטום. אָבער אויך אין דאָזיקן פּונקט האָט מען יעזוסן נישט געקאָנט פאַרקלאָגן. עס האָט זיך אַפּילו פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ער רופט זיך אַן דער זון פון גאָט, אַ וואָרט, וועלכער איז געוויס געווען זייער שטאַרק קעגן דער רעליגיעזער איבערצייגונג פון דער יידישער נאַציע. ווי האָט אָבער דער בית דין געקענט

---

*) מתתיהו 11, 19.

אויסגעפינען, אויב ער גיט זיך ווירקלעך אַרויס פאַר דעם זון פון גאָט און וואָס פאַראַ באַדייטונג ער גיט דעם דאָזיקן וואָרט? יעזוס האָט וואַרשיינלעך באַנוצט דאָס וואָרט נאָר אין דעם ענגן קרייז פון זיינע תלמידים. ווי האָט מען געקענט אַרויסגעפונען דאָס, וואָס איז געוועזן אַ געהיימניש פאַרן דאָזיקן קרייז? מען האָט געפינען פאַרעטער אין דאָזיקן קרייז גופא, י ו ד אַ ס א י ס ק אַ ר י אָ ט, וועלכער האָט פאַר געלט אַרויסגעגעבן צום בית־דין דעם זעלבן מאַן, וועלכן ער האָט פריער געהאַלטן פאַר משיח. אַן אַלטע יידישע קוועלע דערקלערט עס, צוליב וואָס מען האָט געדאַרפט האָבן דעם דאָזיקן פאַרעטער. בית־דין האָט געדאַרפט צוויי עדות, כדי צו פאַרקלאָגן יעזוסן אַלס פאַלשן נביא און פאָלקס־פאַרפירער (מזיד). דער פאַרעטער האָט אַלזאָ געדאַרפט ברענגען יעזוסן צום רעדן, כדי די צוויי באַהאַלטענע עדות זאָלן קענען הערן יעדעס וואָרט *). לויט דער קריסטלעכער קוועלע האָט יודאַס געגעבן אַ קוש יעזוסן און אויף אַזאַ אופן אים קענטיק געמאַכט פאַר די כאַפּער און פאַר דעם פאָלק. איז דען אָבער יעזוס, וועלכער איז אַריינגעפאָרן מיט טריאומף אין ירושלים און האָט עפנטלעך געפּרעדיקט אין בית המקדש, נישט געוועזן אַלעמען באַקאַנט? נאָכדעם ווי מען האָט אים אַרעסטירט, זיינען אַלע תלמידים פון אים אַנטלאָפן, נאָר שמעון פּעטרוס איז אים נאָכגעגאַנגען פון דערווייטנס. ערב פסח איז יעזוס געבראַכט געוואָרן פאַרן סנהדרין. אָבער נישט דער גרויסער סנהדרין האָט אים געמשפּט, נאָר דער קליינער בית־דין פון דריי און צוואַנציק מיטגלידער, ווייל דער פאָרזיצער איז נישט געוועזן דער ראש הסנהדרין פון בית הלל, נאָר דער כהן גדול יוסף קיפאַס. דער בית־דין האָט געוואָלט אויסגעפינען, צי יעזוס האָט זיך אַרויסגעגעבן פאַר דעם זון פון גאָט, ווי די עדות האָבן דאָס געזאָגט. עס קלינגט אומגלויב־

---

*) תלמוד בבלי סנהדרין ס״ז, א׳, ירושלמי כ״ה: ובן עשו לבן סטרא בלוד ותלאוהו בערב פסח. כך עשו לבן סטרא בלוד. הזמינו עליו שני עדים והביאו אותו לבית דין וסקלוהו. יעזוס און סטרא איז אין תלמוד דער זעלבער נאָמען. די באַדייטונג פון דעם וואָרט „סטרא" איז נישט קלאָר. די דערקלערונג, וועלכע דער תלמוד בבלי גיט פון דאָזיקן ו. רט (שבת ק״ד, ב׳, אין דער נישט צענזורירטער אַמסטערדאַמער אויסגאַבע פון 1645) איז אַן אויסגעטראַכטע.

לעך, אַז מען האָט אים דערפאַר געמשפּט, ווייל ער האָט פריער דערקלערט, אַז ער קען צעשטערן דעם בית המקדש און אויפבויען אין דריי טעג אַ נייעם. פאַר אַזאַ זאַך וואָלט מען אים נישט געקענט פאַרקלאָגן. ער איז געווען פאַרקלאָגט פאַר גדוף־השם *). יעזוס האָט אויף די פראַגן פון בית־דין נישט געענטפערט. בשעת דער ראש פון בית־דין האָט אים נאָכאַמאָל געפרעגט, צי איז ער דער זון פון גאָט, האָט ער געענטפערט: „דו זאָגסט עס"**), און האָט ווייטער געזאָגט מען וועט באַלד זען ווי דער מענטשן־זון זיצט ביי דער רעכטער האַנט פון גאָטס טראָן, אַראָפּלאָזנדיק זיך אויף די וואָלקנס פון הימל. פון דער דאָזיקער דערקלערונג האָט דער בית־דין פאַרשטאַנען, אַז ער באַטראַכט זיך פאַר דעם זון פון גאָט. דער כהן גדול האָט צעריסן זיינע קליידער און דער בית־דין האָט אים פאַראורטיילט אַלס אַ גאָט־לעסטערער***). פון דער דערציילונג פון די קריסטלעכע קוועלן קען מען נישט זען, אַז דער בית־דין האָט אים פאַראורטיילט אומגערעכט. די עדות זיינען געווען קעגן אים. די באַשטעטיקונג פון טויט־אורטייל האָט דער סנהדרין באַקומען פון גובערנאַטאָר פּאָנטיוס־פילאַטוס, וועלכער איז דאַמאָלסט אין דער צייט פון יום־טוב געווען אין ירושלים.

„פילאַטוס, פאַר וועלכן מען האָט געבראַכט יעזוסן, האָט אים נאָכאַמאָל געפרעגט, צי ער גיט זיך אַרויס פאַר משיחן און פאַר דעם מלך־היהודים. אַזוי ווי יעזוס האָט דערויף געענטפערט: „דו זאָגסט עס"****), האָט פילאַטוס באַשטעטיקט דעם טויט־אורטייל. אַז יעזוס

---

*) מתתיהו 63.

**) די פאַרפאַסער פון די עוואַנגעליעס באַשרייבן דעם פונקט מיט ווידערשפּרוכן.

***) די דריי עלטסטע עוואַנגעליעס זאָגן, אַז דער בית־דין האָט אים פאַראורטיילט פאַר גדוף־השם. דאָס זעלבע זאָגט אויך יוהנן, 19, 7.

****) די דריי עלטערע עוואַנגעליעס (מתתיהו 27, 11; מארקוס 15, 2; לוקאס 23, 3) דערציילן וועגן יעזוסן, אַז ער האָט געענטפערט: דו זאָגסט עס. לויט יוחנן 18, 34 האָט יעזוס געליינקנט די פראַגע מיט דער קעגנפראַגע: „זאָגסט דו דאָס פון דיר זעלבסט, אָדער האָבן דאָס אַנדערע וועגן מיר געזאָגט" און דורך דער דערקלערונג: „מיין מלוכה איז ניט פון דער וועלט".

איז אויסגעשפּאָט געוואָרן און האָט געמוזט טראָגן די קרוין פון דערנער, דערין זיינען שולדיק ניט די יידן, נאָר די רוימער, וועלכע האָבן אויף אַזאַ אופן געוואָלט אויסשפּאָטן די יידישע נאַציע. דער יידישער בית־דין האָט נישט געהאַט קיין האַס צו זיין פּערזאָן, און מען האָט אים געלאָזט געבן, ווי יעדן פאַראורטיילטן, אַ בעכער מיט וויין און בשמים, כדי אים צו פאַרטויבן און גרינגער מאַכן זיינע טויט־שמערצן *). דער בשמים־בעכער איז געגעבן געוואָרן אויס רחמנות. לויט דעם דאַמאָלדיקן דין האָט אַ גאָט־לעסטערער באַקומען פריער סקילה און נאָך זיין טויט האָט מען אים באַדאַרפט צושלאָגן צום קרייץ **). געוויס איז יעזוס אויף אַזאַ אופן אומגעבראַכט געוואָרן, אָבער ער איז שוין געשטאָרבן פאַר דער קרייציקונג. די קריסטלעכע קוועלן דערציילן אָבער, אַז ער איז ניין אַזייגער פאַרמיטאָג לעבעדיקערהייט געקרייציקט געוואָרן און אַז ער האָט דריי אַזייגער נאָכמיטאָג אויסגעהויכט זיין נשמה. זיין לעצט וואָרט איז געווען דער פסוק פון תהילים אין אַראַמעאישער שפּראַך: „גאָט מיין גאָט, פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזט" (אלי אלי למה שבקתני). כדי אים אויסצושפּאָטן האָבן די רוימישע סאָלדאַטן אויפגעשריבן אויפן קרייץ: „יעזוס פון נאַזאַרעט דער קעניג פון די יידן". די קרייציקונג און וואַרשיינלעך אויך די קבורה איז פאָרגעקומען מחוץ דער שטאָט אויף אַ בית הקברות פאַר פאַרמשפּטע, וועלכער האָט זיך גערופן גלגתא (שיידל־פּלאַץ). דאָס איז געווען דער סוף פון דעם מאַן, וועלכער האָט געאַרבעט פאַר דער מאָראַלישער פאַרבעסערונג פון זיין פאָלק

---

*) מתתיהו 27, 24, אבל רבתי 2, 9. סנהדרין מ"ג, א'. ביי די עוואַנגעליעס איז דאָס אָבער אָנגעגעבן אלס א גרויזאַמקייט קעגן יעזוסן. אויך דערציילן די עוואַנגעליעס פאַרשיידן מכח דער פּליסיקייט, וועלכע איז אים געגעבן געוואָרן. מאַרקוס דערציילט אקוראט ווי דער תלמוד פון וויין און בשמים; מתתיהו רעדט וועגן עסיג מיט גאל. די איבעריקע עוואַנגעליסטן דערציילן דערפון בכלל גאָרניט.

**) לויט דער משנה סנהדרין 5, 7, קומט פאַר גדוף השם און עבודה זרה נאָך סקילה אויך קרייציקונג, אָבער נאָך דעם, ווי דער הינגעריכטעטער איז שוין געשטאָרבן. אויך יעזוס איז געוויס אויף אזא אופן הינגעריכטעט געוואָרן. די עוואַנגעליעס דערמאָנען אָבער ניט וועגן סקילה, נאָר וועגן קרייציקונג פון דעם לעבעדיקן, און דאָס איז געוויס ניט ריכטיק.

און איז געוואָרן אפשר דער קרבן פון אַ מיספאַרשטענדעניש. זיין טויט איז געוואָרן די סיבה פון אומצאָליקע ליידן און מאַטערנישן פאַר די זין פון זיין פאָלק. מיליאָנען געבראָכענע הערצער און אויגן האָבן נאָך אַלץ נישט באַצאָלט פאַר זיין טויט. ער איז דער איינציקער געבוירענער פון אַ פרוי, וועגן וועלכן מען קען זאָגן: ער האָט מיט זיין טויט מער געווירקט, איידער מיט זיין לעבן. דער שיידל־פלאַץ גלגתא איז געוואָרן פאַר דער היסטאָרישער וועלט אַ נייער סיני" (געשיכטע דער יודען, 3טער טייל, 2טע אויפלאַגע, לייפציג).

דער יידישער היסטאָריקער באַווייזט, אַז דורך דער אַנשלי־סונג פון אַפּאָסטאָל פּאַולוס צו דער היידנישער לעבנס־אַנשויאונג איז שוין אין דער ערשטער קריסטלעכער געמיינדע אַנטשטאַנען אַ מחלוקות, וואָס אירע שפּורן לאָזן זיך דייטלעך דערקענען אין די עוואַנגעליעס, וואָס די עלטסטע פון זיי זיינען פאַרפאַסט געוואָרן אין דער צייט פון בר־כוכבא (132־135). כדי צו דעראָבערן די הייד־נישע וועלט, האָט די טאָכטער פון יידנטום געמוזט מאַכן אַקוראַט אַזוי פיל הנחות דעם היידנטום, ווי דאָס היידנטום דעם יידנטום.

דאָס קריסטנטום איז געווען דאָס אָפּפאַלן פון דעם קלאַסישן וועזן פון יידנטום און היידנטום. דאָס יידנטום באַטראַכט נאָך ביז היינט די וועלט אַלס דעם הייליקן פּראָדוקט פון אַן איין איינציקן וועזן. פאַרן היידנטום אָבער, וואָס האָט דערגרייכט אין גריכנ־לאַנד זיין קלאַסישע דערשיינונג, איז די געטלעכע האַרמאָנישע איינ־הייט געווען אַ פּראָדוקט פון דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון דער וועלט, וועלכע איז פאַרגעשטעלט געוואָרן אַלס אייביק. דער שעפערישער מהות פון דעם יידנטום איז נישט אונטערגעגאַנגען צוזאַמען מיט זיין קלאַסישער שאַפונג, ווייל דער יידישער שעפער איז נאָך נישט פאַרשווונדן אין זיין שאַפונג, דאָס קלאַסישע היידנטום האָט אָבער פאַרלוירן זיין געניוס צוזאַמען מיט זיין קולטור, וואָס אירע וואָרצלען זיינען געלעגן אויף דער אויבערפלאַך פון דעם באָדן און זיינען שפּע־טער אַראָפּגעוואַשט געוואָרן אין דעם מבול פון דער פעלקער־וואַנ־דערונג. די היידן, וועלכע האָבן געזען ווי זייער אייגן שעפעריש וועזן איז פאַרניכטעט געוואָרן צוזאַמען מיטן באָדן, אויף וועלכן עס האָט געלעבט, האָבן מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו באַטראַכטן די אַלס אייביק פאַרגעשטעלטע געטלעכע האַרמאָניע פון דער פאַרשידנאַר־טיקער וועלט פאַר אַ זינדיקער, פון גאָט אָפּגעפאַלענער און גע־

שטראָפטער וועלט. דאָס היידנטום איז אַנטלאָפן צו דעם אויסער־וועלטלעכן שעפערישן גייסט פון יידנטום. פון דער אַנדערער זייט האָבן די רעליגיעזע באַדערפעניִשן פון די היידן געקענט באַפרידיקן נאָר אַזעלכע יידן, וועלכע זיינען פאַרפרעמדט געוואָרן פון זייער אייגענער וועלט, זיינען אָפּגעפאַלן פון יידנטום און זיינען פאַרזונקען אין דער אָפּשטאַרבנדיקער היידנישער וועלט, כדי זיך פון דער און מיט דער דאָזיקער וועלט צו דערהויבן צו דעם גייסט, וועלכער האָט זיי באַזעלט. מיט אַנדערע ווערטער, נאָר אַזעלכע יידן האָבן געקענט באַפרידיקן די רעליגיעזע באַדערפעניִשן פון די היידן, וועלכע האָבן זיך באַטראַכט שוין נישט אַלס דער הייליקער פּראָדוקט פון אַ הייליקן וועזן, נאָר אַלס זינדיקע און אָפּגעפאַלענע פון גאָט. אַזוי איז אַנטשטאַנען די דאָפּלטע אָפּפאַלונג פון דעם וועלטלעכן פון געטלעכן און פון דעם געטלעכן פון וועלטלעכן. אַזוי איז אַנטשטאַנען אַ נישט וועלטלעך יידנטום אין אַ געטערלאָזן היידנטום, עס איז אַנטשטאַנען די קריסטלעכע וועלט־אָנשויאונג פון אַ יידישן הייליקן, וועלכער איז געוואָרן אַ היידנישער מענטש, כדי צו דערהויבן די פעלקער צום גייסט און זיי צוצוגרייטן פאַר אַ צוקונפטיקער, בעסערער, געטלעכער וועלט, וועלכע איז פאָרגעשטעלט געוואָרן אַלס אַן איבערנאַטירלעכע, אַלס אַ יענע־זייטיקע.

די יענע־זייטיקע וועלט איז אָבער אין לויף פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, וואָס מער די פעלקער האָבן זיך דערהויבן צו דער יידישער געשיכטע־רעליגיע, געוואָרן אַלץ מער אַ די וועלט. און וואָס מער די היידנישע וועלט איז געוואָרן יידישער, דאָס הייסט הומאַניטאַרער, אַלץ מער האָבן זיך די יידן געקענט באַטייליקן אין דער קולטור פון דער וועלט, וועלכע פּראָגרעסירט פאַראיינס צום בעסערן. נאָך לאַנגע קאַמפן צווישן דער היידנישער וועלט־אָנשויאונג, וועלכע איז געווען פאַרזונקען אין זינדיקייט און באַרבאַרישער גוואַלט־טעטיקייט, און דער יידישער וועלט־אָנשויאונג, וועלכע האָט זיך אויפגעלייזט אין ספּיריטואַליסטישן מיסטיציזם, האָט אין האָלאַנד די מאָרגן־זון פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע אָנגעהויבן אַרויסצוגיסן אירע שטראַלן איבער אַ בעסערער וועלט. דאַמאָלסט האָט אַ ייד געגעבן דעם סיגנאַל, אַז עס האָט זיך פאַרענדיקט דער גייסטיקער אַנטוויקלונגס ־ פּראָצעס פון דער וועלט־היסטאָרישער מענטשהייט.

## .3

## די גענעטישע וועלט־אַנשויאונג *).

נאָכדעם ווי ס פּ י נ אָ ז אַ איז איבערגעזעצט געוואָרן אויך אין דער ה ע ב ר ע א י ש ע ר שפּראַך איז געקומען די צייט, אַז מען זאָל פאַרטיידיקן דעם גרויסן יידישן לערער פון יידישע מיספאַרשטענדענישן. וואָס ל ו צ אַ ט אַ זאָגט וועגן ספּינאָזאַן, באַווייזט נאָר, אַז דער אויסגעצייכנטער העברעאיסט האָט דאָ באַטרעטן אַ גאַנץ פרעמד פעלד. ביי ספּינאָזאַן, וועלכער אַנטוויקלט פון דער אידעע פון גאָט, אַלס דעם אַל־איינציקן, דאָס גאַנצע מאָראַליש־גייסטיקע לעבן און שטעלט אַרויס די דערקענטעניש פון גאָט אַלס דעם העכסטן און לעצטן רעזולטאַט פון דעם לעבן, — אין דער לעצטער התגלות פון דעם יידישן געניוס פאַרשווינדן אַלע סתירות, וועלכע האָבן אין די פריערדיקע התגלותן נישט געקענט און נישט געדאַרפט געלייזט ווערן, ווייל דער קריטישער פאַרשטאַנד, וועלכער האָט זיי ערשט שפּעטער אַרויסגעפונען, איז נאָך נישט געווען אַנטוויקלט פריער. כדי צו באַגרייפן ספּינאָזאַן אין זיין גאַנצער טיפקייט און וועלט־היסטאָרישער באַדייטונג, מוז מען באַקאַנט זיין מיט דער לעצטער פאַזע פון דעם קולטור־היסטאָרישן אַנטאַגאָניזם אין זיין טעאָרעטישער געשטאַלט, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט אין אונזער פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט. מיר מיינען דאָ דעם קעגנזאַץ צווישן דער שפּעקולאַטיווער פילאָזאָפיע און די נאַטורוויסנשאַפטן, וועגן וועלכע מיר וועלן רעדן באריכות אינם פאָלגנדיקן פאַראַגראַף, און די פאַרהעלטניש פון דאָזיקן קעגנזאַץ צו פריערדיקע און גלייכצייטיקע פאָרמען פון דעם היסטאָרישן אַנטאַגאָניזם. לוצאַטאַ האָט נישט קיין פאָרשטעלונג פון דער דיאַלעקטיק פון דער וועלט־געשיכטע. ער בלייבט שטיין ביי דעם בעל־בתישן קעגנזאַץ פון פאַרשטאַנד און געפיל, און מאַכט די געדאַנקען־בליצן פון ספּינאָזאַן, וועלכע שטאַמען פון דעם שעפערישן גייסט, דעם פאָרוואורף, אַז

*) גאַטע 3.

זיי זיינען געמיטלאַז, ווייל ער פאַרבייט זיי מיט דעם „פאַרשטאַנד פון די פאַרשטענדיקע".

דאָס מאָראַלישע, אָדער ריכטיקער, דאָס הייליקע לעבן נעמט זיך ביי ספינאָזאַן, אַזוי ווי ביי משהן און די נביאים, פון דעם זעלבן אורקוואַל פון גאָטס־אידעע, וועלכע איז דאָס איינציקע און איינציקע וועזן, בשעת די גאַנצע וועלט און נאַטור זיינען אויגנבליקלעך און אַריבערגייענדיק. דער רעליגיעזער זשעני פון די יידן האָט נישט נאָר אין אַלטערטום אַליין געבראַכט דער וועלט געטלעכע התגלות. דער הייליקער גייסט רוט שטענדיק אויף דעם פאָלק ישראל, ווי באַלד די מענטשהייט שטייט פאַר אַ נייער גרויסער, וועלט־היסטאָרישער אַנטוויקלונג, פאַר אַ נייער סאָציאַלער שאַפונג, וועלכע קען נאָר אַרויספליסן פון דעם אורקוואַל פון יעדן לעבן, פון דעם שעפערישן וועזן. די התגלות פון דער הייליקער געשיכטע, וועלכע קען זיך ענדיקן נאָר מיט דער געשיכטע אַליין, שטאַמט אוממיטלבאַר פון גאָט. די דאָזיקע התגלות איז אָבער נישט אַן אויסנאַם פון דעם אייביקן געזעץ, וועלכעס וואַלטעט אין דער קאָסמישער און אָרגאַנישער וועלט. פאַרקערט, די התגלות ברענגט נאָכאַמאָל אויף אַ דייטלעכן אופן אַרויס דאָס אַלגעמיינע געזעץ אין דער סאָציאַלער מענטשן־וועלט און מאַכט דערקענען די הייליקע פון דעם פאָלק ישראל, אַלס דעם שעפערישן וועזן פונם גאַנצן לעבן. דורכן רעליגיעזן זשעני פון די יידן און זייער התגלות איז אַנטשטאַנען די איינהייטלעכע, הייליקע, היסטאָרישע אַנטוויקלונג, וועלכע איז אַקוראַט ווי די אַנטוויקלונג פון קאָסמישן און אָרגאַנישן לעבן, דער העכסטער באַווייז פאַר דער געטלעכער הערשאַפט אין דער נאַטור און געשיכטע. די התגלות פון דעם גייסט, וועלכער לעבט ביי יידן, נעמט נישט נאָר אַריין די וועלט־געשיכטע, נאָר אויך די געשיכטע פון דער וועלט, די אַנטשטייאונג פון דעם קאָסמישן, אָרגאַנישן און סאָציאַלן לעבן. די דאָזיקע התגלות קאָנסטאַטירט אין אַלץ, וואָס איז געוואָרן און וואָס עס ווערט, דאָס הייליקע געזעץ פון גאָט, היינט אויף אַ וויסנשאַפט־לעכן יסוד, אַזוי ווי פריער דורך דער הילף פון דער פאַנטאַזיע און געפיל.

מען קען נישט לייקענען די אוממיטלבאַרע ווירקונג פון דעם שעפער ביי יעדן שעפערישן אַקט אין דער נאַטור, אַזוי ווי אין דער וועלט פון גייסט. עס העלפט אונז גאָרנישט, ווען מיר שטייגן אַרויף

פון די קינדער צו די עלטערן און סוף כל סוף צו דער אַזוי אַנגערו־פענער מאַטעריע, כדי דעם שפּעטער צו פאַרלייקענען. ווייל אויך גאַנצע דורות, יאָ, גאַנצע נאַטור־מלוכות, זיינען אַמאָל ניי פון זיך אַליין אַנטשטאַנען. נישט אונזער היינטיקע וועלט פון פלאַנצן און חיות, נישט דאָס אָרגאַנישע לעבן בכלל איז געווען פון אייביק אָן אויף דער ערד. די ערד אַליין, אונזער גאַנצער פּלאַנעטן־סיסטעם, אַלע שטערן־וועלטן, ווי גרויס עס מעג זיין זייער אויסשפּרייטונג און דויער, זיי זיינען אַלעמאָל אַנטשטאַנען אין דעם אומענדלעך אויסגעברייטערטן רוים אַלס קאָסמישע קערנדלעך, אַלס שווער־פּונקטן, און אין דער צוקונפט וועלן זיי ווידער אויפגעלייזט ווערן אַלס טויטע, אָפּגעשטאָרבענע, פאַרשטיינערטע וועלט־קערפּערס אין דעם פייער פון נייע, יוגנטלעך רעאַגירנדיקע וועלט־ספערן, אַזוי ווי מיר זעען דאָס אין דעם גרויסאַרטיקן שפּיל פון די ברענענדיקע שטערן.

וואָס איז שייך דער אייביקייט פון דער מאַטעריע אָדער אירע אַטאָמען, האָט זי זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ פּוסטע אויסטראַכטעניש. די פיזיק האָט שוין לאַנג באַוויזן די פאַלשקייט פון דער השערה פון די כעמיקער. צוזאַמען מיט די א י מ פּ אָ נ ד ע ר א ב י ל י ע ס פון די מאַטעמאַטיקער האָבן אויך די אַטאָמען פון דער כעמיע גע־מוזט מאַכן פּלאַץ פאַר דער גענעטישער וועלט־אַנשויאונג, וועלכע וויס נאָר פון באַוועגונגען, אָבער נישט פון אַטאָמען און פון וועלט־עטער. אויב די מאַטעריע וואָלט געווען צוזאַמענגעזעצט פון פעסטע, אייביקע, אומפאַרענדערלעכע אַטאָמען, וועלכע זיינען אַרומגערינגלט מיט אַן אומדורכדרינגלעכן עטער, לויט דער באַקאַנטער השערה פון די כעמיקער און מאַטעמאַטיקער, וואָלט דאָך ביי דער אומענדלעכער פאַרדינערונג, צו וועלכער די מאַטעריע איז מסוגל שוין אין אונ־זערע עקספּערימענטן מיט דער הילף פון וואַרעמקייט אין דער לופט־פּאָמפּע, געדאַרפט זיך פילן ווייניקסטנס אַ שפּור פון דער אָנ־גענומענער פאַנאַנדערגעט״ילטקייט פון די אַטאָמען. פונדעסטוועגן באַווייזט די פיזיק, אַז די שיטערסטע גאַזן אונטערשיידן זיך דורך די זעלבע אייגנשאַפטן ווי די געדיכטסטע גאַזן. אין דעם שיטערסטן שטיק־שטאָף אָקסיד האָט דער עלעקטרישער פונק שטענדיק זיין רויטע פאַרב, אַזוי ווי אין דעם שיטערסטן קוילנזויער בלייבט שטענ־דיק די גרינע פאַרב פון עלעקטרישן פונק. גאַנץ פאַלש איז אָבער

די השערה, אַז עס זיינען פאַראַן כעמישע אַטאָמען אין וועלט־רוים, בשעת אין וועלט־רוים קען מען באמת אָננעמען די עקזיסטענץ פון איינאַיינציקן פון די כעמישע עלעמענטן, פון וועלכע די מאַטע־ריע איז צוזאַמענגעזעצט אויף דער האַרטער אויבערפלאַך פון אונזער פלאַנעט. די כעמישע אַטאָמען עקזיסטירן נישט אומעטום און נישט פון אייביק אָן, נישט אין אַלע צייטן און רוימען, אַזוי ווי עס עקזיסטירן נישט פון אייביק אָן די אָרגאַנישע זאַמען. זיי זיינען אַלע נאָר אַנטשטאַנען און בלייבן אַ מער אָדער ווייניקער לאַנגע צייט אין עקזיסטענץ, כדי שפּעטער ווידער אויפגעלייזט צו ווערן. זיי אַנטשטייען דורך אַ שאַפונגס־אַקט, דורך דעם זעלבן אַקט, וועלכער רופט אַלע וועזנס צו עקזיסטענץ, דורך אַ ניי־בילדונג פון שווער־פונקטן, וועלכע דריקן זיך אויס אין דער קאָסמישער וועלט אין אַטאָמען, אין דער אָרגאַנישער וועלט אין זאַמען, אין דער סאָציאַלער וועלט אין התגלות אָדער גייסטיקע ליכט־זאַמען.

יעדע שאַפונג איז אַ פאַרבינדונג פון צוויי איינפאַכע אָדער קאָמבינירטע באַוועגונגען אין אַ נייע אין זיך געשלאָסענע אָדער צוריקלויפנדיקע קרייז־באַוועגונג. יעדע שאַפונג איז אַ ר ע וו אָ ־ ל ו צ י ע, וואָס איר אורבילד איז געגעבן געוואָרן אין דער גראַ־וויטאַציע, וו די אייביקע צענטריפעטאַלע באַוועגונג רופט אַרויס שטענדיק איר קעגנזאַץ, די צענטריפוגאַלע באַוועגונג, און וואָס פון זייער קאָמבינאַציע אַנטשטייט די ר אָ ט אַ ט אָ ר י ש ע ב אַ ־ וו ע ג ו נ ג, די גראַוויטאַציע. אַזוי איז אויך יעדע גייסטיקע שאַ־פונג אַ נייער, העכערער סינטעז פון צוויי גייסטיקע ריכטונגען, אַ קאָמבינאַציע, צו וועלכער עס איז נאָר פעאיק דאָס שעפערישע וועזן פון גייסט, דער אַנאַליטישער פאַרשטאַנד פאַר זיך אַליין איז אָבער צו דעם נישט פעאיק. יעדע שאַפונג מוז האָבן דעם אייביקן שעפער, יעדע גייסטיקע שאַפונג שטאַמט פון אַן א י נ ס פּ י ־ ר אַ צ י ע.

קענען די רעליגיעזע שאַפונגען, וועלכע אַנטפּלעקן די פאַר־העלטענישן פון דעם שעפער צו דער וועלט, זיין אַן אויסנאַם פון דעם אַלגעמיינעם געזעץ, און נישט זיין די אוממיטלבאַרע ווירקונג פון דעם שעפער?

אויב היינט פאַרלייקנט מען דאָס שעפערישע אין אַלע לע־בנס־ספערן אָדער מען דערקלערט דאָס אַלס אַן איבערנאַטירלעכן

אויסנאַם פון נאַטור־געזעץ, אין ווידערשפּרוך מיט יעדער דערפאַרונג אין וויסנשאַפט, איז עס נאָר אַ דאַנק אַ ריכטונג פון פאַרשטאַנד, וועלכער איז אַליין נישט שעפעריש.

די גייסטיקע שאַפונגען פון דער סאָציאַלער לעבנס־ספערע ליגן פּונקט אַזוי גוט אין דעם פּלאַן פון דער געשיכטע, ווי די שאַפונגען פון די אָרגאַנישע אַרטן אין פּלאַן פון דער נאַטור. אַזוי ווי די אָרגאַנישע אַרטן זיינען נישט אַנטשטאַנען איינמאָל אין איין אייציקער געאָלאָגישער עפּאָכע, נאָר זייער שאַפונג האָט זיך געצויגן דורך פיל געאָלאָגישע צייט־אַלטערס, אַזוי האָבן אויך די גייסטיקע שאַפונגען אין דער וועלט־געשיכטע זייערע פּ אָ ר ה י ס ט אָ ר י ש ע און מ אָ ד ע ר נ ע עפּאָכעס. די מאָדערנע עפּאָכעס זיינען דאָ, אַזוי ווי דאָרטן, דער צייט־אַלטער פון רייפקייט, אין וועלכן די אַנטוויקלונג קומט צו איר אָפּשלוס.

אויב די יידן האָבן אַ באַזונדערן באַרוף צו סאָציאַלער אַנטוויקלונג, ליגט דאָס אין דער אייגנטימלעכקייט פון זייער זשעני, פון זייער אָרגאַניזאַציע, זייער ראַסע. כאָטש די אַנטפּלעקונגען שטאַמען אוממיטלבאַר פון זייער שעפער, זיינען זיי דאָך נישט וווּנדערבאַרער, ווי די אַנטפּלעקונגען פון גריכישן געניוס, וועלכער האָט געהאַט אַ באַזונדערן באַרוף צו קונסט־שאַפונגען, אַזוי ווי דער יידישער געניוס האָט געהאַט אַ באַרוף צו שאַפונגען פון גאָט־דערקענטעניש.

משה, די נביאים ראשונים און די נביאים אחרונים שטייען אַקוראַט אַזוי וויניק אין ווידערשפּרוך מיט דער הייניטיקער פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט, ווי האָמער, עסכיל, פּינדאַר און סאָפאָקל. מיר טראָגן אַריין אונזער הייניטיקן וויסן, וואָס האָט אין דער צייט פון דער ביבל נאָך נישט עקזיסטירט, אין די ספרי קודש, אויב מיר ווילן זיי פאַרשטיין פון הייניטיקן שטאַנדפּונקט פון דער וויסנשאַפט.

די לערע פון ספּינאָזאַ, דער פּראָדוקט פון יידישן געניוס און מאָדערנער וויסנשאַפט, שטייט נישט אין ווידערשפּרוך מיט דער יידישער לערע פון אחדות אלהים, נאָר העכסטנס מיט דער ראַציאָנאַליסטישער און איבערנאַטירלעכער אויפפאַסונג פון דער דאָזיקער אחדות. די יידישע התגלות פון משה אין דער נבואה האָט נישט געלערנט די טראַנסצענדענץ קעגן דער אימאַנענץ, נאָר די אַחדות אין קעגנזאַץ צו דעם רבוי פון דעם שעפערישן וועזן. דאָס האָט

שוין אַ לאַנגע צייט פאַרן חורבן בית שני אַרויסגעזאָגט דער יידי־שער פילאָזאָף פ י ל אָ ן, דאָס האָבן שפּעטער אין מיטלאַלטער געלערנט די גרויסע יידישע רעליגיע־פילאָזאָפן, און דאָס האָט אין דער ניי־צייט אויסגעדריקט ספּינאָזאַ מיט דער גאַנצער שאַרפקייט און טיפקייט פון זיין געניאַלן גייסט. עס איז פאַרשטענדלעך, ווען דער נישט קריטישער דאָגמאַטיזם, וועלכער זעט אין די אָריענטאַ־לישע בילדער פון דער הייליקער שפּראַך נאָר דאָגמעס, טרעט אַרויס קעגן דעם ספּינאָזיזם מיט די טויטע בוכשטאַבן פון דער ביבל און פאַרשילט די אימאַנענטע דערקענטעניש פון גאָט אַלס אַפּיקורסות.

די ראַציאָנאַליסטן אָבער, וועלכע טייטשן אויס קינסטלעך יעדע הגשמה פון דער תורה, קענען זיך נישט שטיצן אויף קיין פּונקט אין דער תורה, כדי צו באַווייזן די סתירה צווישן דער תורה און ספּינאָ־זאָן. לויט משה רבינו דאַרף מען נישט זוכן די געטלעכע לערע אין הימל אָדער אין דער ווייטקייט, נאָר גאָט איז זיך נתגלה אין אונז זעלבסט, אין אונזער גייסט און האַרץ. דערפאַר שטייט אין תלמוד: מעולם לא ירדה שכינה למטה ולא עלה משה למרום. „קיינמאָל איז די געטלעכקייט נישט אַראָפּגעגאַנגען פון אויבן, און קיינמאָל איז משה נישט אַרויפגעשטיגן אַרויף". ווייל גאָט איז אומעטום, איז איבעריק יעדע רוימלעכע און צייטלעכע באַוועגונג פון אים צו אונז און פון אונז צו אים. דאַוויד ס ט ר אַ ו ס פרעגט ביי דער דער־ציילונג וועגן דעם אַרויפשטייגן פון יעזוסן אויפן הימל: צוליב וואָס איז די דאָזיקע נסיעה דורך דער לופט? — אויב די הגשמות פון דער תורה איז עפּעס מער ווי שפּראַך־בילדער, אויב זיי זיינען דאָג־מעס, וואָלטן זיי דאָך מבטל געווען דעם גרעסטן עיקר פון דער יידישער גאָט־לערע, וועלכן מיר חזרן איבער צוויי מאָל אַ טאָג אין שמע ישראל.

אַזוי ווי גאָט איז נישט אויף יענער זייט פון דער וועלט, אַזוי איז אויך נישט דאָס גייסטיקע לעבן אויף יענער זייט. די אייביקייט פון גייסט, אַזוי האָבן מיר שוין געזאָגט אין די בריוו, הויבט זיך נישט אָן ערשט ווען מיר זיינען געשטאָרבן, נאָר זי איז, אַזוי ווי גאָט שטענדיק קעגנוועַרטיק. ווען מיר האָבן זיך אויפגעהויבן צו דער דערקענטעניש פון גאָט, איז די רוימלעכע און צייטלעכע באַ־וועגונג צום געטלעכן לעבן אַן איבעריקער וועג פאַר אונז. אויב די טויערן פון קבר פירן צו אַ ווייטערדיקן לעבן אין דער צייטלעכ־

קייט — אַ נאַטורוויסנשאַפטלעכע פראַגע, וועלכע האָט מיט רעליגיע און פילאָזאָפיע ווייניק צו טאָן און קען נישט געלייזט ווערן נאָר דורך דער דערפאַרונג, — אויב אַזוי, וועט די דערוואַכונג פון אונזער טויט־שלאָף זיין נאָר אַן איבערחזרונג פון אונזער קעגנווערטיקן לעבן היינט. אַ גאָט אויף יענער זייט פון דער וועלט, וועלכער שטייט נישט צו דעם מענטשן אוממיטלבאַר ווי אַ שטענדיק קעגנווערטיקער שעפער און אַנטפּלעקער, קען נישט זיין נישט דער גאָט פון די יידן, נישט פון די קריסטן און נישט פון די מאַהאָמעדאַנער און קען נישט ווערן דער רעליגיעזער יסוד פון די אויפלעבנדיקע פעלקער, אַזוי ווייניק ווי דער היידנישער פּאָליטעאיזם און פּאַנטעאיזם, וועלכער איז אויפגעלייזט געוואָרן אין אַטאָמיסטיק און מאַטעריאַליזם. אַן אויסערוועלטלעכע גאָטהייט, פון וועלכער מיר קענען גאָרנישט וויסן, איז, אַזוי ווי די וועלטלעכע גאָטלאָזיקייט, נאָר אַ פּרוכט פון פאַרשטאַנד, אַן איינפלוס אויף אונזער סאָציאַל, מאָראַליש־גייסטיק לעבן. אין דער דאָזיקער טרייסטלאָזער לעבנס־אָנשויאונג שפּיגלט זיך נאָר אָפּ די אויפלייזונג פון דער אַלטער געזעלשאַפט, וועלכע געפינט זיך נאָך אין דעם פּראָצעס פון צעפוילונג פון אירע עלעמענטן און אַטאָמען. אַזוי ווי אין דעם מאָדערנעם ראַציאָנאַליזם שפּיגלט זיך אָפּ די רעוואָלוציע, אַזוי איז דער מאָדערנער איבער־נאַטוראַליזם נאָר די גייסטיקע אָפּשפּיגלונג פון דער רעאַקציע קעגן סאָציאַלע טענדענצן, וועלכע זיינען נאָך נישט געקומען צום אָפּשלוס.

---

### 4.

## דער לעצטער אַנטאַגאָניזם *).

כדי צו אורטיילן די גייסטיקע לעבנס־אָנשויאונגען, מוז מען אונטערזוכן די סאָציאַלע באַוועגונגען, וואָס זיי זיינען זייער פּראַ־

*) דער קאַפּיטל, וועלכער איז אַ קורצער אויסצוג פון אנדערע פאַרעפנטלעכטע ארבעטן מכח נאַטור־וויסנשאַפט און געזעלשאַפטלערע, איז דער רעזולטאַט פון לאַנגיאָריקע פאָרשונגען.

דוקט. דער הײנטיקער פּילאָזאָפישער שטאַנדפּונקט איז אַ גאַנץ אַנ־דערער װי פון פאַריקן יאָרהונדערט. די װיסנשאַפט האָט נישט נאָר געמאַכט פאַרשריטן; זי איז דורכגעגאַנגען די פילאָזאָפישע קריטיק און ספּעקולאַציע, אַזוי װי די אינדוסטריע איז דורכגעגאַנגען די בירגערלעכע רעװאָלוציע און קאַפּיטאַל־הערשאַפט. דער שװי־פּלאַץ פון דעם קאַמף, דער קאַמף פון די קעמפער, אַלץ האָט זיך פאַרענ־דערט אין לויף פון דער סאָציאַלער באַװעגונג, װעלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין פאַריקן יאָרהונדערט און װעלכע מיר פירן הײנט נאָך װײטער. דער ספּעקולאַטיװער פילאָזאָף פון 19טן יאָרהונדערט איז אַזױ װײניק ענלעך צו דעם רעװאָלוציאָנערן פילאָזאָף פון 18טן יאָרהונדערט, װי דער ליבעראַלער בירגער פון הײנט צו דעם רעװאָלוציאָנערן בירגער פון דאַמאָלסט. די אונטערדריקטע אינ־דוסטריעלע און װיסנשאַפטלעכע פּראָדוצענטן פון פאַריקן יאָרהונ־דערט זײנען די ספּעקולירנדיקע הערן פון קעגנװאַרטיקן יאָרהונ־דערט. צװישן די פּראָדוקטיװע קלאַסן גופא איז פאָרגעקומען אַ טי־פע פונאַנדערשײדונג. די לעצטע רעװאָלוציע, װאָס מיר געפינען זיך נאָך אין איר מיטן, האָט נישט געקענט לכתחילה שוין באַשאַפן אַ נײע אָרגאַניזאַציע. די אַלטע, פאַרגליװערטע אינסטיטוציעס פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט און די לעצטע, טויטע רעשטלעך פון דאָגמאַטיזם האָבן פריער געמוזט פאַרבערנט װערן פון פײער פון דער רעװאָלוציע, האָבן געמוזט צעשניטן װערן פון שאַרפן מעסער פון דער קריטיק, פון אַנאַליז, אײדער עס האָבן זיך געקענט בילדן נײע סאָציאַלע און גײסטיקע שאַפונגען. אין לויף פון דער אַנטװיק־לונג פון די נײע עלעמענטן איז אַרויסגעטראָטן אַ נײער אַנטאַגאָניזם, װעלכער האָט פריער נישט עקזיסטירט און װעלכער מוז איצט אויס־געגליכן װערן.

די אַרבעטס־קראַפט און פאָרשער־קראַפט, װעלכע איז באַ־פרײט געװאָרן פון די קײטן פון דעם דאָגמאַטיזם פון דער פעאָדאַ־לער געזעלשאַפט, האָט אַרויסגעבראַכט דעם לעצטן אַנטאַגאָניזם, דעם אַנטאַגאָניזם פון אַ ר ב ע ט און ס פּ ע ק ו ל אַ צ י ע. אין דער הײסער רעװאָלוציאָנערער אַטמאָספער פון דער פרײער קאָנקורענץ פון אַלע אַרבעטס־קרעפטן האָבן זיך געבילדעט, װי בלי־אונגען אין דער װאַרעמער פרילינגס־לופט, נײע שװערפּונקטן, װעל־כע האָבן אײנגעזויגן די פאַראײנצלטע פּראָדוקציע־קרעפטן און זײ

אָרגאַניזירט צוליב זייערע צוועקן. נאָכפאָלגנדיק דעם אַלגעמיינעם געזעץ פון גראַוויטאַציע, וואָס איז דאָס געזעץ פון יעדן לעבן, האָבן די אַטאָמיסטישע אַרבעטער זיך גרופּירט אַרום אינדוסטריע־לע צענטרען, די פאַראייניצלטע פאַרשער האָבן זיך גרופּירט אַרום ספּעקולאַטיווע סיסטעמען, פון וועלכע זיי ווערן באַהערשט און אָנ־געפירט. נישט נאָר אויפן פעלד פון אינדוסטריע, נאָר אויך אויפן פעלד פון וויסנשאַפט איז עס נישט גרינג צו שטיין קעגן דער אָנצי־אונגס־קראַפט פון די ספּעקולאַטיווע צענטרען. מען קען גאָרנישט נישט דערגרייכן דורך דער פאַרלייקענונג פון די ספּעקולאַטיווע סיסטעמען, אַזוי ווי דורך דער צעשטערונג פון די עקזיסטירנדיקע קאַפּיטאַלן, ווייל דאָס לעבן האָט די נאַטור־גויטוועגדיקע שטרע־בונג זיך צו צענטראַליזירן, צו פאַראייניקן און צו אָרגאַניזירן. אויב די פּראָדוצענטן ווילן זיך באַפרייען פון דער הערשאַפט פון דער עקספּלואַטירנדיקער ספּעקולאַציע, מוזן זיי, אַזוי ווי דאָס האָבן שוין אָנגעהויבן צו טאָן מיט דערפאָלג די אַרבעטער פון ענגלאַנד, זיך פּילזייטיק אָרגאַניזירן. זיי מוזן קעגן דער אָנגעקליבענער אַרבעט, וועלכע געפינט זיך אין די הענט פון די אינדוסטריעלע ספּעקולאַנטן און אין די קעפּ פון די פילאָזאָפישע ספּעקולאַנטן, אַרויסשטעלן די גרעסערע מאַסע פון זייער פאַראייניצלטער פּראָדוקציע, ווי אויך פון דער פאָרשונג אויף דעם וויסנשאַפטלעכן געביט. זיי מוזן זייער איי־געגע פּראָדוקציע צענטראַליזירן ביי זיך אַליין און אָנפירן פון אַ גע־מיינזאַמען שווערפּונקט, אַזוי ווי די ספּעקולאַנטן האָבן צענטראַלי־זירט און באַהערשט די אַרבעטס־פּראָדוקטן. דאָס איז ריכטיק בנוגע צו די וויסנשאַפטלעכע מאַטעריאַלן אַזוי גוט ווי צו די אינ־דוסטריעלע. מאַטעריאַלן זיינען טויטע קאַפּיטאַלן, ווען זיי ווערן נישט אָרגאַניזירט פאַר ווייטערדיקע שאַפונגען. דאָס זעלבע געזעץ פון דער פּראָדוקטיווער לעבנס־באַוועגונג, פון וועלכער זיי זיינען אַרויסגעקומען, ווי די מאַטעריע בכלל, טרייבט זיי אויך צו ווייטערדיקע שאַפונגען. אויב די אינדוסטריעלע און אינטעלעקטועלע אַרבעטער, די פּראָדוקציע־קרעפטן פון דער סאָציאַלער וועלט פאַר־בלייבן אין זייער צעשפּליטערונג. אויב זיי פאַראייניקן נישט, צענטראַליזירן נישט און אָרגאַניזירן נישט זייערע צעשטרייטע קרעפטן, און ווערן אויף אַזאַ אופן אַליין נישט ספּעקולאַטיוו, דאַן

בלייבט דער קעגנזאַץ צווישן אַרבעט און ספּעקולאַציע (מאַטעריאַ־ליזם און אידעאַליזם) נויטווענדיקערהייט אַ שטענדיקער.

דער לעצטער טעאָרעטישער ווידערשפּרוך, דער קעגנזאַץ צווישן פילאָזאָפיע און נאַטורוויסנשאַפט, צווישן אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם, איז אייגנטלעך דער טעאָרעטישער אויסדרוק פון דעם לעצטן פּראַקטישן ווידערשפּרוך אין סאָציאַלן לעבן. אַזוי ווי אַמאָל האָט זיך באַצויגן דער האַר צום שקלאַף און דער כהן צום פּראָסטן מענטשן, ווי שפּעטער האָט זיך באַצויגן דער פריץ צום פּויער און דער גייסטלעכער צום וועלטלעכן מענטשן, אַזוי שטעלט זיך איצט דער קאַפּיטאַליסט צום אַרבעטער, דער פילאָזאָף צום פּאָרשער, ווי דער אָרגאַניזירער צום אומאָרגאַנישן, ווי דער פּאַראַיי־ניקנדיקער צום צעשטרייטן, ווי דער שטאַרקער צום שוואַכן, ווי דער לעבעדיקער צום טויטן. דאָס פּאָלק האָט אין דעם אַנטאַגאָ־ניזם שטענדיק שלעכט אָפּגעשניטן, עס האָט פאַרטרעטן שטענדיק דעם טויט. דערפאַר האָט שוין משה געזאָגט צו אונזער פאָלק: ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש; איר זאָלט מיר אָבער זיין אַ ג אַ נ צ ע מ ל ו כ ה פון כהנים און אַ הייליק פאָלק.

די פילאָזאָפישע, אַזוי ווי די אינדוסטריעלע ספּעקולאַציע, איז אַ געשיכטלעכע נויטווענדיקייט. זי איז באַרעכטיקט אַזוי לאַנג, ווי די פּראָדוקטיווע אַרבעטן און פאָרשונגען זיינען נאָך נישט צענטראַ־ליזירט און אָרגאַניזירט, אַזוי לאַנג, ווי זיי האָבן נאָך נישט זייער שווער־פּונקט, זייער גלייכגעוויכט אין זיך אַליין.

דאָס גלייכגעוויכט, דער אַבסאָלוט, איז פאַר דער רעוואָלוציאָ־נער־קריטישער עפּאָכע געוועזן די ר ע ג י ר נ ד י ק ע מאַכט, איצט איז עס נאָך אַלץ די פ אַ ר וו אַ ל ט נ ד י ק ע מאַכט, וועלכע שטייט פרעמד און פיינטלעך קעגן דער מאַטעריעלער אַר־בעט. די שולד פאַר דעם ליגט נישט אין בייזן ווילן פון דעם אָדער יענעם קלאַס, נאָר די שולד, דאָס הייסט, די סיבה ליגט אין דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשלעכער געזעל־שאַפט. אַזוי לאַנג, ווי די מענטשלעכע געזעלשאַפט האָט נאָך נישט דערגרייכט איר ציל, די עפּאָכע פון רייפקייט, אַנטוויקלט זי זיך דורך דעם ראַסנקאַמף און קלאַסנקאַמף, אַזוי ווי דער אינדיווידום ווערט אין דער צייט פון זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג באַהערשט פון איינזייטיקע פאָרשטעלונגען און טענדענצן, אָדער ווי אין דער אָרגאַ־

נישער אַנטוויקלונג אַנטוויקלען זיך אָפּט איינצלנע אָרגאַנען אויפֿן חשבון פון אַנדערע, וועלכע בלייבן אָפּגעשטאַנען.

אין לויף פון דער גאַנצער ביזאהעריקער וועלט־געשיכטע זיינען פאָרגעקומען נאָר איינזייטיקע באַוועגונגען אין סאָציאַלן לעבן, וואָס זייער ווירקונג אויפן מענטשלעכן גייסט האָט אַרויסגערופן איינזייטיקע אַנשויאונגען, פאַרשטעלונגען און באַגריפן. אין דער צייט פון דער אַנטוויקלונג קומט אומעטום פאָר, אין דער סאָציאַלער, אַזוי ווי אין דער נאַטירלעכער לעבנס־ספערע, אַ טיילונג פון אַרבעט, וועלכע טרייבט די פאַרפולקאָמונג נאָר אין איין באַשטימטער זייט און שאַפט איינזייטיקייט, וועלכע נעמט אָן אין דעם מענטשלעכן גייסט אַ קרענקלעכע פאָרם. וויבאַלד אָבער דער פאַרענדיקטער מענטשלעכער אָרגאַניזם פון די וועלט־היסטאָרישע ראַסן וועט פאַר־אייניקן האַרמאָניש די קרעפטן פון דער נאַטור, וועלן אָנהויבן ווירקן האַרמאָניש אין דער פולקאָמער מענטשלעכער געזעלשאַפט די שטרעבונגען פון דער געשיכטע. אַזוי ווי נאָך דער פאַרפולקאָ־מונג פון דער אָרגאַנישער לעבנס־ספערע, נאָך דער באַשאַפונג פון מענטש, האָט זיך אָנגעהויבן דער נאַטור־שבת, אַזוי קען זיך דער היסטאָרישער שבת אָנהויבן נאָך דער פאַרענדיקונג פון סאָציאַלן לעבן, נאָך דער באַשאַפונג פון אַ האַרמאָנישער סאָציאַלער אָרגאַ־ניזאַציע, אין וועלכער עס וועט זיין אַ גלייכגעוויכט צווישן פּראָדוק־ציע און פאַרברויך. מיר געפינען זיך ערב דעם היסטאָרישן שבת, ער איז נאָך אָבער נישט געקומען. אונזער עפּאָכע איז די עפּאָכע פון ספּעקולאַציע. די ספּעקולאַציע קען לויט איר נאַטור זיין נאָר דער טייל פון אַ מינאָריטעט. וואָס איז דאָס וועזן פון דער ספּעקולאַציע?

יעדע לעבנס־ספערע, וואָס איר אַנטוויקלונג איז פאַרענדיקט, פּראָדוצירט איר לעבן דורך רעפּראָדוקציע, דורך גלייכגעוויכט פון פּראָדוקציע און פאַרברויך. אויך די סאָציאַלע לעבנס־ספערע טרעט אַריין אין דעם צייטאַלטער פון רייפקייט מיט דעם מאָמענט, ווען עס אַנטשטייט אַ פאַרשטענדעניש פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער באַ־וועגונג. ווען די פאַרשטענדעניש איז נישט פאַרשפּרייט צווישן אַלע־מען, נאָר צווישן איינצלנע, וועלכע נוצן אויס די דאָזיקע פאַרשטענ־דעניש פאַר פּריוואַטע צוועקן, דעמאָלסט הויבט זיך אָן די עפּאָכע פון ספּעקולאַציע. די ספּעקולאַציע באַשטייט אין אויסנוצן די רע־פּראָדוקטיווע באַוועגונג פון סאָציאַלן לעבן פאַרן פּריוואַטן לעבן.

דאָס לעבן איז איבערהויפט אַ פּראָדוצירנדיקע און קאָנסומירנ־דיקע טעטיקייט. די גאַנצע וויסנשאַפט איז אַן עקאָנאָמישע, וועל־כע דערפאָרשט די דאָזיקע פּראָדוקציע און קאָנסומציע אין די פאַר־שיידענע לעבנס־ספערן. די פיזיאָלאָגיע איז די עקאָנאָמישע וויסנ־שאַפט פון דער אָרגאַנישער לעבנס־ספערע, אַזוי ווי די סאָציאַל־עקאָ־נאָמיע איז די פיזיאָלאָגיע פון דער געזעלשאַפט. די וויסנשאַפט באַווייזט אונז, אַז דאָס סאָציאַלע לעבן געפינט זיך נאָך היינט אין זיין ערשטן קינדער־עלטער. צווישן דעם וועג פון דער געזעלשאַפט אין דעם אָנהויב פון איר אַנטוויקלונג און דעם וועג, אויף וועלכן זי וועט גיין זעלבשטענדיק, ליגט דער טיפער גראָבן, מיר מיינען די רעוואָלוציאָנערע, די קריטישע עפּאָכע, די געבורטס־קאַטאַ־סטראָפע פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט, וועלכע מאַכט אומאָפּ־הענגיק דאָס קינד פון דער מוטער, די סאָציאַלע צוקונפט פון איר פאַרגאַנגענהייט, און דערהויבט די געזעלשאַפט צו אַ פאַרענדיקטער שאַפונג. וואָס די רעוואָלוציע איז פאַרן לעבן, דאָס איז די קריטיק פאַר דער לעבנס־אָנשויאונג. זי שניידט איבער די שנור, וועלכע פאַרבינדט דאָס קינד מיט דער מוטער, זי צעברעכט די קייט פון די טראַדיציאָנעלע פאָרשטעלונגען, וועלכע שמידט די קעגנוואַרט צו דער פאַרגאַנגענהייט, זי עפנט דעם וועג צו אַ נייעם זעלבשטענ־דיקן לעבן, דאָס הייסט, צו נייע, פרישע שאַפונגען פון גייסט. אין אַ מאָמענט האַלט זי זיך פאַר אָפּגעריסן פון דעם איינינקן שעפע־רישן וועזן זעלבסט, ווייל זי האָט נאָך נישט געפונען דעם דאָזיקן וועזן, די גלייכגעוויכט אין זיך אַליין, ווייל די טראַדיציאָנעלע פאָר־שטעלונגען האָבן געהאַלטן דעם דאָזיקן וועזן פאַר אַ יענעזייטיקן. דער גרעסטער טייל פון אונזערע צייט־גענאָסן גלויבן נישט אין דאָס דאָזיקע אַבסאָלוטע, וואָס ווערט פאָרגעשטעלט אַלס אַ יענע־זייטיק וועזן, אָבער זיי קענען נישט קומען צו דעם ווירקלעך אַב־סאָלוטן, צו דעם שעפערישן, צום שווערפּונקט פון לעבן, וועלכער ליגט נאָר אין דער גלייכגעוויכט און גלייכמאָס פון אַלע גייסטיקע קרעפטן. די וויניקע אָבער, וועלכע מאַכן דעם אַנטשיידנדיקן שריט, פאַלן אַריין אין דער ספּעקולאַציע.

אַזוי ווי דער ניי־געבוירענער איז נאָך נישט פולקאָם עמאַנצי־פּירט פון דער מוטער, אַזוי לאַנג, ווי ער ליגט נאָך אויף איר ברוסט, אַזוי מוז אויך דאָס סאָציאַלע לעבן אַריבערשטרייטן דעם זויג־על־

טער, כדי פולשטענדיק עמאַנציפּירט צו זיין. נאָך דעם, ווי די אינ־דוסטריעלע און אינטעלעקטועלע אַרבעט האָט זיך באַפרייט דורך דער רעוואָלוציע, האָט זי נאָך געמוזט שטאַרק ווערן דורך דער ספּעקולאַציע, איידער זי האָט זיך געקענט שטעלן אויף זיך זעלבסט. די פילאָזאָפישע און בירגערלעכע ספּעקולאַציע, וועלכע ווערט גע־מאַכט פון די גייסטיקע און מאַטעריעלע קאַפּיטאַליסטן און באַ־הערשט די וויסנשאַפטלעכע און אינדוסטריעלע אַרבעט, די דאָזיקע ביידע מינים פון ספּעקולאַטיווער טעטיקייט זיינען די ביידע ברוסטן, וועלכע בינדן צו דאָס קינד צו דער מוטער, די אַרבעט צום קאַפּי־טאַל, דעם שעפערישן גייסט צו די פריערדיקע שאַפונגען, און וועל־כע מאַכן נאָך אָפּהענגיק די נייע געזעלשאַפט פון דער אַלטער. נישט די אינדוסטריעלע אַרבעט, נישט די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג האָבן זיך ביז איצט געקענט באַפרייען פון די פאַרמיטלער, וועלכע דער־נערן זי און באַלעבן זי. עס איז היינט די אויפגאַבע פון דער אינ־טעלעקטועלער און אינדוסטריעלער אַרבעט זיך צו באַפרייען פון דער ספּעקולאַציע. נאַטור־פאָרשער און ספּעציאַליסטן אַרבעטן היינט מיט מער אָדער ווייניקער באַוווסטזיין און ענערגיע פאַר דער לעצטער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט, פאַר דער עמאַנציפּאַציע פון דער אַרבעט פון דער ספּעקולאַציע.

די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג איז אין דייטשלאַנד נאָענט צו איר ציל, אַזוי ווי די אינדוסטריעלע אַרבעט אין ענגלאַנד. אָבער דאָ, אַזוי ווי דאָרטן, זיינען די דאָזיקע שטרעבונגען פאַראיינצלט. דער שטויס צו דער פאַראייניקונג קען אַרויסגיין נאָר פון דעם לאַנד פון מאָדערנער רעוואָלוציע און צענטראַליזאַציע, פון פראַנקרייך, און פון יידישן פאָלק, וואָס האָט פון אָנהויב פון דער וועלט־געשיכ־טע געהאַט די מיסיע צו פאַראייניקן די איינזייטיקע שטרעבונגען פון סאָציאַלן לעבן אין איין ברענפּונקט.

ס פּ י נ אָ ז אַ האָט געלייגט דעם זאָמען פאַר דער דעפיני־טיווער פאַראייניקונג פון דעם קעגנזאַץ, וועלכער איז אַנטשטאַנען מיטן באַוויזן זיך פון ביידע וועלט־היסטאָרישע ראַסן און וועלכער האָט דערגרייכט זייער העכסטן פּונקט אין די קלאַסישע שאַפונגען פון די יידן און די גריכן, און וואָס זייער ערשטער נישט פולקאָמער פאַראייניקונגס־פּרווו איז געמאַכט געוואָרן אין קריסטנטום. זינט ספּינאָזאַן איז עס געוואָרן די אויפגאַבע פון דער געשיכטע, צו אַנט־

ווייקלען דעם פון אים געמאַכטן אָנהויב ביז צו דעם העכסטן שלום פון די קעגנזאַצן אין לעבן פון די פעלקער.

די דייטשע פילאָזאָפיע האָט געוויס געהאַט דעם פאַרדינסט, וואָס זי האָט באַהערשט דעם קעגנזאַץ פון טעאיזם און אַטעאיזם, וועלכן די רעוואָלוציאָנערע עפּאָכע האָט באַשאַפן דורך דער יידישער איינהייטס־לערע, וועלכע איז ערשט פון ספּינאָזאַן ריכטיק פאַרשטאַנען געוואָרן. אַזוי ווי אָבער דער דאָזיקער פילאָזאָפיע האָט געפעלט יעדער פּאָזיטיווער יסוד אין סאָציאַלן לעבן און אין די נאַטורוויסנשאַפטן, האָט זי געמוזט אַריינקומען מיט זיי אין אַ קאָנפליקט. די לעצטע פאָרם פון אַנטאַגאָניזם, וועלכע דאַרף נאָך אויסגעגליכן ווערן, טרעט אַרויס דערפאַר אין דעם לאַנד, וווּ דער מאָדערנער קולטור־היסטאָרישער פּראָצעס שפּילט זיך אָפּ נישט מער ווי מאַנאָטעאיזם און פּאָליטעאיזם. נישט מער ווי מוזולמענישער מאַניזם און קריסטלעכער דואַליזם, נישט מער ווי טעאיזם און אַטעאיזם, אָבער ווי אַ קעגנזאַץ פון ספּעקולאַטיווער פילאָזאָפיע און דערפאַרונגס־וויסנשאַפטן. די דייטשע פאָרשער זיינען דערצו באַרופן, צו באַהערשן די דאָזיקע לעצטע פאָרם פון אַנטאַגאָניזם דורך אַרבעטן, וועלכע, ווי מאַמלעשאַט זאָגט, מוזן דערצו פירן, אַז די דערפאַרונג זאָל זיך אויפלייזן אין דער פילאָזאָפיע, און די פילאָזאָפיע אין דער דערפאַרונג. אין דייטשלאַנד מוזן זיך די דערפאַרונגס־וויסנשאַפטן באַפרייען פון דער פילאָזאָפישער ספּעקולאַציע דורך דעם, וואָס די אינטעלעקטועלע אַרבעטער זאָלן אויפזאַמלען די רעזולטאַטן פון דער וויסנשאַפט און פאַראייניקן זיי דורך אַן אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט, וועלכן מען קען דאָ לייכט געפינען, ווייל ער ליגט שוין אין דער גייסטיקער אַטמאָספער.

---

5.

## די לעצטע ראַסן־הערשאַפט.

וואָס מער אַ פאָלק טוט אויף אויף זייך ספּעציעלן געביט, מיט אַלץ וויכטיקער קנאה אָנערקענט עס די אויפטוען פון אַנדערע פעלקער און אַלץ פרייער נעמט עס איבער פון אַנדערע פעלקער, וואָס

-אים אַליין פעלט, אָדער וואָס אים איז נויטיק צום מאָדערנעם לעבן. דאָס איז אַן אייגנשאַפט, וועלכע פאַרשאַפט באַזונדערס כבוד דעם דייטשן גייסט.

דאָס יידישע פאָלק מוז אין אַלץ, וואָס איז נוגע דעם פּאָליטיש-סאָציאַלן ווידערגעבורט פון די פעלקער און זיין אייגענע צוריק-אויפלעבונג אַלס זעלבשטענדיקע נאַציע, זיך אָנשליסן אָן פראַנק-רייך, אָבער אין אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום גייסטיקן לעבן, זיך האַלטן אָן דייטשלאַנד. נאָר די נאַרישע רעאַקציע קען פּאַראיבל האָבן, אַז מיר סימפּאַטיזירן מיט פראַנקרייך אין פּאָליטיש-סאָציאַ-לער באַציאונג, און זיינען פאַרוואָרצלט מיט אַלע פעדים פון אונזער גייסטיקן לעבן אין דייטשלאַנד. פון דייטשלאַנד קען מען גאָרנישט נישט האָפן פאַר דער נ א צ י אָ נ אַ ל ע ר ווידערגעבורט פון די פעלקער. דער פּראָבלעם, וואָס איז שוין געוואָרן אַ וועלט-באַ-וועגנדיקע לעבנס-פראַגע זינט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָ-לוציע, אָבער וואָס זיין ענדגילטיקע לייזונג פאַר איראָפּע האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם איטאַליענישן קריג, די דאָזיקע פראַגע, וועלכע שטייט אומעטום, און אַפילו אין דייטשלאַנד אויפן טאָג-אָרדענונג, ווערט אין דייטשלאַנד אַפילו פון דער דעמאָקראַטיע אויסגעשפּאָט אַלס נאַציאָנאַליטעט-שווינדל. אויך די יידישע דעמאָקראַטן פאַרדעכ-טיקן פראַנקרייך און די פעלקער, וועלכע שטיצן זיך אויף פראַנק-רייך. די פראַנצויזן און די פעלקער, וועלכע סימפּאַטיזירן מיט זיי און וועלכע נוצן אויס די קייזערלעכע דיקטאַטור צוליב פעלקער-באַפרייענדיקע צוועקן, ווערן אַליין עקספּלואַטירט פון נאַפּאָלעאָנען צוליב „פרייהייטס-מערדערישע” צוועקן. אַזוי זאָגט מען אין דייטש-לאַנד. די דייטשן אָבער, אַזוי טענהן אונזערע טיפע דייטשע פּאָלי-טיקער, באַנוצן זיך מיט זייערע קיסרים און קעניגן, כדי צו קעמפן קעגן דער פראַנצויזישער „הערשאַפט”. מען פאַרגעסט אָבער, אַז אויב היינט וועט דייטשלאַנד באַזיגן פראַנקרייך און איטאַליע, וועט מאָרגן דאָס דייטשע פאָלק אַליין שטיין אונטער פּאָליציי-קאָנטראָל. די יידן אָבער וועט זיין נאָך ערגער, איידער נאָך דעם דייטשן „באַ-פרייאונגס-קריג”, אין וועלכן זיי האָבן געקעמפט מיט דייטשלאַנד קעגן פראַנקרייך, האָבן געשטיצט די רעאַקציע קעגן דער פראַנצוי-זישער רעוואָלוציע און זיינען דערפאַר, אַלס אַ באַלוינונג, אויסגע-שלאָסן געוואָרן פון מלוכה-לעבן. די דייטשע יידן און דאָס דייטשע

באַלק פאַרדינען אָבער אויך נישט קיין בעסערן גורל, ווען זיי וועלן זיך נאָך אַלץ נאָכשלעפּן נאָך דער מיטלאַלטערלעכער רעאַקציע.

וויסנשאַפטלעכע שטודיען צוזאַמען מיט מיינע פּערזענלעכע דערפאַרונגען האָבן מיינע שטענדיקע פּאָליטישע סימפּאַטיעס פאַרשטאַרקט אין געדאַנקען, וועלכע מען קען פאָרמולירן אויפן פאָלגנדיקן אופן:

די סאָציאַלע לעבנס־אינסטיטוציעס זיינען, אַזוי ווי די גייסטיקע לעבנס־אָנשויאונגען, טיפּישע און אָריגינעלע ראַסן־שאַפונגען. די גאַנצע ביזאַהעריקע געשיכטע האָט זיך באַוועגט אין ראַסן־קאַמפן און קלאַסן־קאַמפן. דער ראַסן־קאַמף איז דאָס אורשפּרינגלעכע, דער קלאַסן־קאַמף — דאָס סעקונדערע.

די לעצטע הערשנדיקע ראַסע איז געווען די גערמאַנישע. אַ דאַנק דעם פראַנצויזישן פאָלק, וואָס האָט ביי זיך אַליין באַהערשט דעם ראַסן־אַנטאַגאָניזם נאָך דעם, ווי עס האָט אָפּגעטויט די לעצטע הערשנדיקע ראַסע און איר קעניג *), אַ דאַנק דער גרויסער רעוואָלוציע, וואָס האָט אין פראַנקרייך זעלבסט צעשטערט יעדע ראַסן־הערשאַפט, דערנענטערט זיך איצט דער ראַסן־אַנטאַגאָניזם צו זיין סוף.

מיט דעם ראַסן־אַנטאַגאָניזם הערט אויך אויף דער קלאַסנקאַמף. די גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע סאָציאַלע קלאַסן קומט נאָך דער גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע ראַסן און איז נאָר אַ וויסנשאַפטלעכע פראַגע פון דער סאָציאַלער עקאָנאָמיע. נאָך אַ לעצטער ראַסן־קאַמף איז אָבער אומפאַרמיידלעך, ווען די דייטשע פּאָליטיקער וועלן עס נישט פאַרשטיין, ווי צו באַקעמפן די גוואַלדיקע רעאַקציאָנערע שטרעמונג, וועלכע ליגט אין דעם קאָנפליקט פון דייטשלאַנד מיט די ראָמאַנישע פעלקער און ציט אויך אריין די דייטשע דעמאָקראַטן אין דעם דעמאַגאָגישן שווינדל. שוין צוויי מאָל איז עס אין אונזער יאָרהונדערט געלונגען דער מיטלאַלטערלעכער רעאַקציע, — איין מאָל בשעת דעם „באַפרייאונגס־קריג" און דאָ נישט לאַנג בשעת דעם איטאַליענישן קריג — אַרויסצורוקן די ראַסן־הערשאַפט אינסטינקטן

*) זע וועגן ראַסנקאַמף און רעוואָלוציע אין פראַנקרייך: אוגוסטין טיערי.

פון די גערמאַנישע קריגס־אַריסטאָקראַטן, וועלכע באַטראַכטן זיך אַלס די האַרן פון לאַנד און דאָס פאָלק אַלס די קנעכט, קעגן די שטרעבונגען פון דייטשן פאָלק צו פּאָליטישן און סאָציאַלן ווידער־געבורט. אין אַ ווייטערדיקן קאָנפליקט צווישן איטאַליע און עסטרייך וועט די דייטשע דעמאָקראַטיע ווידער אַריינפאַלן אין די כוואַליעס פון רעאַקציע און עס וועט אַנטשטיין אַ ראַסן־קאַמף, וואָס זיין סוף קען פאַר אונז נישט זיין צווייפלהאַפט.

פון דעם לעצטן פעלקער־קאַמף, וועלכן פ ע ר ד י נ א נ ד פ ר יי ל י ג ר א ד האָט אַזוי שיין געשילדערט אין זיין ליד „ביים בירקענבוים", קען נישט אַרויסקומען מער קיין נייע ראַסן־הערשאַפט, נאָר די גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע וועלט־היסטאָרישע פעלקער.

---

6.

## א שטיק געשיכטע.

פעלקער, אַזוי ווי אינדיווידוען, האָבן אין זייער אַנטוויקלונגס־גאַנג באַשטימטע לעבנס־עלטערס. נישט יעדער עלטער איז פּאַסיק פאַר יעדער שטופע פון דער אַנטוויקלונג. דאָס פאַרזוימטע איז שווער און אָפטמאָל אוממעגלעך אָנצויאָגן אין דעם שפּעטערדיקן לעבנס־עלטער פון די פעלקער.

דייטשלאַנד איז אין דער צייט פון דער רעפאָרמאַציע געשטאַנען אויף אַזאַ פּאָליטיש־סאָציאַלער הויך, וועלכע האָט געוועקט דעם זעלבסטבאַוווסטזיין צו פּאָליטיש־סאָציאַלע רעפאָרמען, צו רעוואָלו־ציעס, ווי זיי זיינען שפּעטער פאָרגעקומען אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך. דאָס 16טע יאָרהונדערט איז געווען די עפּאָכע פאַר דייטשלאַנדס ווידערגעבורט. דייטשלאַנד האָט ווירקלעך באַשאַפן אין יענער עפּאָכע אַ רעפאָרם, וועלכע האָט אָבער די נאַציע נישט געאייניקט, נאָר די נאַציע אינעווייניק צעשפּאָלטן. די פּאָליטיש־סאָציאַלע רעוואָלוציע אויף דער דייטשער נאַציאָנאַלער באַזע איז דערשטיקט געוואָרן אין בלוט פון די דייטשע פּויערים.

אויב די דערהויבונג פון די דייטשע פּויערים וואָלט נישט אַזוי שענדלעך פאַראַטן געוואָרן פון די גדולים פון דער

דייטשער קולטור און ציוויליזאַציע, דאַן וואָלט דאָס דייטשע פאָלק שוין דאַמאָלסט אָנגענומען זיין רעגלמעסיקן אַנטוויקלונגס־גאַנג אין מאָדערנעם לעבן און וואָלט געבליבן אין דער שפּיץ פון די איבעריקע אייראָפּעאישע קולטור־פעלקער. די מאַכט פון דער „דייטשער שווערד” וואָלט זיך פאַרוואַנדלט אין דער איידעלערער און העכערער מאַכט פון מאָדערנעם דייטשן גייסט און פלייס. דאָס זעלבע פאָלק, וואָס האָט אומגעוואָרפן די אַמאָליקע וועלט־הערשאַפט פון רוים, כדי צו פאַרנעמען איר ירושה אַלס מיטלאַלטערלעכע, פעאָדאַלע מאַכט, וואָלט איצט געגעבן דער וועלט דעם ערשטן סיגנאַל פאַר דעם אומוואַרפן פון זיין אייגענער, דער לעצטער ראַסן־הערשאַפט. דער גורל האָט אָבער געוואָלט אַנדערש. דאָס לעצטע אויסדערוויילטע פאָלק האָט — אַזוי ווי דאָס ערשטע — געמוזט באַצאָלן טייער פאַר זיין היסטאָרישער פּריווילעגיע, איידער עס איז געוואָרן ראוי אַריינצוטרעטן אין בונד פון דער מענטשהייט, וועלכער שטיצט זיך אויף דער גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע פעלקער.

די אויסערלעכע און איינצלנע סיבות, דורך וועלכע עס איז צעבראָכן געוואָרן די דייטשע רעוואָלוציע, זיינען באַקאַנט. קאַרל דער פינפטער, וועלכער האָט געוואָלט פאַרווירקלעכן דעם חלום פון אַן אוניווערסאַלער דייטש־רוימישער מלוכה, בשעת דער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין האָט אָנגעהויבן צו דערוואַכן ביי די וועלט־היסטאָרישע פעלקער, דער דאָזיקער דייטשער קיסר איז געווען נאָר זייער ווייניק אַ דייטשער. צוליב אַ פאַנטאַסטישן חלום האָט ער זיך אַנטזאָגט פון דער פּאָליטיש־סאָציאַלער און רעליגיעזער רעפאָרם, וואָס דורך איר וואָלט עס געקענט אויפהויבן דייטשלאַנד צו אַ מאָדערנעם איינהייטס־שטאַט, וואָלט עס געקענט באַפרייען פון צעשפּליטערונג, וואָלט זיך זעלבסט געקענט געבן אַ פאָלק און דעם פאָלק אַ קיסר, אין קורצע ווערטער, וועלכער האָט געקאָנט באַשאַפן אַ מאָדערנע מלוכה צום וויל פון אַלע מאָדערנע פעלקער, וועלכע האָבן געשטרעבט צו נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט, און צו דער שרעק פון זייערע מיטלאַלטערלעכע קריגס־האַרן. דער קיסר האָט אָבער געפירט צום קעגנזעצלעכן רעזולטאַט. דער אַדל האָט זיך געקענט מאַכן אומאָפּהענגיק פון קיסר, וויל ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער רעליגיעזער באַוועגונג, און דער אַדל האָט זיך געמאַכט אומאָפּהענגיק פון פאָלק, וויל ער האָט דערשטיקט די פּאָליטיש־סאָציאַלע באַוועגונג. דאָס אַנטי־נאַציאָנאַלע

ווערק איז געפירט געוואָרן נישט נאָר אַ דאַנק דער פּאָלשער פּאָליטיק פון דייטשן קיסר, נאָר אויך אַ דאַנק דער פּאָליטישער אומפעאיקייט פון דעם דייטשן רעפאָרמאַטאָר. ל ו ט ע ר האָט אין זיין באַשרענקטקייט געפונען פאַר וויניקער געפערלעך זיך אָנצושליסן אָן דעם אַדל, איידער אָן פאָלק, און האָט צום סוף פאַראַטן די פּויערים, אַזוי ווי אונזערע דייטשע דאָקטרינערן פאַראַטן דאָס פּאָלק, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַן ערנסטער דעמאָקראַטישער באַוועגונג. פונדעסטוועגן וואָלט די דייטשע רעוואָלוציע געזיגט, ווען נישט די שטעט, וואָס זייערע איינוווינער, די בירגער, האָבן דאָך אייגנטלעך געדאַרפט זיין פאַראינטערעסירט אין אומוואַרפן די פעאָדאַלע הערשאַפט, וואָלטן נישט געווען אַזוי ענגהאַרציק און דערשראָקן און וואָלטן פאַרשטאַנען די גרויסע נאַציאָנאַלע באַדייטונג פון דעם פּויערים־קריג און וואָלטן אויסגעקעמפט זייער אייגענעם נוצן. אָנשטאָט דעם האָבן זיי פאַראַטן די פּויערים צום אַדל. נאָך דעם אָבער, ווי די בירגער האָבן פאַראַטן די פּויערים צו זייערע שונאים, נאָך דעם, ווי דער דייטשער רעפאָרמאַטאָר האָט די פּויערים באַליידיקט, דער קיסר האָט זיי פאַרלאָזן, זייערע קריגס־האַרן האָבן זיי אויסגעקוילעט, האָבן די דייטשע פּויערים זיך געמוזט אָפּזאָגן פון זייער ווערק. און דערווידערגעבורט פון דייטשלאַנד איז דערשטיקט געוואָרן אין זיין אָנהויב. דאָס דייטשע פאָלק איז באַלד אַראָפּגעפאַלן פון זיין הויך. לוטער האָט עס געזען און האָט עס וויניקסטנס אויסגעדריקט. פאַרשטאַנד האָט די דייטשע דאָקטרינערן אייגנטלעך קיינמאָל נישט געפעלט.

אין דעם דרייסיק יאָריקן קריג האָבן די בעסטע עלעמענטן פון דייטשן פאָלק געמוזט זוויספּירן איבער זיך זעלבסט דעם טויט־אורטייל, וועלכן זיי האָבן אַרויסגעזאָגט קעגן זיך אַליין דורך דעם אָפּטיילן זיך פון דער דייטשער רעוואָלוציע. זיי האָבן שפּעטער אפשר נאָך געקענט טעאָרעטיש פאַרשטיין, אַז די וועלט־געשיכטע איז דאָס וועלט־געריכט. אָבער זיי האָבן נישט געקענט מער אָפּווענדן דאָס געריכט פון זיך אַליין. אין דער צייט פון דער ענגלישער רעוואָלוציע, וועלכע האָט אויפגעהויבן אונזער שטאָלץ, שכנותדיק פאָלק אויף דער הויך פון דער קולטור און דער ציוויליזאַציע און איז געוואָרן די סיבה פון זיין היינטיקער וועלט־מאַכט, איז דייטשלאַנד געגאַנגען צום גרונט אין בלוט און קייטן. אויך די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, וועל־

כע האָט אַלע אייראָפּעאישע פעלקער געלערנט דעם קאַמף פאַר פרייהייט, האָט געבראַכט דייטשלאַנד נאָר די שעה פון פרעמדהערשאַפט און רעאַקציע, וועלכע האָט נישט געקענט אומגעוואָרפן ווערן אַפילו דורך די רעוואָלוציעס פון 1830 און 1848. אזוי ווי אין דער צייט פון דער ערשטער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבן די דייטשע ליטעראַטור און פילאָזאָפיע, וועלכע זיינען דאַן געווען אין זייער בליצייט, נישט געקענט באַשיצן דעם שאָטן פון דער דייטשער מלוכה פון פולשטענדיקער פאַרניכטונג, אַזוי קענען נאָך היינט נישט אַלע אונזערע רעדנער, שרייבער און זינגער עלעקטריזירן דעם פּאָליטישן מת, וואָס זיין נשמה איז אויסגעהויכט געוואָרן אין אומגליקלעכן פויערים־קריג. פּאָפּולערע גייסטער און פּאַטריאָטישע כאַראַקטערן פאַלן נישט אַראָפּ פון הימל ווי אַ רעגן, זיי האָבן זייערע וואָרצלען אין די טיפעניש פון פאָלק און זיין געשיכטע. ווען די געשיכטע פון אַ פאָלק ווערט געשטערט אין איר אַנטוויקלונג, ווען דאָס פאָלק אַליין ווערט צעדריקט אין זיין גרויסאַרטיקער פאָרווערטס־שטרעבונג, דאַן ווערט אויסגעלאָשן דער פּאָליטישער געניוס פון פאָלק. דאָס איז די לאַגע אין דייטשלאַנד. אין דער צייט פון דעם פויערים־קריג וואָלט דאָס דייטשע פאָלק געקאָנט אַרויסברענגען מלוכה־מענער, וועלכע וואָלטן אין זיך פאַרייניקט מאָדערנעם גייסט און פּאַטריאָטיזם. היינט פעלט דעם דייטשן פאָלק דער געמיינזאַמער באָדן און דער טראַדיציאָנעלער שטאָף. אַלע זכרונות פון דייטשלאַנדס גרויסקייט געהערן צום מיטלאַלטער און צו די אורוועלדער. איר גאַנצער היינטיקער פּאַטריאָטיזם איז רעאַקציאָנער און האָט נישט קיין באָדן אין פאָלק. אַ מאָדערן דייטש פאָלק עקזיסטירט נאָך נישט, ווייל עס האָט נאָך נישט געקענט דורכגעפירט ווערן קיין מאָדערנע דייטשע באַוועגונג. אָן ווידעראויפלעבונג איז נישטאָ קיין פאָלק, אָן פאָלק איז נישטאָ קיין פּאַטריאָטיזם אין מאָדערנעם זין. דער היינטיקער דייטשער פּאַטריאָטיזם, וועלכער דריקט זיך אויס אין זידלען די אַלע דייטשע שכנים, ווייל ער האָט נישט קיין מוט און קיין טאַלאַנט צו פאַרווירקלעכן די אייגענע רעגענעראַציע, איז פולשטענדיקער שווינדל. דייטשלאַנד זיפצט נישט אונטערן דרוק פון אַ פרעמדהערשאַפט, וועלכע מען וואָלט געוואָלט באַשאַפן, כדי צו געפינען אַ סיבה פאַר דער דערהויבונג פון פאָלק אָן דער אינעווייניקסטער אַרבעט פון אייגענער ווידעראויפלעבונג. דייטשלאַנד איז

קראַנק פון זיין דערמאָרדעטער רעוואָלוציע, עס קען נישט מאַכן היינט ביי זיך, אָן דער הילף פון די פאָרגעשריטענע אייראָפּעאישע פעלקער, אַן אייגענע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וועלכע עס האָט צו שאַנד געמאַכט אין דער צייט פון דער רעפאָרמאַציע, און קעגן וועלכע עס האָט געקעמפט אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. אויב די דייטשן זיינען צו שטאָלץ צו גיין האַנט אין האַנט מיט יענע פעלקער, וועלכע האָבן זיך באַפרייט, אָדער ווילן זיך באַפרייען פון דער קריסטלעך־גערמאַנישער, מיטלאַלטערלעך־פעאָדאַלער הער־שאַפט, מוזן זיי זיין אונטערגעוואָרפן אונטער דער מיטלאַלטערלעכער רעאַקציע, וועלכע זיי האָבן נישט געקענט אַראָפּוואַרפן אין דער ריכטיקער צייט. די לעצטע געלעגנהייט פון אַ פאָלקס־דערהויבונג אין נאַציאָנאַלן זין האָט נאָר געהאָלפן דעם זיג פון דער רעאַקציע, ווייל דער קריג קעגן פראַנקרייך איז שוין לכתחילה געווען אַ קאַמף פון דער רעאַקציאָנערער אייראָפּע קעגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

אויב היינט וואָלט דייטשלאַנד ווידער פאַרוויקלט געוואָרן אין אַ קריג מיט אויסלאַנד, וואָלט אַ זיג פון דער דייטשער אַרמיי געווען געוויס אַ זיג פון דער רעאַקציע, בפרט נאָך, וואָס נישט די דייטשן וואָלטן געקעמפט פאַר אומאָפּהענגיקייט. אַזוי טיף זיינען מיר געזונ־קען, אַז מיר מוזן באַגריסן דעם אומגליק פון אונזער אַרמיי אַלס גליק. „די וועלט־געשיכטע איז דאָס וועלט־געריכט”. פאַר אונזער פאַרברעכן אין 16טן יאָרהונדערט מוזן מיר נאָך היינט באַצאָלן. ווער קען פאָרויסזאָגן די קאַטאַסטראָפעס פון אונזער צוקונפט, ווייל אונזער מאָדערנע אַנטוויקלונג איז דערשטיקט געוואָרן אין איר אָנהויב? געוויס וועט יעדער פעלקער־קאַמף, וועלכער וועט זיך היינט פאַנאַנ־דערברענען פאַר דער נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט, ענדיקן מיט דער גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע פעלקער און אַפילו פון די פעלקער, וועלכע וועלן קעמפן קעגן. אָבער דורך וועלכע מיטלען וועט דער גרייכט ווערן דער ציל, וועלכער פרידלעכער אָדער קריגערישער דייטשער פאַטריאָט וואַגט עס גאָר צו קלערן מכח דעם?

די צייטן פון ראַסן־הערשאַפט זיינען אַריבערגעגאַנגען. אויך דאָס קלענסטע פאָלק, מעג עס געהערן צו דער גערמאַנישער אָדער ראָמאַנישער, צו דער סלאַווישער, אָדער פינישער, צו דער קעלטישער אָדער סעמיטישער ראַסע, וויבאַלד עס פאָדערט זיינע רעכט אויף אַ פלאַץ צווישן די קולטור־היסטאָרישע פעלקער, קען עס רעכענען

אויף די סימפּאַטיעס פון די אַלמעכטיקע מערבדיקע קולטור־פעלקער, וועלכע האָבן היינט געפונען אין דעם ווידעראויפגעלעבטן איטאַליע־נישן פאָלק אַ טרייען בונד־גענאָסע. אַזוי ווי די פּאַטריאָטן פון אַלע אַנדערע אומגליקלעכע פעלקער, קענען אויך די דייטשע פּאַטריאָטן נאָר אין אַן אויפריכטיקן בונד מיט די פאָרגעשריטענע און מעכטיקע פעלקער פון דער ערד דערגרייכן דעם ציל פון זייערע שטרעבונגען. אויב זיי וועלן אָבער זיך זעלבסט און דעם דייטשן פאָלק איינרעדן די פאַלשע חלומות וועגן דער מאַכט און הערלעכקייט פון דער „דייטשער שווערד". דאַן וועלן זיי פאַרגרעסערן די אַלטע זינד מיט נאָך אַ נייער זינד, זיי וועלן אַרבעטן פאַר דער רעאַקציע און וועלן אַריינציען אין איר פאַרדאַרבנקייט גאַנץ דייטשלאַנד.

---

## נאָטע 1.

אין תלמוד, אַזוי ווי אין מדרש, ווערט די גאולה פון יידישן פאָלק צוגעשריבן צו דער ריינקייט און טרייקייט פון די יידישע פרויען, וועלכע האָבן זייער נאַציע נישט פאַרלייקנט. עס ווערט באַזונדערס אונטערגעשטראָכן, אַז די יידן האָבן אין מצרים נישט געביטן זייערע נעמען און זייער שפּראַך און זיינען דערפאַר מער ראוי געווען אויס־געלייזט צו ווערן, איידער אין שפּעטערדיקע צייטן: מ"ר במדבר פ' כ', שה"ש, ויקר' פ' ל"ב. לא שנו את שמן, ראובן ושמעון נחתון ראובן ושמעון סלקין, לא קורין ליהודה רופס, ולא לראובן לוליאני, ולא ליוסף לוסטוס ולא לבנימין אלכסנדר וכו'.

אַפילו אונזער גרעסטער נביא און מחוקק ווערט געטאַדלט דערפאַר, וואָס ער האָט זיך ביי יתרו אין מצרים נישט אַרויסגעגעבן פאַר אַ ייד. דערפאַר איז נישט דערפילט געוואָרן זיין בקשה מקובר צו ווערן אין הייליקן לאַנד. פאַרקערט אָבער זיינען די ביינער פון יוספן, וועלכער האָט נישט פאַרלייקנט זיין יידישע אָפּשטאַמונג געבראַכט געוואָרן אין ארץ־ישראל און דאָרט מקובר געוואָרן.

מ"ר ואתחנן: אמר לפניו רבש"ע עצמותיו של יוסף נכנסו לארץ ישראל ואני איני נכנס לארץ, אמר לו הק"בה, מי שהודה בארצו, נקבר בארצו, ומי שלא הודה בארצו, אינו נקבר בארצו, יוסף הודה בארצו, מנין? גבירתו אומרת: ראו הנביא לנו איש עברי וגו', ולא כפר,

אלא גנב גנבתי מארץ העברים, נקבר בארצו וכו׳. אתה שלא הודית בארצך, אין אתה נקבר בארצך, כיצד? בנות יתרו אומרות, איש מצרי הצילנו מיד הרועים והוא שומע ושותק, לפיכך לא נקבר בארצו.

## נאַטע 2.

דער שטיצפּונקט מחוץ פון דער וועלט, וועלכער איז פאַראַן אין דער יידישער געשיכטע־רעליגיע, אַזוי ווי אין דער אַלט־אינדישער נאַטור־רעליגיע, איז דער פאַרבינדונגס־פּונקט פון דער יידישער און היידנישער, פון דער סעמיטישער און אינדאָ־גערמאַנישער וועלט־אַנשויאונג, די זריעה, פון וועלכער עס איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן די מיטלאַלטערלעך־קריסטלעכע און די מאָדערן ־ וויסנשאַפטלעכע לעבנס־אַנשויאונג. אין דעם פונקט פאַלן צוזאַמען דיביידע גרויס־אַרטיקע גייסטיקע ריכטונגען פון די צוויי וועלט־היסטאָרישע מענטשן ראַסן. דאָ טרעט אויך אַרויס זייער ענלעכקייט און זייער אונטערשייד. זיי ביידע האָבן אָנהויב אָן דערקענט און האָבן עס אַרויסגעזאָגט אין זייער עלטסטער ליטעראַטור, אַז די לעבנס־פאַרהעלטענישן, אין וועלכע דער מענטש געפינט זיך, זיינען אומווירדיק און באַדאַרפן די דערלייזונג, וויבאַלד נאָר דער מענטשלעכער גייסט איז דערוואַכט. זיי חלומען ביידע פון אַ גאָלדענעם צייט־אַלטער, וועלכן זיי טראָגן אַריבער אין דער פאַרגאַנגענהייט, פון אַ פאַרלאָרענעם גן־עדן, וועלכן זיי ווילן נאָכאַמאָל געפינען. דער קאַמף פון די ווילדע קרעפטן, מיט וועלכן עס הויבט זיך אָן די געשיכטע פון דער מענטשהייט, איז להיפּוך צו דעם הומאַנעם וועזן, וואָס אַנטהאַלט שוין אין זיך דעם זאַמען פון דער האַרמאָנישער איינהייט פון לעבן, צו דעם לעצטן ציל פון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונגס ־ געשיכטע. אין דער צוריקגעהאַלטנקייט פון די פאַרגעניגנס פון לעבן, וועלכע מען קען באַקומען נאָר דורך דעם עלנט און טויט פון די אונז נאָנטע ברואים, זעען די הייליקע שריפטן פון ביידע וועלט־היסטאָרישע מענטשן־ראַסן דעם מיטל צו הייליקייט, צו דערלייזונג. פאַראַן אָבער אַן אונטערשייד צווישן די ביידע וועלט־אַנשויאונגען. ביי דער אינדאָ־גערמאַנישער ראַסע, וואָס איר פּאַסיווער גייסט איז ניט געאייגנט פאַר דער זעלבשטענדיקער אַריינמישונג אין דער געשיכטע פון דער

מענטשהייט, האָט זיך די צוריקגעהאַלטנקייט פאַרוואַנדלט אין אַ פולשטענדיקער אָפּזאָגונג און פאַרלייקענונג פון לעבן (בראַמיזם און בודיזם). די יידן האָבן אָבער פון אָנהויב אָן און דורך דעם שטורעם פון זייער געשיכטע דערקענט זייער באַרוף אין דעם, וואָס זיי האָבן געהאַלטן הייליק נישט נאָר דאָס א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ע פון דער נאַטור געגעבענע, דאָס הייסט נישט נאָר דאָס א ר ג אַ נ י ש ע, נאָר אויך דאָס ס אָ צ י אַ ל ע לעבן פון דער מענטשהייט. זיי האָבן געוואָלט אַקטיוו העלפן דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט און זי צוגרייטן צו דעם מ ל כ ו ת ה מ ש י ח, וועלכער איז אין האַרמאָניע מיט דעם געטלעכן ווען, וואָס האָט זיך נתגלה געווען צו זייער גייסט.

די אַלט־אינדישע חכמה האָט אין אונזער יאָרהונדערט געפונען איר ריינסטן אויסדרוק אין אַן עכטן דייטש, אין ש אָ פּ ע נ ה ו י ע ר ן. אין דער קריסטלעך־גערמאַנישער וועלט איז שאָפּענהויער דער פולשטענדיקער היפּך פון ה ע ג ע ל ן. העגעל האָט אַרויסגעבראַכט די געשיכטלעכע, גענעטישע וועלט־אַנשויאונג, דאָס מיינט די יידישע. העגעל זעט אָבער נאָר אין קר י ס ט ל ע כ ן זין די אַנטוויקלונג פון ג יי ס ט, און דערמיט האָט ער וויניקסטנס די קאָנקרעטע יידישע געשיכטע־רעליגיע דערהויבן צו אַן אַבסטראַקטער גייסט־פילאָזאָפיע. שאָפּענהויער האָט אָבער געלייקנט די גאַנצע געשיכטע־רעליגיע און דערמיט אויך די גאַנצע געשיכטלעכע אַנטוויקלונג און דאָס גאַנצע לעבן, אין זיין אידעאַלער זייט אַזוי ווי אין זיין רעאַלער. דורך דעם ניהיליזם, וועלכער איז געווען דער יסוד פון דער גאַנצער אינדאָ־גערמאַנישער וועלט און האָט געשטאַמט פון זייער ראַסע, איז שפּעטער די נאַטור־רעליגיע צעשטערט געוואָרן. פאַרקערט, די געשיכטלעכע לעבנס־אַנשויאונג פון יידנטום, וועלכע איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם ניהיליזם פון דער נאַטירלעכער וועלט. אָבער האָט נישט פאַרלייקנט דעם הומאַנעם שעפער אין דער געשיכטע, איז געווען בכח אַריינצוברענגען אַ טרייסטפולע לעבנס־אַנשויאונג אין די חורבות פון דער זיך זעלבסט פאַרניכטנדיקער וועלט דורך דער האָפענונג אויף דעם צוקונפטיקן ווידערגעבורט.

ווען מען נעמט אָן צוזאַמען מיט שאָפּענהויערן און די אינדאָ־גערמאַנען, אַז דאָס שעפערישע ווען איז נאָר אַן עלעמענטאַרע קראַפט, און נישט דער שעפערישער געניוס פון דער גאַנצער געשיכט־

לעבער אַנטוויקלונג אין דער נאַטור און דער מענטשן־וועלט, דאַן איז די וועלט נאָר אַ פּראָדוקט פון אַ קראַפט, וועלכע איז זיך זעלבסט סותר און וואָס איר שטרעבונג אָן אַ ציל, איר „ווילן צום לעבן", ווי שאָפּענהויער זאָגט, קען דעם מאָראַלישן און גייסטיקן מענטשן נישט ברענגען קיין שום באַפרידיקונג. נאָר די געשיכטע־רעליגיע, וועלכע זעט אין דעם קאַמף פון די נאַטור־קרעפטן, אַזוי ווי פון די אינדיווידועון און פעלקער, אַ נ ט וו י ק ל ו נ ג ס ־ ש ט אַ פּ ן און טראַגט אין זיך די זיכערקייט פון דעם נצחון פון דער געטלעכ־קייט, נאָר די געשיכטע האָט עס נישט נויטיק זיך אָפּצוזאָגן פון לעבן, כדי צו דערגרייכן אַ הייליקייט, וועלכע איז אַליין אייגנטלעך נישט מער, ווי דער קאָנטעמפּלאַטיווער עגאָאיזם. יעדע שטרעבונג צו אַ בעסערן לעבן, מעג עס אויפגעפאַסט ווערן אַלס אַ רעאַל אָדער אידעאַל, אַלס אַ ד י ז ז ײ ט י ק אָדער י ע נ ע ז ײ ט י ק, קומט פאַר דעם קאָנטעמפּלאַטיוון עגאָאיזם ווי אַ ריינער שטות. דורך דער שטרעבונג בכלל ווערט, לויט דער דאָזיקער וועלט־אַנשויאונג, נאָר פאַראייביקט דער ווילדער, עלעמענטאַרער, נישט אָרגאַנישער גייסט־לאָזער קאַמף. די דאָזיקע מאַטעריאַליסטישע, אַנטי ־ היסטאָרישע אַנשויאונג איז אין אַלע סאָציאַלע באַוועגונגען קאָנסערוואַטיוו אָדער רעאַקציאָנער. שאָפּענהויער האָט איבערגעלאָזן זיין פאַרמעגן פאַר די בערלינער סאָלדאַטן, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן פאָלק אין 1848. ער איז אין הסכם נאָר מיט דער נ ע ג אַ ט י וו ע ר זייט פון קריסטנטום, מיט דער קריסטלעכער פאַראַכטונג פון דעם „קעגנ־ווערטיקן" לעבן, וואָס דערמיט אונטערשיידט זיך דאָס קריסטנטום פון יידנטום. אָבער ער איז נישט אין הסכם מיט דער קריסטלעכער פאַרהערלעכונג פון דעם צוקונפטיקן ווידערגעבורט, וואָס דערמיט האָט דאָס קריסטנטום צוגעצויגן דאָס היידנטום צו דער יידישער געשיכטע־רעליגיע און האָט שלום געמאַכט מיטן לעבן.

איבעריקנס פאַרשטייען מיר, אַז יענץ קאָנטעמפּלאַטיוו וועזן, וואָס לייקנט דעם ווילן צום לעבן, מאַכט דעם מענטשן אין אַ הויכער מדרגה פעאיק צו קינסטלערישע שאַפונגען און צום גענוס פון די שאַפונגען. פאַרקערט אָבער איז דער וועג פון די מענטשן, וועלכע האָבן אויף זיך גענומען דעם עול מלכות שמים, דאָס הייסט דעם באַרוף איבערצואַנדערשן דאָס סאָציאַלע לעבן לויט דעם געטלעכן פּלאַן, דער וועג פון די מענטשן איז נישט אויסגעבעט מיט רויזן.

## נאָטע 3.

אין יאָר 1858 איז ביי אָטטאָ וויגאַנד אין לייפּציג דערשינען אַ שריפט אונטערן נאָמען: „צוויי געשפּרעכן מכּח דעם אַרויסטריט פון יידנטום, אַרויסגערופן דורך דעם בריוו־אויסטויש פון דאָקטאָר אבֿרהם גייגר מכּח דער דאָזיקער פּראַגע“. דער פּראָפעסאָר באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז די ראיות פון ד״ר גייגער זיינען נישט ריכטיק, נישט פון פילאָזאָפישן, נישט פון סאָציאַלן שטאַנדפּונקט. דאָס זיינען זיינע „סאָציאַלע“ אַרגומענטן:

„מיין פריינט, עס זיינען פאַראַן זאַכן, וועלכע מען קען נישט גלאַט אַריבערגיין. עס קען זיין, אַז די בירגערלעכע פרייהייט האָט אַראָפּגענומען פון די יידישע געשטאַלטן דעם שטעמפּל פון קנעכטשאַפט, וועלכן די יאָרהונדערטער פון דרוק האָבן אויף זיי אַרויפגעלייגט. עס קען זיין, אַז זייער גאַנג האָט זיך שוין דורך דעם זיג און שוין אין קאַמף פאַר פרייהייט אויסגעגליכן און איז געוואָרן שטאָלצער, אַז זייער שטערן האָט אָנגעהויבן ליכטיקער צו שטראַלן. עס קען זיין, אַז דער אַלגעמיינער גייסטיקער אויפשוווּנג האָט אויך אַרויסגעבראַכט צווישן יידן, וועלכע האָבן פריער קוים נאָך געקענט ריידן פאַרשטענדלעך דייטש, פּאָעטן און שריפטשטעלער, וועלכע די דייטשע נאַציע האָט באַלד געמוזט צורעכענען צו די בעסטע, כאָטש מיט אַ געוויסן געפיל פון קעגנשטרעבונג און שטויזונג. דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אונטער דער פאַרוווּנדערונג פון דעם איצטיקן דור. פונדעסטוועגן שטייט נאָך אַלץ פעסט די אַלטע שייד־מויער, און די טויערן זיינען געבליבן פאַרשלאָסן עד היום מיט קייטן און ריגלען. ווייל דער שומר, וועלכער האָט זיי געהיט, האָט נישט געקענט לייכט איינגעשלעפערט ווערן. דאָס איז די ראַסן־פאַרשיידנקייט צווישן דער יידישער און דער קריסטלעכער (דייטשער) באַפעלקערונג. אויב מיין באַהויפּטונג וועט אייך פאַרוווּנדערן, בעט איך אייך אַ קלערער טאָן מכּח דעם, אַז ראַסן־פאַרשיידנקייטן רופן אומעטום אַרויס (ביי די גערמאַנען) קעגנזאַצן, קעגן וועלכע פילאַנטראָפּישע דעקלאַמאַציעס זיינען מאַכטלאָז. צווישן דער דייטשער און סלאַווישער באַפעלקערונג אין בעמען, אין אונגאַרן און זיבנבירגען, צווישן דער דייטשער און דענישער באַפעלקערונג אין שלעזוויג, צווישן דער אַלט־אירלענדי־

שער באַפעלקערונג פון אירלאַנד און די אַנגלאָ־זאַקסן, זיינען נאָך ביז צום היינטיקן טאָג די נאַציאָנאַלע און די ראַסן־קעגנזאַצן אַזוי לעבהאַפט און שטאַרק, אַז מען קען גאָרנישט קלערן מכח דער סאָציאַלער פאַראייניקונג פון די דאָזיקע אַנטקעגנזעצלעכע עלעמענטן. די ראַסן־פאַר־שיידנקייט צווישן גערמאַנען און סלאַוון איז דאָך אָבער אַ קלייניקייט אין פאַרגלייך מיט דער פאַרשיידנקייט צווישן די קינדער פון די בני יעקב, וועלכע זיינען געקומען פון ווייטן אַזיע, און די קינדער פון טייט און הערמאַן דעם כערוסקער, וועלכע לעבן שוין זינט אומענדלעכע ציטן אין האַרץ פון אייראָפע. עס איז דאָך אַ גרויסער אונטערשייד צווישן די שטאָלץ־קוקנדיקע, הויכע מענער־געשטאַלטן מיט בלאָנדע האָר און די באַוועגלעכע, קליינגעוואַקסענע מענטשן מיט שוואַרצע האָר און מיט אַזיאַטישע פנימער. ראַסן, וועלכע זיינען אויף אַזאַ אופן פאַרשיידן צווישן זיך, האָבן אַן אינסטינקטיווע אָפשטויסונג איינע צו די אַנדערע, וואָס אַלע שכלדיקע טענות זיינען מאַכטלאָז קעגן איר".

דאָס איז וויניקסטנס אַן אויפריכטיקע שפראַך. זי באַווייזט אַפילו נישט, וואָס דער פאַרפאַסער וויל באַווייזן, ווייל די קריסטלעכע טויפונג מאַכט דאָך נישט פון דעם ייד אַ דייטש. אָבער זי גיט צו, אַז דער אינסטינקטיווער ראַסן־אַנטאַגאָניזם איז אין דייטשלאַנד נאָך שטאַרקער, איידער יעדע שכלדיקע חקירה. די „ריין מענטשלעכע נאַטור" איז דאָ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער נאַטור פון ריינעם גערמאַניזם. די „בלאָנדע, הויכע געשטאַלטן" קוקן אַראָפ אויף דער ווידעראויפלעבונג פון די באַוועגלעכע, קליינגעוואַקסענע און מיט שוואַרצע האָר מיט אַ געפיל פון „קעגנשטרעבונג און דערשטוינונג". בשעת די מערבדיקע קולטור־פעלקער דערמאָנען נאָר מיט פאַראַכ־טונג דעם שענדלעכן דרוק, אונטער וועלכן יידן האָבן אַמאָל געלעבט צווישן זיי, רעדט דער דייטש נאָר וועגן דעם „שטאַפל פון קנעכט־שאַפט", וועלכן ער האָט אַמאָל אַרויפגעלייגט אויף די יידישע געשטאַלטן".

אין אַ פעליעטאָן, וועלכער איז נישט לאַנג דערשינען אין אַ באָנער צייטונג: „באַן מיט אַכציק יאָר צוריק" ווערט געשריבן מכח די יידן, אַז זיי האָבן געלעבט אין אַ באַזונדערער גאַס און האָבן זיך אומעטום דערנערט פון שאַכער. איך גלויב, אַז מען דאַרף זיך

וויניקער וווּנדערן, אַז די יידן האָבן דעמאָלט געלעבט פון שאַכער, איידער, אַז זיי האָבן איבערהויפּט געקענט לעבן אין יענע יאָרהונדערטן פון דרוק. אַלע עקזיסטענץ־מיטלען און אַפילו דאָס וווינרעכט זיינען ביי זיי צוגערויבט געוואָרן. דורך שוץ־געלטער האָט זיך יעדע יידישע גענעראַציע און געמיינדע געמוזט שטענדיק אויפדאָסניי קויפן די „פּריווילעגיע”, נישט באַרויבט צו ווערן פון איר וווינרעכט. זי איז געווען גליקלעך ווען זי איז, נישט קוקנדיק אויף דעם אָפּמאַך, נישט באַרויבט אָדער פאַרטריבן געוואָרן אָדער פון דעם פאַנאַטישן פאָלק נישט געהרגעט און געמאָרדעט געוואָרן. אויך איך ווייס אַ מעשה פון „פאַר אַכציק יאָרן”. אַ ייד האָט נושא חן געווען ביים קורפירשט פון באָן. מען האָט אים דערלויבט זיך אויסבעטן אַ גנאָד, און ער האָט זיך אויסגעבעטן פאַר זיך און זיינע קינדער אַ דערלויבעניש צו וווינען אין ע נ ד ע נ י ק (ענדעניק איז אַ דאָרף נעבן באָן).

## נאָטע 4.

גבריאל ר י ס ע ר איז, אויף וויפיל איך קען מיר דערמאָנען אין זיין צייטשריפט „דער יודע”, קיינמאָל נישט אַריינגעפאַלן אין דעם טעות פון די מאָדערנע דייטשע יידן, וועלכע זעען אַ סתירה צווישן דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג און דעם קולט פון דער יידישער נאַציאָנאַליטעט. ער האָט געפאָדערט די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג נאָר פאַר די פּאָליטישע און בירגערלעכע פליכטן, וועלכע די פּאָליטישע און בירגערלעכע רעכט פאַרלאַנגען.

נעמען מיר אָן דעם פאַל, אַז די יידן האָבן נישט נאָר אַ נאַציאָנאַלן קולט, נאָרווירקלעך אַ לאַנד און אַ מלוכה, און אַז פיל מיטגלידער פון זייער נאַציע, אַזוי ווי דאָס איז דער פאַל מיט פיל אַנדערע פעלקער, האָבן זיך זינט יאָרהונדערטער באַזעצט אין פראַנקרייך, ענגלאַנד, איטאַליע; וואָלטן די לענדער אָפּגעזאָגט זיי די פולע בירגערלעכע רעכט, די גרויסע נאַטוראַליזאַציע, ווען זיי וואָלטן פאַר זייערע בירגערלעכע און פּאָליטישע פליכטן געפאָדערט די פולע בירגערלעכע רעכט? איז דען נישט גענוג אין אַ לאַנד געבאָרן צו זיין, אָדער אַפילו אויסדריקן דעם ווונטש צו ווערן אַ בירגער, כדי אין איניקע יאָר צו באַקומען בירגער־רעכט? אין הויך ־ ציווילזירטע

לענדער איז דאָס אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. אין דייטשלאַנד, נאַטירלעך, נישט. אין דייטשלאַנד מוז דער זינט יאָרהונדערטער איינגעזעסענער ייד פאַרלייקענען זיין ראַסע, זיין נאַציע, זיין געשיכטע, זיין טיף, זיין טעמפּעראַמענט, זיין כאַראַקטער, כדי אַריינגענומען צו ווערן אין שטאַט. ניין, נישט אין אַ שטאַט, נאָר אין אַ פאָלק, וואָס וועט זיך קיינמאָל נישט אויפהויבן צו אַ מאָדערנעם שטאַט, ביז עס וועט נישט גובר זיין זיינע ראַסן־פאָראורטיילן! אַזעלכע פאָראורטיילן און ראַסן־הערשאַפטס געפילן האָבן די יידן קיינמאָל נישט געהאַט. די תורה גיט אַלעמען גלייכבאַרעכטיקונג, דעם יידן פונקט ווי דעם גר, וועלכער וווינט אין יידישן לאַנד.

## נאָטע 5.

אין דער צייט, ווען מענדעלסאָן האָט געלעבט אין דייטשלאַנד איז אין פוילן אויפגעטרעטן ר׳ ישראל בעל שם. ער האָט אַזוי ווייניק ווי מענדעלסאָן געוואָלט גרינדן אַ סעקטע, אָבער, אַזוי ווי דורך מענדעלסאָנען זיינען אין דייטשלאַנד אַנטשטאַנען די רעפאָרמאַטאָרן, זיינען אין די סלאַווישע לענדער דורך ר׳ ישראל בעל שם אַנטשטאַנען די חסידים. אַ חסיד מיינט אַ זייער פרומער ייד. חסידים זיינען שטענדיק געווען אין יידנטום, אַזוי ווי נאָך פאַר ר׳ ישראל זיינען געווען בעל שם טובס, דאָס הייסט יידן, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט קבלה און האָבן געהאַט פיל אָנהענגער. די יידן האָבן זיך באַטייליקט אין דער קולטור פון די פעלקער, צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט, ווי, למשל, אין שפּאַניע, און זיינען דאָך נישט געווען קיין רעפאָרמאַטאָרן; נאָר די דייטשע יידן זיינען דאָס געוואָרן נאָך מענדעלסאָנען, בשעת זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַטייליקן אין דער דייטשער קולטור. אויב נאָך מענדעלסאָנען און ר׳ ישראל בעל שם טוב האָבן דער ראַציאָנאַליזם און דער חסידיזם ביי די דייטשע און סלאַווישע יידן אַרויסגערופן ערנסטע שפּאַלטונגען, איז די סיבה דערפון געלעגן אין די אייגנטימלעכקייטן פון זייער צייט, וועלכע אונטערשיידט זיך פולשטענדיק פון אַלע פריערדיקע צייטן.

אַקוראַט ווי די איסיים אין די לעצטע צייטן פון אַלטערטום און

די פּראָטעסטאַנטישע, פרומע קריסטן אין סוף פון מיטלאַלטער, שטעלן מיט זיך פאַר די חסידים דעם אינערלעכן יידישן גייסט אין קעגנזאַץ צו די פאַרגליווערטע בוכשטאַבן פון דער תורה. די חסידים היטן נישט אָפּ פּעדאַנטיש די פאַרשריפטן פון יידישן געזעץ, כאָטש זיי זאָגן זיך, נאַטירלעך, נישט אָפּ פּרינציפּיעל נישט פון דער תורה שבכתב און נישט פון דער תורה שבעל פּה. אָבער די תורה שבכתב און די תורה שבעל פּה איז פאַר זיי נאָר אַן אויסדרוק פון גייסט. נישט די פאָרם, נאָר דער גייסט, וועלכער האָט די פאָרם געשאַפן, איז פאַר זיי הייליק. זיי זיינען נישט קיין אַסקעטן, היטן אָבער אָפּ שטרענג די מאָראַלישע ריינקייט. די מתנגדים, וועלכע וואַרפן זיי פאָר, אַז זיי זיינען עובר אויף געוויסע מצוות און דינים, ענטפערן זיי: מיר שטייען נישט אונטער דעם מדת הדין, נאָר אונטער דעם מדת הרחמים. אין דעם ספר "תניא" האָט ר' שמואל פון ווילנע אַנטוויקלט די פילאָזאָפישע זייט פון חסידיזם פון שטאַנדפּונקט פון קבלה. די תלמידים פון דאָזיקן פילאָזאָף רופן זיך חב"ד (חכמה, בינה, דעת). אויך אין ירושלים איז פאַראַן די דאָזיקע סעקטע.

אויף ווי וויט דער חסידיזם האָט זיך פאַרשפּרייט אין פּוילן, אין די סלאַווישע לענדער, אין אונגאַרן, צווישן דער פאָלקס-מאַסע, איז ער פאַרשטייט זיך, נישט געבליבן פריי פון ווילדקייטן און לעכער-לעכן אַבערגלויבן. די קריטיק האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען דאָס אייגנטלעכע וועזן און די היסטאָרישע באַדייטונג פון חסידיזם. די מתנגדים, פּונקט ווי די ראַציאָנאַליסטן האָבן דערקלערט דעם חסי-דיזם פאַר אַפּיקורסות. אָבער זייער מחרים זיין פון חסידיזם האָט נישט געקענט אָפּהאַלטן אַ גייסטיקע ריכטונג, וועלכע איז אַקוראַט אַזאַ נויטיקער פּראָדוקט פון דער צייט, ווי די רעפאָרם, און האָט שפּעטער נאָך אַ גרעסערע באַדייטונג, כאָטש זי איז געווען אַן אומבאַוווסטזיניקע דערשיינונג, אָדער דוקא דערפאַר, ווייל זי איז געווען אומבאַוווסט-זיניק. די רעפאָרם איז ערשט דאַן געקומען, נאָכדעם, ווי דאָס מאָדערנע לעבן האָט שוין אונטערגעגראָבן דאָס מיטלאַלטערלעכע יידנטום. די רעפאָרם האָט נאָך געקענט באַנוצן דעם יידישן בוים, וועלכער איז אָפּגעהאַקט געוואָרן פון זיין וואָרצל, כדי אויסצופּוצן אירע טעמפּלען, וועלכע האָבן אין זיך גאָרנישט מער קיין יידישעס. דער חסידיזם אָבער, בילדעט אין דעם לעבעדיקן יידישן גייסט זעלבסט, וועלכער איז אינסטינקטיוו אָנגעכאַפּט געוואָרן פון דער

מאדערנער צייט, דעם איבערגאנג פון דעם מיטלאלטערלעכן יידנטום צו א באנייטן און ווידעראויפגעלעבטן יידנטום. מען קען גארנישט בארעכענען די פאלגן פון חסידיזם, וויבאלד עס וועט צוקומען צו אים די נאציאנאלע באוועגונג. אין די גרויסע יידישע צענטרען פון מזרח געפינט דער חסידיזם אלץ מער און מער פארשפרייטונג. די מתנגדים, וועלכע האבן פריער קעגן אים געקעמפט, הויבן אן צו פארשטייך, אז היינט איז פאר דער יידישער פאלקס־מאסע פון מזרח אייראפע פאראן נאר דער אויסוואל: אדער זיי מוזן צוזאמען מיט די רעפארמאטארן אפפאלן פון יידנטום דורך דער מאדערנער קולטור, אדער זיי מוזן אויסמיידן דאס דאזיקע אפפאלן דורך דער ווידער־אויפלעבונג, וואס דער חסידיזם איז דער ערשטער אנזאגער.

אין זייער סאציאלער ארגאניזאציע לעבן די חסידים אין א געוויסער מאס סאציאליסטיש, און דאס הויז פון דעם רייכן איז שטענדיק אפן פארן ארעמאן. זיי האלטן זיך אין דעם אויסדרוק פון פרקי אבות: שלי שלך ושלך חסיד *), א סעקטע, וועלכע איז פעאיק צו זאא מאראל און אזא באגייסטערונג, איז אויפגעבויט אויף עפעס אנדערש, איידער ווילדקייט און אומוויסנהייט.

## 6. נאטע

די גריכן האבן אין זייער קולט היילק געהאלטן די פולקאמע הארמאנישע נאטור, אבער נישט דאס ווערן, די אנטשטייאונג. אויך דער מענטש איז ביי די גריכן פארגעטערט געווארן אלס די פולקאמע ארגאניזאציע, אלס דער שפיץ פון *ארגאנישן* לעבן, נישט אבער אלס דער טרעגער פון א נייער לעבנס־ספערע, נישט אלס א נײ, זיך אנטוויקלענדיק, גייסטיק, מאראליש, *סאציאל* וועזן, אזוי ווי דאס איז געשען שפעטער אין דעם פון יידנטום אנטשטאנענעם

*) עס זיינען פאראן פיר מדות וועגן מיין און דיין, אזוי שטייט אין פרקי אבות. די ערשטע מדה וועגן אייגנטום־רעכט האבן מיר שוין דערמאנט אין דריטן בריוו. דאס איז די געוויינלעכע, בירגערלעכע מאראל, יעדער פאר זיך, שלי שלי ושלך שלך. די צווייטע מדה איז פון די אייגנטום־טיילער, פון דעם פעבל, פון דעם מאב, פון דעם עם־הארץ, וועלכער וויל זיך צעטיילן מיט די רייכע, כדי איבערצובייטן די ראלן: שלי שלך ושלך שלי. די דריטע מדה איז פון דעם חסיד, וועלכער זאגט: שלי שלך, אבער פארלאנגט נישט קיין פרעמדן אייגנטום. די אנטקעגנגעזעצטע מאראל איז פון דעם רשע.

קריסטנטום. די יידן, פאַרקערט, האָבן היייליק געהאַלטן די געשיכטע, דאָס ווערן, דעם קולט פון דעם גאָט יהוה, וועלכער דריקט שוין אויס אין זיין נאָמען „פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט”. אפילו די קאָסמישע און אָרגאַנישע לעבנס־ספערן, וועלכע זיינען פאַרענדיקט אין דעם קעגנווערטיקן וועלט־אַלטער, זיינען אין דער ביבל אַריינגענומען געוואָרן נישט אַלס אַן אייביקער, אָפּגעשלאָסענער קרייז־לויף, נאָר אַלס ג ע נ ע ז י ס, אַנטשטייאונג, וועלכע הויבט זיך אָן מיט דער וועלט־שאַפונג און דעם נאַטור־שבת, כדי אַרומצו־נעמען פּראָפּעטיש די גאַנצע געשיכטלעכע אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט ביז צו דעם היסטאָרישן שבת. די טענדענץ צו דערקענען גאָט אין דער געשיכטע, און נישט נאָר אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, נאָר אויך אין דער געשיכטע פון דעם קאָסמישן און אָרגאַנישן לעבן, איז אַ יידישע גייסטיקע ריכטונג. ביי דעם געשיכטע־שטודיום איז די שטרעבונג צו דער דערקענטעניש פון דעם ווערן, פון גאָט, אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. ביי דעם שטודיום פון דער נאַטור אָבער איז די דאָזיקע שטרעבונג להיפּך צו דער גייסטיקער ריכטונג פון די מאָדערנע נאַטור־פאָרשער. ג ע ט ע און ה ו מ ־ ב אָ ל ד ט זיינען באַוווסטזיניק געווען קעגנער פון דער גייסטיקער ריכטונג, וועלכע הענגט צוזאַמען זייער ענג מיט דער יידישער גאָט־אידיי. די גריכן האָבן היייליק געהאַלטן די גאַנצע נאַטור איינשליסנדיק דעם מענטשן, אַלס פאַרענדיקטן נאַטור־פּראָדוקט. ד י יי ד ן האָבן היייליק געהאַלטן די גאַנצע געשיכטע איינשליסנדיק די געשיכ־טע פון קאָסמישן און אָרגאַנישן לעבן; ד י ק ר י ס ט ן האָבן פאַרגעטערט דאָס איינצלנע מענטשלעכע אינדיווידום אַלס געטלעכע פּערזאָן. ערשט דורכן קריסטנטום איז די אינדיווידואַליטעט אויפגע־טרעטן אין דער וועלט.

דער איינצלנער מענטש, מאַן אָדער ווייב, זין פאַמיליע און אָן פאָטערלאַנד, איז דערקלערט געוואָרן פון קריסטנטום פאַר היייליק. דאָס איז די וועלט־היסטאָרישע באַדייטונג און אויך דער טעות פון קריסטנטום. כדי אויסצודריקן דאָס רעכט פון דעם אינדיווידום, האָט דאָס קריסטנטום געמוזט אויפפאַסן דעם מענטשן אַבסטראַקט, נישט ווי ער איז אין דער ווירקלעכקייט, נישט אין צוזאַמענהאַנג מיט נאַטור און געשיכטע, מיט פאַמיליע און פאָטערלאַנד. דער אונטערגאַנג פון דעם אַנטיקן לעבן און דאָס אויפטרעטן פון די גערמאַנישע ראַסן

האָבן ווידער אַרויסגעבראַכט דאָס רעכט פון אינדיווידום, אָבער אויך די איינזייטיקייט פון דער אינדיווידואַליסטישער ריכטונג. די העכערע איינהייט פון די היסטאָרישע קולטן איז מעגלעך געוואָרן נאָר אין דעם יידישן געשיכטע־קולט, וועלכער דערהויבט זיך צו אַ מדרגה פון אַ וויסנשאַפט. דער יידישער געשיכטע־קולט, וועלכער דערהויבט זיך צו וויסנשאַפט, איז די ביבל־רעליגיע, וועלכע דערהויבט זיך צו דער וויסנשאַפטלעכער גענעזיס פון דעם קאָסמישן, אָרגאַנישן און סאָציאַלן לעבן. ווען דאָס יידנטום וועט ווידער אויפלעבן אַלס זעלבשטענדיקע נאַציע, וועט דער יידישער געניוס ווייטער אויסבילדן די ביבל־רעליגיע.

## נאָטע 7.

בשעת די פּאָרהיסטאָרישע מענטשן־ראַסן זיינען געשטאַנען אויפן גרענעץ צווישן דעם אָרגאַנישן נאַטור־לעבן און דעם סאָציאַלן לעבן, זיינען זיי, לויט דער דערציילונג פון דער תורה, פאַרניכטעט געוואָרן. אין דעם פּסוק שטייען די ביז איצט נישט פאַרשטאַנענע ווערטער: לא ידין רוחי באדם לעולם בשגם הוא בשר — מיין גייסט זאָל נישט אייביק ווילן ביים מענטשן, ווייל ער איז פליישׁ *). וואָס עס אַנט־שטייט איז ווערט, אַז עס זאָל גיין צום גרונט. גאָרנישט איז אייביק אין דער עקזיסטענץ, נישט דער אַטאָם, נישט דער וועלט־קערפּער, נישט דער זאַמען, פון וועלכן עס אַנטוויקלען זיך גאַנצע דורות, נישט דער העכסטער יצירה פון דער ערד, „ווייל ער איז פלייש" און מוז זיך באַנייען דורך טויט און ווידערגעבורט, און מוז גיין דעם „וועג פון פלייש".

אַלע פעלקער האָבן געהאַט מעשיות וועגן דער לעצטער קאַטאַ־סטראָפע, וועגן דער אָרגאַנישער לעבנס־ספּערע. אָבער נאָר אונזער תורה האָט פון אָנהויב אָן אַריינגעוואָרפן אַ טיפן בליק אין דער שאַפונג, האָט באַגריפן דאָס זיין אַלס דאָס ווערן, וואָס אַנטהאַלט

---

*) די מאָדערנע ביבל־קריטיקער מיינען, אַז די ווערטער „ידין" און „בשגם" זיינען פאַרטעותטע פון ילין און בעבור.

אין זיך דעם געזעץ פון לעבן און טויט, און וואָס איר אמת און איר ווירקלעכקייט איז דער אייביקער געבורט און ווידערגעבורט.

די אַנטי - גענעטישע, היידנישע וועלט־אַנשויאונג פון דעם א יי ב י ק ן ז יי ן, האָט נישט ליב צו קוקן דער פראַגע פון וו ע ר ן גלייך אין פּנים אַריין. זי דרייט זיך אַרויס פון דער פראַגע, ווו זי קען נאָר. אָבער די מאָדערנע וויסנשאַפט האָט אַרויסגעשטופּט ביסלעכווייז יענע וועלט־אַנשויאונג פון אייביקן זיין פון אַלע אירע פּאָזיציעס.

## 8. נאָטע

ל ו צ אַ ט אַ רעדט אָן פאַראורטיילן מכח דעם קרבנות־קולט. ער באַטראַכט אים פאַר פאַר־ביבליש, פאַר־היסטאָריש. דאָס וואָרט קדש, וואָס איז יעדנפאַלס עלטער איידער די תורה, שטאַמט, לויט לוצאַטאַ, פון „יקוד אש״ פון בראַנד־קרבן.

לוצאַטאַ איז געוויס אַן אויטאָריטעט אַלס שפּראַך־קענער, און אַלס אָרטאָדאָקסישער ייד. לויט זיין מיינונג זיינען די קרבנות געווען אַ הנחה, וועלכע די תורה האָט געמאַכט דעם פאָלק, כדי עס צו פאַרהיטן פון עבודה זרה. די קרבנות האָבן אָבער אויך געהאַט דעם צוועק צו פאַרבינדן נאָך פעסטער די יידישע נאַציע לויט דעם געבאָט אַז מען זאָל די קרבנות ברענגען נאָר אין בית המקדש. מיט די קרבנות איז נאָך געווען פאַרבונדן ווילטעטיקייט. ווי ביים קרבן פּסח, האָט מען אויך ביי יעדן קרבן, זיך געמוזט טיילן מיט די אָרעמע און אויף אַזאַ אופן פאַרווירקלעכן דעם „כל ישראל ערבים זה בזה״.

דער ר מ ב ״ ם זעט אין דער באַשרענקונג פון די קרבנות די טענדענץ, די קרבנות איבערהויפּט ווי ווייט מעגלעך אָפּצושאַפן. די קרבנות זיינען לויט דעם רמב״ם אַ הנחה צו די מנהגים פון די גוים, כדי דערמיט די מענטשלעכע קרבנות אוממעגלעך צו מאַכן. דער אברבנאל באַמערקט אין זיין פירוש צו שמות, אַז דער קרבן פּסח איז איינגעפירט געוואָרן קעגן דער פאַרגעטערונג פון אַמאָן.

געוויס זיינען אין אַלטערטום די מענטשלעכע קרבנות ביסלעכ־ווייז פאַרביטן געוואָרן דורך קרבנות פון חיות. די גאַנצע פאַרצייטיקע געשיכטע, די ביבלישע אַזוי ווי די היידנישע, באַווייזט דאָס. אין דער תורה באַווייזט זיך גלייך נאָכן מלאך, וועלכער האָט נישט צוגעלאָזט די שעכטונג פון יצחקן, דער „איל משולש״. ווען איירי־פּידעס אין

גריכנלאַנד שילדערט, ווי אַרטעמיס איז מציל די איפיגעניע פון דעם שלאַכט־מעסער פאַר אַ קרבן, געפינט זיך אויך אַ געקוילעטער הירש אויף איר אָרט. אָבער אין דער תורה אַזוי ווי אין גריכנלאַנד בלייבן נאָך שפורן פון מענטשלעכע קרבנות. אַפילו איפיגעניע, וועלכע איז דערוויייטערט געוואָרן פון אוליס, טרעט אויף אין טאוריס אַלס די פּריסטערין פון אַרטעמיס מיט דעם אויפטראַג צו שעכטן יעדן גריך, וועלכער וועט קומען אַהין. ביי די איבעריקע פּאַרציייטיקע פעלקער האָבן זיך נאַטירלעך די מענטשלעכע קרבנות לענגער געהאַלטן, איידער ביי די גריכן און יידן. אין אינדיע, אין מצרים, ביי די אַלטע גערמאַנען, אַזוי ווי ביי די סעמיטישע פעלקער, זיינען די מענטשלעכע קרבנות געווען אַלגעמיין פאַרשפּרייט. די פראַנקן, וועלכע זיינען געקומען אין איטאַליע אונטער דער אָנפירונג פון קעניג טעאָדאָ־בערט, האָבן געבראַכט פאַר אַ קרבן די פרויען און קינדער פון די גאָטן און האָבן אַריינגעוואָרפן אין טייך פאָ זייערע קערפּערס, אַלס די ערשטע פרוכטן פון זיג. די מיינונג, אַז מענטשלעכע קרבנות זיינען נויטיק, כדי צו געפינען געפעליקייט ביי גאָט, האָט געהערשט אויך אין דער שפּעטערדיקער יידישער און קריסטלעכער וועלט. די קריסטלעכע וועלט האָט אויפגעפאַסט דעם טויט פון דעם גע־קרייציקטן, ווי אַ קרבן. „אויך דער פון זינד ריינער מענטש", אַזוי שטייט אין ז ו ה ר, „איז אַ קרבן. די צדיקים זיינען דער קרבן פון דער וועלט" (זוהר, פרשת נח). כפרות ערב יום כפור זיינען נאָך אַן איבערבלייבעניש פון קרבנות. דאָס איז קענטיק אויך אין דער תפילה צו כפרות: זה כפרתי, זה חליפתי, זה התרנגול ילך למיתה ואני אלך לחיים טובים ארוכים ושלום. אַזוי ווי קרבנות האָבן פאַר־ביטן מענטשלעכע קרבנות, אַזוי האָבן תפילות פאַרביטן שפּעטער קרבנות בכלל. די נביאים און די, הייליקע זינגער האָבן דאָס נישט אויפגעהערט אָנצוזאָגן. די נביאים, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן עבודה זרה, האָבן אויך געקעמפט קעגן די קרבנות, וועלכע זיי האָבן באַטראַכט אַזוי ווי עבודה זרה. דאָס אומקערן זיך צו דעם אַלטן יידישן קולט פון קרבנות וואָלט היינט געווען אַקוראַט אַזאַ צוריק־שריט, ווי אַמאָל דאָס אומקערן זיך פון קרבנות מיט בהמות צו מענטשלעכע קרבנות. נאָך דער אויפלעבונג פון דער יידישער נאַציע וועט דער יידישער קולט אויך נישט בלייבן שטיין ביי די תפילות, ווייל די יידישע תפילות דרייען זיך נאָר אַרום דעם חורבן ירושלים

און די תקוות המשיח. דער יידישער קולט וועט זיך אַנטוויקלען פֿאָרויס צוזאַמען מיט דער יידישער נאַציע.

## 9. נאָטע

קאָלאָניזאַציעס אַנטשטייען נישט נאָר אויס באַגייסטערונג פֿאַר אַן אידיי, נאָר אויס דער באַדערפֿעניש פֿון לעבן. זיי קומען אַרויס פֿון לענדער, ווו דאָס לעבן איז שווער, און ציען זיך אין אַזעלכע לענדער, ווו עס איז לייכטער צו געפֿינען פּרנסה. דאָס איז אַ פֿרידלעכע פֿעלקער־וואַנדערונג, וועלכע זוכט אַ בעסערן באָדן פֿאַר דער אַרבעט און אַ גרעסערע שוץ פֿאַר די רעכט פֿון אַרבעט. ווען אין פֿראַנקרייך הערט זיך אַ שטים, אַז די יידן פֿון אַלע לענדער זאָלן אונטערשטיצן די יידישע קאָלאָניזאַציע אין אָריענט, מיינט עס, אַז די יידישע קאָלאָניסטן אין אָריענט קענען מאַכן אַ לייכטערן לעבן, און אַז די יידישע אַרבעט קען דאָרט געפֿינען וויניקסטנס אַזוי פֿיל שוץ, ווי אין אייראָפּע. עס פֿרעגט זיך, אויב אין אָריענט עקזיסטירט דער דאָזיקער ערשטער באַדינג פֿאַר יידישער קאָלאָניזאַציע. ביז היינט איז דאָס נאָך אויף קיין אופֿן נישט דער פֿאַל. עס קען דערפֿאַר נאָך נישט זיין קיין רייד פֿון אַ מאַסן־אויסוואַנדערונג פֿון יידן אין דעם הייליקן לאַנד. אָבער דער אָריענט ענדערט זיך אַ דאַנק דער ציוויליזאַציע. אַ דאַנק די אייזנבאַנען פֿאַרשווינדן היינטיקע צייטן די געאָגראַפֿישע ווייטקייטן און דער קעגנזאַץ צווישן דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע און דער אָריענטאַלישער באַרבאַריי. די קולטור, וועלכע האָט זיך אין לויף פֿון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פֿון דער מענטשהייט פֿאַרשפּרייט פֿון מזרח צו מערב, האָט זיך איצט, זינט דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, אָנגעהויבן פֿאַרשפּרייטן צוריק אין אָריענט. דער געאָגראַפֿישער צענטער פֿון דער קולטור, וועלכער איז זינט טויזנטער יאָרן געווען פֿאַרגליווערט, לעבט ווידער אויף. די פֿראַנצויזישע פּאָן פֿלאַטערט איצט אין עגיפּטן און סיריע, און די ווערטער, וועלכע דער פֿראַנצויזישער דיכטער האָט אויסגערופֿן צו דער סירישער עקספּעדיציע, זיינען נישט נאָר פּאָעטישע, נאָר נביאישע ווערטער.

דער אַלטער נאַפּאָלעאָן שוין, וועלכער האָט אונטערגענומען אַ מלחמה קעגן עגיפּטן, און די סען־סימאָניסטן, וואָס איינער פֿון זיי

שטייט איצט אין דער שפּיץ פון דער סועץ־אונטערנעמונג, האָבן שוין אַנערקענט די גרויסע באַדייטונג פון דער ציוויליזאַציע פון אָריענט פאַרן מאָדערנעם פראַנקרייך. די פראַנצויזישע מלחמות אין קרים און אין איטאַליע זיינען געווען נאָר צוגרייטונגען צו דער לייזונג פון דער אָריענטאַלישער פראַגע. די לייזונג ליגט אין דער פאַראייניקונג פון דער היינטיקער אייראָפּעאישער קולטור מיט דער אַלטער אָריענטאַלישער קולטור פון די סעמיטן. די סעמיטן זיינען ביז היינט געווען יענער אוראַלטער, וועלט־היסטאָרישער, טיפּישער קעגנזאַץ קעגן די אינדאָ־גערמאַנען, וועלכן ע ר נ ע ס ט ר ע נ אַ ן שטרייכט אונטער אַזוי שאַרף און זאָגט דערביי, אַז די סעמיטן האָבן אַ גרעסערע פעאיקייט צו דערוואַכן פון טויט צו לעבן, איידער די אינדאָ־גערמאַנען.

ווען דער סועץ־קאַנאַל וועט פאַרטיק ווערן, וועלן די אינטערעסן פון וועלט־האַנדל און דער פּאָליטיק נויטיק מאַכן די גרינדונג פון ביוראָען און קאָלאָניעס אויפן וועג צו אינדיע און כינע. די אָפּגע־לאָזנקייט און אַנאַרכיע פון די לענדער, וועלכע ליגן אויף דעם דאָזיקן וועג, וועט מוזן אויפהערן. דאָס קען נאָר געשען אונטער דער מילי־טערישער שוץ פון די אייראָפּעאישע מאַכטן. די פראַנצויזישע פּאָליטיק אַרבעט שוין לאַנג אויף דעם וועג. די קנאה וועט נאַטירלעך נישט פאַרגינען פראַנקרייך איר אָריענטאַלישע פּאָליטיק. אָבער די פראַנצויזן האָבן זינט דער גרויסער רעוואָלוציע באַהערשט דעם דואַליזם פון גייסטיקעס און מאַטעריעלעס אין סאָציאַלן לעבן, אַזוי ווי דאָס באַווייזט דייטלעך די פון אונז ציטירטע פראַנצויזישע שריפט.

דער מאַטעריעלער נוצן שליסט אָבער דאָ נישט אויס דעם אידעאַל. דער אידעאַל שוועבט נישט אין דער לופט, נאָר ער האָט אַ מאַטעריעלן יסוד. ווער ס׳אַפּעלירט צו אידעאַלן, איז דאָך דערפאַר נישט אַ צבועק, ווען ער פאַרבינדט מיטן אידעאַל אויך אַ נוצן. און אַ מענטש איז נישט קיין פאַנטאַזיאַר, ווען ער זעט אין דעם ערדישן וואָרצל פון אַלדאָס מענטשלעכע די העכערע בליאונג פון גייסט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דערוויל רעדט זיך נאָך נישט פון אַן אַלגעמיינער אויסוואַנדערונג פון די אייראָפּעאישע יידן קיין ארץ־ישראל. ווען עס וועט אַפילו זיין אַ יידישע מלוכה, וועלן די ווייניקע פון די מערב־אייראָפּעאישע יידן בלייבן וווינען אין זייערע לענדער. די מערב־אייראָפּעאישע יידן, וועלכע האָבן זיך נישט לאַנג ערשט

געעפנט דעם וועג צו קולטור און האָבן זיך אויסגעקעמפּט אַ בכבודיקע בירגערלעכע סיטואַציע, וועלן זיך דערפון נישט אָפּזאָגן, ווען אַ ייִדישע מלוכה זאָל אַפילו ווערן רעאַל. אַזאַ אָפּזאָגן זיך פון דערוואָרבענע רעכט ליגט נישט אין דער מענטשלעכער נאַטור, און מען קען דאָס אַפילו נישט דערוואַרטן פון די פּאַטריאָטישע ייִדן. הייִנט בפרט שוין פון אונזערע אויפגעקומענע „געבילדעטע", וועלכע האָבן איבערגעריסן די פאַרבינדונג מיט זייער אַלטער ייִדישער פאַמיליע און מיט זייער נאַציע און וועלכע שטאָלצירן דערמיט, וואָס זיי זייַנען אַנטלאָפן פון דער נויט פון „פּאָלק". פאַר די איידעלערע ייִדן פון מערב־אייראָפּע וועט עס אָבער נישט זיין קיין מניעה צו שענקען אויפמערקזאַמקייט זייער פאָלק, וועלכן זיי קענען אַפילו באמת נישט, און וועלן אים העלפן אין זיין וועלט־היסטאָרישער מיסיע צו פאָדערן זיין פאָטערלאַנד נישט נאָר פון גאָט, נאָר אויך פון מענטשן.

אין אַלע צייטן האָבן די ייִדן פון דער גאַנצער וועלט געפילט זייער סאָלידאַריטעט מיט די ייִדישע צענטרען. אַפילו אין אַלטערטום האָט דער ברייטער גלות נישט געקענט שטערן דעם מערקווירדיקן ייִדישן פאָלק אָנטיילצונעמען אין יעדער נאַציאָנאַלער אונטערנעמונג, זיך קעגנזייטיק צו העלפן אין גליק און אומגליק, צו טראָגן דעם גורל בשותפות און נישט צו פאַרלאָזן דאָס לעצטע פון די ייִדישע קינדער. הייִנט איז עס פאַר אַ ייִדישער מלוכה פולשטענדיק גלייכגילטיק, וויפיל מיטגלידער פון ייִדישן פאָלק וועלן לעבן אין ארץ־ישראל אָדער אין אויסלאַנד. בשעת דער אַמאָליקער ייִדישער מלוכה האָבן אויך פיל ייִדן געלעבט אין אויסלאַנד. המן הרשע אין דער צייט פון בית־שני רעדט שוין די שפּראַך פון אונזערע הייִנטיקע ייִדן־פיינט: „ישנו עם אחד מפוזר ומפורד בין כל העמים". ס'איז אָבער ניטאָ קיין ציוויליזירטע נאַציע, וואָס פיל פון אירע מיטגלידער זאָלן נישט לעבן צווישן אַנדערע נאַציעס אַלס אויסלענדער אָדער נאַטוראַליזירטע. אַזוי לאַנג, ווי עס איז נאָך נישטאָ קיין זעלבשטענדיקע ייִדישע מלוכה, מוזן דאָך יעדנפאַלס די ייִדן פון גלות פאַרלאַנגען נאַטוראַליזאַציע און גלייכבאַרעכטיקונג, דאָס הייסט, „עמאַנציפּאַציע", כאָטש זיי זאָגן זיך נישט אָפּ פון דער האָפענונג אויף אַ ייִדישער מלוכה. די פרייע נאַציעס זאָגן דערפאַר נישט אָפּ די ייִדן די גלייכבאַרעכטיקונג, ווייל זיי בלייבן טריי זייער נאַציאָנאַליטעט, ווייל גראָד די דאָזיקע טרייקייט פאַרדינט אַכטונג אין העכסטן גראַד.

משה העס

## נאָטע 10.

די העברעאישע צייטונג „המגיד״ ברענגט אין איר נומער פון 26טן מערץ אַ באַריכט פון אַ מיטינג אין מ ע ל ב ו ר ן (אויס־טראַליע) אין דעצעמבער 1861, אין וועלכן ס׳האָבן זיך באַטייליקט באַדייטנדע קריסטן און יידן. דער פאָרזיצער לאַיענס האָט מיטגעטיילט דער פאַרזאַמלונג, אַז די יידן פון ירושלים האָבן געקויפט לאַנד אויפן באַרג ציון, וואָס דערמיט ווערט געמאַכט ווערן דער אָנהויב פון אַ יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. נאָך אים האָט גערעדט אַ יידישער געלערנטער, און אַן איבערזעצער האָט אי־בערגעזעצט זיינע רייד פון העברעאיש אין ענגליש. זיין פּאַטריאָ־טישע רעדע איז שטורמיש אַפּלאָדירט געוואָרן. דערנאָך האָט גערעדט אַ קריסטלעכער גייסטלעכער פאַר דעם ווידעראויפבוי פון אַ יידישער מלוכה: „צו וועלכער מלוכה״, האָט ער גערעדט, „קען אָנקומען ארץ־ישראל בירושה? צו טערקיי? זי שטאַרבט אָפּ און אירע טעג זיינען געציילטע. צו פראַנקרייך ? — רוסלאַנד און ענגלאַנד וועלן דאָס נישט דערלאָזן, און די דאָזיקע דריי מלוכות וועלן עס איינער דער אַנדערער נישט פאַרגינען. נאָר די יידן קענען באַקומען ארץ־ישראל, אַזוי ווי זייערע עלטערן האָבן דערוואָרבן דאָס דאָזיקע לאַנד מיט דער הילף פון גאָט״. דערנאָך האָט גערעדט דער ד י ע ן אָ ף מ ע ל ב ו ר ן און האָט דערקלערט, אַז ער האָט שוין לאַנג געזאָגט צו זיינע לאַנדס־לייט, אַז די יידן וועלן באַלד ווערן די האַרן פון דעם לאַנד, וואָס איז זיי צוגעזאָגט געוואָרן. זיין פרייד איז גרויס, וואָס ער האָט עס דערלעבט, אַז דער ערשטער שריט איז געשען. דער אָנהויב איז אַפילו קליין, אָבער ער וועט פירן צום ציל. אַזוי ווי די ערשטע און צווייטע דערלייזונג פון גלות, מוז אויך די דריטע דערלייזונג פאָרקומען אויף אַ נאַטיר־לעכן אופן, אָבער דורך דער הילף פון גאָט, און עס איז דערפאַר אַ הייליקע פליכט פון די קריסטן צו אונטערשטיצן די יידן אין זייער ווערק.

דערנאָך איז באַשלאָסן געוואָרן צו בילדן אַ קאָמיטעט און צו זאַמלען געלט אין גאַנץ אויסטראַליע, כדי איינצושאַפן לאַנד אין ארץ־ישראל פאַר די יידן.

אָבער נאָך איידער די דאָזיקע נייעס איז באַקאַנט געוואָרן,

האָט רבי צבי הירש קאַלישער אַרויסגעגעבן דעם דריטן חלק פון זיין ווערק „אמונה ישרה", פון וועלכן עס האָט זיך שוין געדרעדט אין 12טן בריוו. די מיינונגען פון רבי קאַלישער זיינען איינשטימיק מיט דעם דיען אָף מעלבורן, אַז די גאולה פון דריטן גלות דאַרף פּאַרקומען דערווייל פּאַמעלעך, אונטערן שוץ פון די אייראָפּעאישע מאַכטן און מיט דער הילף פון אונזערע איינפלוס־רייכע ברידער, וועלכע האָבן זיך דערוואָרבן אַזוי פיל רייכטום און הויכע פּאָסטנס. ער שרייבט אַזוי: מאמר ראשון, גאולת ישראל, 11: וכעת יושבים קרוב למלכות כבית ראָטשילד, פולד, ודומיהן. כי ראשית הגאולה ע"י התעוררות רוח נדיבים וע"י רצון המלכיות לקבץ מעט מיני פזורי ישראל לאדמת קודש".

קודם כל מוז מען, לויט דער מיינונג פון פּאַרפאַסער, גרינדן אַ געזעלשאַפט פאַר דער אונטערשטיצונג פון יידישע קאָלאָניסטן אין פּאַלעסטינע. פאַר דעם פרומען יידן איז נישטאָ קיין גרעסערע מצווה, ווי צו קולטיווירן דאָס הייליקע לאַנד דורך אַרבעט.

דאָס שלוס־וואָרט פון פּאַרפאַסער, וואָס איז אין 12טן בריוו איבערגעזעצט געוואָרן אין דייטש, לויטעט אַזוי:

ועתה אם עוד לא בא עת לחננה לבקש תחבולות, אשר מזבח ד' בציון נכון, אם עוד רחוק הרשיון מן השולטן לזה, זאת אפוא עצה היעוצה לעת כזאת, אשר גדלו והצליחו בעזרת גואל ישראל ית"ש גדולי נדיבי עם בישראל, רוזנים ופרתמים, שרים נכבדים, אשר מימות החורבן לא נמצאו כאלו, אשר יש להם שבט מושלים ע"י שרביט הזהב בריצי כסף כמו בית רוזני ראָטשילד, מאָנטיפיורי, פולד, אַלבערט קאָן ודומיהן, שרי ארץ מעם בני ישראל ד' עליהם יחוס, המה יחלו להקים חברת ארץ נושבת, ועם יתחברו הרבה עשירי ישראל, נכבדי עם, נדיבי לב, אוהבי ד' ואוהבי קדושת ארצו, ישוחרי משכנות יעקב, וזאת פעולתם אשר יפעלון בעים רוחם:

א) יזלו הרבה כסף מכיסם לקנות בארץ ישראל הרבה ערים הרבות, ושדות, וכרמים, ופלחי אדמה, והיה המדבר ללבנון, והרכסים למישור וארץ נשמה מבלי עובד תרפח כחבצלת ותמצח פרי לתרופה, כשדה אשר יברכהו ד' י"ש. יד על יד יקובצו הרים וגבעות, כפרים וערים נשמות תחת יד ממשלתם, אשר בכסף בני החברה יקנו (או עפ"י אַקציען, כי בלי ספק בהמשך זמן יוצמח מזה פרי בריווח, כי יצוה ד' את הברכה בצמחי השדות, וכרמים ושמן זית ודומיהן).

ב) יתקבצו להם אנשים יהודים רבים מרוסיא, פולין ואשכנז, אשר יקחו שכרם מהחברה לפעול עבודת הארץ, אשר יפקדו עלימו מהחברה, ומי שיבין בעצמו עבודת אדמה, יותן לו כברת ארץ על זמן, לעבדה ולשמרה ולאכול מפריה בחנם, עד אשר יעלה השבח כפי ראות עיני הפקידים עליה, ואם יחסר לו די מחייתו בעוד האדמה לא זרועה, יותן לו מהחברה די מחייתו עד עת הקציר ובציר אשר עוד לא יחסר לו טרף לביתו.

ג) להכין שם שומרי מלומדי מלחמה, למען לא יבואו הערבים, אשר ישליו אוהלים לשודדים לשחת הזרע ומטעי כרמים, ויעשו פאָליציי־אָרדענונג להשמידם.

ד) שיוקבע מהחברה בית מדרש ללימוד חכמת הארץ (עקאָ־נאָמיע), לחנך נערי בנ״י, ללמדם עבודת שדה וכרם עם שארי למודים הנלוה עם תורה ויראה, ובית הלימוד ההוא יהיה בארץ ישראל או בחוץ לארץ, במדינה אשר היין והשמן מצוי, למען ילמדו היות כרמים ויוגבים מלבד עבודת שדה. כי ארץ הקדושה ארץ זית, שמן, גפן, תאנה ורמון, והאל יתברך יעזרנו בחסד עולם, כי מעט מעט ותרבה עשות מקנה וקנין בארץ ישראל, כנבואת יחזקאל ע״ה, אשר בלי ספק יצרך אתערותא מצדינו כראיות מספרי, ומדרש, ודומה שהבאתנו לעיל *).

---

## נאָך אַ וואָרט פון פאַרפאַסער

אין דער לעצטער מינוט פאַרן פאַרעפנטלעכן דאָס ווערק, לייען איך אין דער קרייץ־צייטונג מכח אַ יידן־פריינטלעכער שריפט אונטערן נאָמען: „די יידן און דער דייטשער שטאַאט”, וואָס איז דערשינען אין בערלין און האָט שוין דערלעבט פינף אויפלאַגעס.

איך וואָלט זיך געווונטשן, אַז איך זאָל זיך פריער האָבן דער־ווסט מכח דעם דאָזיקן קריסטלעך־גערמאַנישן פּראָדוקט. נישט, פאַרשטייט זיך, כדי קעגן דעם צו פּאָלעמיזירן, נאָר כדי צו קאָנ־סטאַטירן דעם „געשמאַק” פון די לעזער. נאָך דעם, אָבער, ווי איך

---

*) זע די איבערזעצונג אויבן

האָב אַריינגעקוקט אין דעם בוך, האָב איך גלייך דערזען, אַז דער אַנאָנימער פּראָפעסאָר איז אַ „ספּעקולאַטיווער" אַטעאיסט און רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז איבערגעלאָפן צו דער פּאַרטיי פון דער קרייץ־צייטונג, און ווען דאָס דייטשע פּובליקום ווערט מיט עמפּערונג אָפּזאָגן יעדע סאָלידאַריטעט.

ע נ ד ע.

# אינהאַלט:


אָנשטאָט אַ הקדמה — פון י. עפּרויקין.................9

פ אָ ר ר ע ד ע ........................................ 15

מאָזעס העס — זיין לעבן, זיין ווירקונג און זיין פילאָזאָפיע,
פון ד״ר נחמן סירקין.............................. 17

פ אָ ר וו אָ ר ט ........................................ 75


## ב ר י וו:


ערשטער בריוו ........................................ 80

די צוריקקערונג אַהיים. — די יידישע פרויען. — אַ קוואַל פון דער יידישער געשיכטע־רעליגיע. — פאַ־מיליען־ליבע. — מאַטער דאָלאָראָזאַ.

צווייטער בריוו ........................................ 81

געדדאַנקען וועגן טויט און תחית־המתים. — פאַמי־ליען־קברים. — קרובישע נשמות. — די יידישע און אינדישע הייליקע. — שאָפּענהויער. — אחרית הימים. — דער שבת פון דער געשיכטע.

דריטער בריוו ........................................ 83

אומשטערבלעכקייט. — רבי יוחנן. — רמבן. — משיחיות. — פאָטער אונזערער. — סאָלידאַריטעט. — פראַנקרייכס רוף און דער רעאַקציאָנערער געשריי.

פערטער בריוו ........................................ 87

דער דייטשער יידן־האַס. פאַטריאָטישע ראָמאַנטיקער און פילאָזאָפירנדיקע בוכהענדלער. — אָטטאָ ווי־גאַנד. — בערטאָלד אויערבאַך. — מאָלעשאָט. — ד״ר גאַלוואַרדין. — די רעפאָרם און די יידישע נעז. — אַ פאָטאָגראַפישער פאָרטרעט. — העברעאי־שע תפילות. — פאַטריאָטיזם. — מיין זיידע. — די מאַמע רחל. — נאַציאָנאַלער טרויער.

פינפטער בריוו ................................ 93

צוריקבליק. — געשעעניש פון דמשק. — אַ שמערץ־געשריי. — ממזר־בילבול. — העפ־העפ. — די פליטה אין פראַנקרייך. — אַ דייטשער ערלעכער מאַן. — גערמאַנישע פּאַטריאָטן. — זשעפּערסאָן. — פאָטער־לענדער און מלכים. — ווו עס איז גוט, דאָרט איז דאָס פאָטערלאַנד. — דאָס יידישע אינקאָגניטאָ. — די רעליגיע פון טויט. — טראָג הויך דיין פאָן, מיין פאָלק.

זעקסטער בריוו ................................ 99

די איידעלע פאַרטרעטער פון דעם דייטשן גייסט. — פּאַטריאָטישע יידן. — דער היסטאָרישער גרעץ. — מערסיער. — האַרבסט און פרילינג פון דער וועלט־געשיכטע. — שבתי צבי. — חסידים. — נאַטור־רעליגיע און געשיכטע־רעליגיע. — די יידישע מו־טער. — וויקטאָר הוגאָ. — בערנע, ברוך איטציק.

זיבעטער בריוו ................................ 106

דער רעפאָרם־שווינדל און די קריטיקלאָזע רעאַק־ציע. — לוטער און מענדעלסאָן. — דער שליסל צו דער רעליגיע פון דער צוקונפט. — די דריי עפּאָכן פון יידישן געזעץ. — דער ווידעראויפבוי פון דער יידי־שער מלוכה.

אַכטער בריוו ................................ 114

ניי אויפבליענדיקע יידישע ליטעראַטור. — לוצאַטאָ, ראַפּאָפּאָרט, פראַנקעל, קראָכמאַל. — זאַקס און היינע וועגן יהודה הלוי. — מענדעלסאָן און די נייטאָדי־שע. — שאָר. — סעקטאַנטן אָן סעקטן. — סאַל־וואַדאָר. — רעליגיע־צוויפּמישער און פריימויע־רער. — הירש. — די כלומרשטע מיסיע פון יידן אין גלות.

ניינטער בריוו ................................ 123

אַ דילעמע. — הייליקע געשיכטע פון דער מענטש־הייט. — אונזערע בונדעס־גענאָסן. — איינהייט פון

אָרגאַניזם פֿון דער מענטשהייט. — אָרגאַן פֿון ליבע. מענטשן־געשלעכט. — ראַסן און פֿאָלקס־טיפּן. —

צענטער בריוו ........................ 129
אַן אַנדער דילעמע. — דערפֿאַרונגס־וויסנשאַפֿטן, פֿי־לאָזאָפֿיע און רעליגיע. — פֿאָרשריט און קרייזלויף. — שבת. — די אַנטשטייאונג פֿון קאָסמישן, אָרגאַנישן און סאָציאַלן לעבן. — די מאָראַלישע נויטווענדיקייט אָדער די הייליקייט. — עפּאָכן פֿון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונגס־געשיכטע: פֿאָרהיסטאָרישע צייטן, גע־בורטס־צייטן און געבורטס־ווייען, עפּאָכע פֿון רייפֿ־קייט.

עלפֿטער בריוו ........................ 139
דאָס רעגענערירטע יידנטום און דער קרבנות־קולט. — צוויי טויזנט יעריקע זיפֿצן נאָך אַ נייער ליכט־שאַפֿונג פֿאַר ציון. — פּאַטריאָטישע שירים און תּפֿילות. — אַן אַלטע לעגענדע. — צייכן פֿון צייט. — די צייט פֿון דער צוריקקערונג דערנענטערט זיך. — די אָריענטאַ־לישע פֿראַגע און די יידן. — באַגייסטערטער אויפֿרוף פֿון אַ פֿראַנצויז.

צוועלפֿטער בריוו ........................ 153
דער אָנהויב פֿון סוף. — סאָלידאַריטעט פֿון די יידן.— פֿילאַנטראָפּישע אילוזיעס. — די סאָציאַלע מלוכה פֿון חיות. — די הייבאַמען פֿון דעם פֿאָרשריט. — די טרייע באַשיצער פֿון דעם הייליקן קבר און דער יידי־שער נאַציאָנאַליטעט. — ירושלים. — די לעצטע קאַ־טאַסטראָפֿע.

## עפּילאָג:

1. גריכן און יידן ........................ 167
2. קריסטוס און ספּינאָזאַ ........................ 173
3. די גענעטישע וועלט־אָנשויאונג ........................ 192
4. דער לעצטער אַנטאַגאָניזם ........................ 198
5. די לעצטע ראַסן־הערשאַפֿט ........................ 205
6. אַ שטיק געשיכטע ........................ 208

## נאָטן:

נאָטע 1 .......... 213
נאָטע 2 .......... 214
נאָטע 3 .......... 217
נאָטע 4 .......... 219
נאָטע 5 .......... 220
נאָטע 6 .......... 222
נאָטע 7 .......... 224
נאָטע 8 .......... 225
נאָטע 9 .......... 227
נאָטע 10 .......... 230
נאָך אַ וואָרט פון פאַרפאַסער .......... 232

# פאַרלאַג גראָהאַר — פּאַריז

אין פאַרלאַג געפינען פאָלגנדיקע ביכער:

י. קאָרנהענדלער — „בריוו פון לעקטור" (4 יאָר נאַצי־הערשאַפט אין פראַנקרייך);

"　„דער טויט פון ישן אין... פוילן";

"　„אַלט־פּאַריז", (1טער און 2טער באַנד);

מ. שולשטיין — לידער;

ב. שלעזווין — „די יידן פון בעלוויל" (ראָמאַן);

ד״ר י. ציגעמאַן — „די געשיכטע פון ציוניזם" (1. און 2. טייל);

לאָ דאָקאַ — „בען" (מאָנאָגראַפיע);

בען — „דער תנ״ך אילוסטרירט";

"　„בעלמער מעשיות" (אילוסטראַציעס);

ד״ר מ. דוואָרזשעצקי — „ירושלים דליטאַ אין קאַמף און אומקום";

מרדכי שטריגלער — „אין א פרעמדן דור" (לידער און פּאָעמען);

"　„די ערשטע ליבע פון קאָפּל מאַטש" (ראָמאַן);

"　„אין די פאַבריקן פון טויט";

חיים גראַדע — לידער;

מרדכי סאָרגע — „אין די אָרעמס פון טויט";

יצחק גוטווין — „א זכר פון מיין שטעטל דזשיקיוו";

לענאַ קיכלער — „מיינע קינדער";

עמנואל רינגעלבלום בוך;

שלום־עליכם — „דער זייגער" (אילוסטרירט);

ספּעציעלער פאַרקויף פון:

יהואש — תנ״ך אין דער יידישער איבערזעצונג;

אַלע ווערק פון: שלום־עליכם, מענדעלע מוכר ספרים, שלום אַש, ח. נ. ביאַליק, י. י. זינגער, א. צייטלין, מ. באָריישאָ א״אנד.

עס געפינען זיך אין פאַרלאַג אַלע ווערק פון ארגענטינער „פאַרלאַג פון פוילישע יידן"; אַלע ווערק פון די יידישע צפון־אַמעריקאַנער פאַרלאַגן, ווי אויך אַלע יידישע ווערק, וואָס דערשיינען אין דער גאַרער וועלט.

דער פאַרלאַג גרייט צו צום דרוק די ווערק פון אונזערע קלאַסיקער אין דער פראַנצויזישער איבערזעצונג: פרץ, שלום־עליכם, מענדעלע, י. י. זינגער, און י. אָפּאַטאָשו. צו טייל ביכער קומען צו אַנטשפּרעכנ־דיקע אילוסטראַציעס, געצייכנט פון קינסטלער בען.

---

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

Toby Grohar, 23, Rue Notre-Dame de Recouvrance
Paris (2e)

Edition Toby GROHAR
23, Rue Notre-Dame
de Recouvrance
PARIS (2e)

Imprimerie M. GELBARD
20, Rue Ferdinand-Duval
PARIS (4e)